STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10677

GEKLIBENE VERK

Isaac Meir Weissenberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. ווײַסענבערג — געקליבענע ווערק

י. מ. וויַסענבערג

געקליבענע ווערק

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“
קיִעוו — 1930

די ביבליאָגראַפּישע פאַרצייכענונג
פון דעם בוך און די שיפערן
פאַר ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן זיינען
אָפּגעדרוקט אין „צײַטשריפט פון
דרוק" און אין דעם „קאַרטן-רע-
פּערטואַר" פון דער אוקראַיני-
שער בוך-פּאַלאַטע.

מעלוכע - טרעסט „קיִעוו - דרוק".
2-טע דרוק. וואָראָווסקי-גאַס 42.
באַשט. № 3545. געדרוקט 3000.
12 דר.-בויגן. קרײַזליט 1038.

י. מ. ווײַסענבערג

I

דער ערשטער באנד ווײַסענבערגס ווערק („ווירקלעכקײַט״ ווארשע, 1925), וואָס איז דערשינען טאקע אין זײַן אייגענעם פארלאג („פארלאג ווײַסענבערג״), הייבט זיך אָן מ׳ט א שארפן פאמפלעט („נישט קיין פּאָרעדע״) קעגן שאָלעם אשן. אין דעמ־דאָזיקן פאמפלעט שילדערט ווײַסענבערג אשן ווי א ליטעראַרישן געשעפטמאכער, ווי א זעלבסטרעקלאמיסט, ווי א הענדלער־טענדלערישן קלאלטוער. ער שטרײַכט עטלעכע מאָל אונטער אשס סאָכרישע אָפּשטאמונג („און ניט צוליב דעם, וואָס ער קומט ארויס פון סאָכרים, וואָס דער קלאס פארנעמט בא אונדז א כאָשעווער אָרט לויט זײַן פּראָצענט״, „איז עס ניט א סימבאָל, אז ווײַל ער אליין איז א סויכער, ס׳הייסט ער שטאמט נאָר פון סאָכרים״ א. אז. וו. א. ד. גל.). מאָלנדיק אין א סארקאסטישן טאָן אשס באציִונג צו די ארבעטער, שרײַבט ער:

„און מערקווירדיק, אז דאפקע אש איז מער צוגעבונדן צום ארבעטער, ווי אלע די שרײַבער, וואָס קומען אפילע אליין ארויס פון דווירדוירעס ארבעטאָרער!... וואָרעם קיינער קען ניט אזוי וויסן וואָס צו טון באם ארבעטער־געדאנק, ווי א סויכער...״

און ניט קיין צופעליקע דערשײַנונג איז דערדאָזיקער פאמפלעט ווײַסענבערגס קעגן שאָלעם אשן, ווי ניט צופעליק איז אויך דער פלאץ, וואָס איז אף דעם פאמפלעט אָפּגעגעבן געוואָרן: ארײַנפיר צום ערשטן באנד פון זײַנע ווערק אין זײַן אייגענעם פארלאג!

ווײַל זיי זײַנען צוויי אנטיפּאָדן אָט די ביידע שרײַבער — שאָלעם אש און יִיצכאָק־מייער ווײַסענבערג! אייגער — שאָלעם אש — איז א נעגידישער שרײַבער, אלנפאלס האָט ער אָפּגעגעבן צענדליקער יאָרן שאפונגס־לעבן, קעדיי אזעלכער צו ווערן, ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע קינסטלערישע און אויסער־קינסטלערישע קויכעס ארופצוארבעטן זיך צום ראנג „שײַנדל פונעם יידישן פאָלק״ און האָט זיך סאָפּקאָלסאָף טאקע דערשלאָגן אנערקענונג סײַ באם דאָלארן־גאָדל פון ניו־יאָרקער איסט־בראָדוויי, אייב קאהאן, סײַ באם נאלעווקער „היינט״, וועלכער האָט פּראָקלא־מירט אשן פאר דעם „גרויסן יידן פון אונדזער צײַט״. און דער צווייטער — י. מ. ווײַסענבערג — איז א קאפצאָנים־שרײַבער, א פּלעביי, א פּראָסטאַק, וואָס ער הערט

ניט אויף צו „בויאנעווען", צו מאכן „גראָביאַנישע" סקאַנדאַלן קעגן דעם איידעלן געזינדל פון דער באַלעבאַטישער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן.

און זייער אַנטאַגאָניזם ווערט נאָך פאַרטיפט דערפון, וואָס ביידע האָבן זיי אָנגעהויבן זייער קינסטלערישן וועג, צושמידנדיק זייער שעפערישע אויפמערקזאַמקייט צו איין און דערזעלבער סאָציאַלער באַזע — צום קוילער געסל.

„וואָס שטעלט מיט זיך פאָר סאָציאַל דאָס קוילער געסל?" — איז מיר ניט לאַנג צוריק אויסגעקומען צו שרײַבן אין פאַרבינדונג מיט שאָלעם אַשן:

„דאָס איז אַ ניט-דיפערענצירטער קליינבירגערלעכער האַמוין, וואָס איז, פון איין זײַט, אַ רעזערוו פון אַרבעט-קראַפט פאַר די וואַרשטאַטן, פאַבריקן און זאַוואָדן און, פון דער אַנדערער זײַט, באַזאָרגט ער מיט פריש פלייש אויך די בורזשואַזיע. באַם קאַפּיטאַליזם ווערט דידאָזיקע מאַסע אין איר מערהייט אָדער פּראָלעטאַריזירט אָדער דעקלאַסירט, און אַ געוויסער טייל „אַרבעט זיך אַרויף" און פאַרנעמט אַן אָרט אין די רייען פון דער בורזשואַזיע, ער „מאַכט אַ לעבן".

שאָלעם אַש האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט", ער איז געוואָרן דער „גרויסער ייִד" פונעם „הײַנט"-ישן ייִדנטום. ווײַסנבערג איז אַוועק...

וווּהין איז ווײַסענבערג אַוועק?

דאָ הייבט זיך אָן די שווערע ווײַסענבערג-פּראָבלעם.

II

ווײַסענבערג האָט איין גרויסע מעלה לעגאַבע שאָלעם אַשן — ער האָט זיך אין זײַן קינסטלערישער שאַפונג קיינמאָל ניט אָריענטירט אויפן בורזשואַזן כּלל-ייִשׂראלי קיינע יעקבֿ־זיקל גאָמבינערס און שלוימע נאָגידס האָבן אים ניט געצויגן. אַדרעבאַ. ער האָט צו זיי שטענדיק געפילט אַ סינע, אַן עמעסע קלאַסן-סינע. ער איז די גאַנצע צײַט געבליבן טרײַ די כוואַליע „דרײַ פּייען" — פישער, פליישער, פורמאַמאַנעס — אין זייער קוואַליטעט אַלס „עלטערן פון קומענדיקע פּראָלעטאַריער".

דאָס „קוילער געסל", די כוואַליע „דרײַ פּייען" פילן בײַ ווײַסענבערגן אויס גאָר אַן אַנדער פונקציע, ווי בײַ שאָלעם אַשן. בײַ אַשן איז דאָס קוילער געסל, די כוואַליע „דרײַ פּייען" אַ פרישער קרעפטיקער רעזערוו פאַר דער „נאַציע", אַ נאַציאָנאַלער זוים, וואָס כאַפּט אַרום און באַוואַכט די סוילעס פון דער נאַציע, איר גווירישן און שולגעסלדיקן צענטער. ווען דאָס קוילער געסל צעבושעוועט זיך, איז עס מער ניט ווי אַ שפּיל פון נאָך אַמעראַציישע, נאָך פאַגרעבטע, אָבער נאַציאָנאַלע קויכעס, ס'איז אַ מין מאַנעווערס פון דער פאָלקס-אַרמיי, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון דער נאַציע. עמעס טאַקע, נאָטע זשאָכלינער רופט מיט זײַנע גווורעמײַסים אַרויס אַ געפאַר פאַר ייִדישע געוועלבער, אָבער טאַקע ער צוזאַמען מיטן גאַנצן קוילער געסל ראַטעווען מיט זייער גווורע אָפּ פון געפאַר, אַזוי אַז די נאַציע מאַכט דערנאָך אַפילע אַ „מישטעלע" אין בעסמעדרעש.

אין יענע יאָרן, אין די יוגנט-יאָרן פון ערעוו רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, האָט שאָלעם אַש אין „קוילער געסל" געגעבן אייגנטלעך אַ צווישן-נאַציאָנאַלן געשלעג, נאָר אויפגעפּאַסט ווי אַ קויכעס-שפּיל פון יוגנט-ברויז. מיט אַ יאָר צען-פופצן שפּעטער וואָלט עס שוין בײַ אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קידעשהאַשעם"-עפּאָפּייע,

נאָך מיט א יאָר צען־פופצן שפּעטער וואָלט ער דאָס שוין אופגעפּאסט ווי א קאמף צווישן דער יידישער נאציע, לאָמיר זאָגן, מיט די אראבער אין פּאלעסטינע און וואָלט זיך פארנומען מיט נאציאָנאלער סטאטיסטיק צו באווייזן, אז אראבער זיינען געפאלן אין שלאכט מער, ווי יידן, און — „ווען מיר זאָלן נאָך האָבן געגוג ביקסלעך"...

גאָר אנדערש איז עס בא ווייסענבערגן. די „דריי פּייען" זיינען בא אים ניט קיין אקסעסואר פאר דער נאציע, איר רעזערוו דער אמעראצישער, וואָס זיין בארוף איז צו באוואכן די סאמע נאציע, — זיי זיינען א האמויניש־האָרעפּאשנער מאסיוו, וועלכער איז געווענדעט טאקע קעגן די פּניי פון דער נאציע, קעגן איר אויבנאָן, קעגן דעם גווירישׂ־שולגעסלדיקן קלאל. און טאקע אין יענע יאָרן, אין די יאָרן פון ערעוו רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, האָט ווייסענבערג אין זיין „שטעטל" געגעבן אן אופבּרויז פון „דריי פּייען", אָבער אין זייער קוואליטעט ווי פּראָלעטא־ריאט, וואָס טרעט ארויס קעגן דעם גווירישן קלאל־יִיסראָעל. דאָרטן קומט פּאָר קלאסנקאמף, און עס שטייען איינע קעגן די אנדערע ניט יידן און „גוייִם", נאָר ארבעטער און באלעבאטים, ארבעט־פאָלק און גווירישער קלאל מיט זיינע אונ־טערלעקער.

בא שאָלעם אשן שעמען זיך, עמעס, די „פּיינע מענטשן" מיטן קוילער געסל: „גראָבע מענטשן, קאצאָווים, פישער־יונגען, זאָגן אלעמען „דו", נאָר..." מע דארף זיי האָבן, זיי זיינען א טייל פון דער נאציע, ווייל „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר". דאָסזעלבע איז מיט די כעוורע פונעם „קוילער געסל". זיי האָבן זיך טאקע ניט געכאווערט מיט די מעיוכאָסים פון די אנדערע געסלעך, זיי פלעגן זיי רופן „אויסגעווייקטע יידן", זיי האָבן ניט געקענט פארטראָגן דעם רייעך פון בעסמעדרעש און מיקווע, אָבער — זיי האָבן זיך דאָך באצויגן צו זיי מיט אכטונג, ווייל אין „גאָט־זאכן" האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באגיין אָן די מעיוכאָ־סים, ווייל, טאקע ווידעראמאָל, „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר".

בא ווייסענבערגן זיינען די קעגנזייטיקע באציונגען געבויט גאָר אף אנדערע יעסוידעס. דאָ האנדלט זיך ניט וועגן נאציאָנאל־עסטעטישע אָפּשאצונגען: עפּל־געשמאק צי מיקווע־גערוך. דאָ האנדלט זיך וועגן קלאסן־סטירעס, וועגן צוויי קלאסן־לאגערן. און האגאם אין „שטעטל" הייבט זיך אָן די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין בעסמעדרעש איבער פּייסעכדיקער מעל, און יעקל סטאָליער טרעט דאָרטן ארויס קעגן דער מאָנאָפּאָל פון די אָרטיקע מעל־הענדלער אף פּייסעכדיקער מעל, אָבער שוין אין דעמדאָזיקן קאָנפליקט פילט זיך, אז דאָ ליגט פארבאָרגן ניט א „מיר יידן", נאָר א טיפער קלאסן־אנטאגאָניזם, וועלכן עס שטייט ערשט פאָר אויסצושיילן זיך פונעם קאָנפעסיאָנעלן הייטל.

און ביסלעכווייז וויקלט זיך דעם קאמף פאָנאנדער, די ארענע ווערט שוין ניט דער בעסמעדרעש, אין קאָן שטייט שוין ניט פּייסעכדיקע מעל, און אָנגעהויבן מיט יעקל סטאָליערס ארויסטרעטונג אין בעסמעדרעש, קריסטאליזירט זיך ביסלעכ־ווייז אויס א רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־אָרגאניזאציע, וואָס האָט איר רוקן, איר הינטערלאנד זיינען די „דריי פּייען", און טאקע פאר דער ווירקונג אף אָט דער

בעווריע קומט פאַר א ביטערער קאַמף צווישן דעם „אידעאָלאָגישן" פירער פונעם שול געסל דאַוויד ראָזענצווייג און דעם פירער פון דער „אָרגאַניזאַציע" יעקל סטאָליער.

און ווי אנדערש איז דאָ, בא ווייסענבערגן, די קרעפטן-דיסלאָקאַציע! דאָרטן, בא שאָלעם אשן, שלאָגן זיך די יידישע „דריי פייען" מיט די פוילישע בעקער-יונגען: א נאציע קעגן א נאציע. אין ווייסענבערגס „שטעטל" איז אין פרינציפּ די אָרגאַניזאַציע פונעם קאַמף א אינטערנאַציאָנאַלע. דאָרט פאַלן ניט קוילערגעסלדיקע זשאַכלינעס קאָרבאָנעס אין קאַמף פאַר דער נאַציע און פאַר אירע טויבן, וואָס פרעמדע האָבן צוגערויבט, — דאָרט פאַלן קאָרבאָנעס אי פונעם גווירישן צאַד, אי פונעם ארבעטער-צאַד, נאָר אין קלאַסן-געראנגל. און ווען דאָס שטעטל לעבט איבער פּאָגראָם-שרעק איבער א רעליגיעזער פּוילישער פּראָצעסיע, וואָס איר ציל איז געווענדעט קעגן דער שטייגנדיקער רעוואָליוציע אין שטעטל, זיינען אפילו די סאַמע „פּארגרעבטע", די נאָך ווייניק באַוווסטזיניקע פּאַרטרעטער פונעם קוילער געסל בא ווייסענבערגן פאַרזאָרגט ניט מיט נאַציאָנאַלער זעלבשוץ, נאָר מיט אינטערנאַציאָנאַליסטישע רעוואָליוציאָנערע פראַגן.

„— זאָג נאָר, — האָט זיך איטשעלע ווי אופגעכאַפּט, — וואָס איז דאָס פאַר א גאַנג געווען זייער היינטיקער גאַנג?...

— א פּראָצעסיע... — האָט דער וואַרשעווער געענטפערט.

— רעליגיעזע, — האָט יעקל סטאָליער פאַרבעסערט.

— דו האָסט דאָך עפּעס געהאַט געזאָגט, — מאַכט איטשעלע צום וואַרשעווער, — אז עס וועט אַראָפּקומען א וואַרשעווער קריסט, וועט ער האַלטן א „מאָוועע" און מע וועט גייען צוזאַמען?...

— האַנט בא האַנט... — פאַריכט יעקל.

— ע... — גיט דער וואַרשעווער א הייב מיט די אַקסלען, — די היינטיקע איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש... דאָס זיינען „נאַראָדאָווצעס"...

נאָר איטשעלען האָט עס געקרענקט. אים האָט זיך געדאַכט, אז דער וואַרשעווער האָט זיך עקסטרע אויסגעזוכט א געבילדעט וואָרט „נאַראָדאָווצעס", אבי נאָר צו פאַרגלעטן"...

ווי מיר זעען, איז דאָס גאָר אַן אנדער קויכעס-צעשטעלונג און בא די קויכעס גאָר אַן אַנדערע ציל-איינשטעלונג, גאָר אַן אנדער באַצוועקונג.

III

און מיט אזא איינשטעלונג צייכנט זיך אויס ניט נאָר דאָס „שטעטל", נאָר דאָס ראָוו ווערק ווייסענבערגס. לאָמיר, לעמאָשל, נעמען די דערציילונג „דור הולך ודור בא" (א דאָר גייט אוועק, א דאָר קומט).

אַן ארבעטער, נאָטע, קומט אום אף דער ארבעט באַם באַלעבאָס, זעליק. דער ארבעטער שטאַרבט א פאַרשולדיקטער באַם באַלעבאָס, אָבער מע דאַרף פאַר אים האָבן אף טאַכריכים: „איר מוזט די טויוועס טון און געבן", — בעט זיך אַן אנדער ארבעטער בא זעליקן. דער באַלעבאָס, זעליק, טוט „די טויווע" און לייט אויס אף טאַכריכים. זעליקס ווייב, די באַלעבאָסטע, איז אופגעבראַכט:

„— ווער וועט אָפּאַרבעטן דאָס געלט? — פרעגט זי צאָרניק. — דיר כאָלעמט זיך, אַז גאָטע לעבט נאָך?...

— ניט דײַן דײַגע, — ענטפערט זעליק, — כאַימל וועט אָפּאַרבעטן, דויר הוילעך וועדויר באָ!"

כאַימל איז דעם אומגעקומענעם אַרבעטערס קינד, א יונגער געזעל, און זעליק, דער באַלעבאָס, פּרעטענדירט צו האַלטן אין פאַרשקלאַפונג אויך דעם קומענדיקן דאָר נאָטעס, קימאַט א מיניאַטורישער „יונג-פּלאַן", א פּלאַן פון פאַרשקלאַפונג פאַר גאַנצע אַרבעטער-דוירעס.

בא שאָלעם אַשן וואָלט אָט די געשיכטע אָנגענומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, א כאַראַקטער פון אידיל־שע באַציִונגען צווישן א מין יעכעזקל גאָמבינער, א שלוימע נאָגיד און זײַנע טרײַע דינער, — ווײַסענבערג האָט געגעבן קימאַט א קלאַסישע פאָרמולע פון נאַקעטע קלאַסן-באַציִונגען: איין אַרבעטער-דאָר קומט אום, דער צווייטער פאַרבײַט אים גלײַך, קעדיי מיט זײַן בלוט און שווייס צו סילעקן די „כויוועס", און דער באַלעבאָס איז זיכער, אַז באַלעבאַטים בלײַבן אייביק די הערשער.

אָט די שאַרפע באַציִונג צו באַלעבאַטים און צום באַלעבאַטישן שטייגער, אָט די פאַרביטערטע סינע צו זיי זעען מיר בא ווײַסענבערגן קימאַט אויפן גאַנצן פראָנט. מאַטעס (אין דער „יאַט־שער טאָכטער") ראַנגלט זיך, עס קומט אים אָן שווער, אָבער האַגאַם מיט סקרים, נאָר ער גלידערט זיך אַיִן אין דעם באַ'עבאַטישן יִיכעס. אַזוי איז דאָס בא שאָלעם אַשן. בא ווײַסענבערגן אין דער דערציילונג „פון רעבנס שטוב" זעען מיר גאָר עפּעס אַנדערש.

יִיצכאָקל, א פּישערס א זון, האָט זיך בעשומויפן ניט געקענט אײַנלעבן אינעם גרויסן יִיכעס פון דעם רעבנס שטוב. די גאַנצע צײַט פון זײַן „דערציִען זיך" אין רעבנס שטוב איז פול מיט קאַמף, מיט קאָנפליקטן. די גאַנצע צײַט האָט זיך געפילט, אַז דאָס זײַנען צוויי באַזונדערע קלאַסן-וועלטן, וואָס קאָנען זיך ניט צוזאַמענלעבן און וועלן זיך ניט צוזאַמענלעבן. אין פלוג טוט יִיצכאָקל מעשים, וועלכע דאַרפן אימפּאָנירן דער „דערדויבענער" רעבע-וועלט, און דאָך...

אָט איז איינמאָל דער רעבע געגאַנגען נאָך מאַצע-וואַסער אַף מאַצע-שמורע צום טײַכל, וואָס פליסט הינטער דער שטאָט. איז געשטאַנען א שייגעץ און צעמישט דאָס וואַסער מיט דער בלאָטע, אַז דער רעבע זאָל עס ניט קאָנען נעמען.

„און ווי יִיצכאָקל האָט דאָס דערזעען, האָט ער געגעבן א פאַל אַרויף אויפן שייגעץ מיט אַזא גווורע און א שמעטער-אַוועק אים געטון אין מיטן פעלד אַרײַן, אַז אַלע זײַנען געבליבן שטיין, ווי פאַרגאַפט".

איז, דאַכט זיך, גוט, — זיך אײַנגעשטעלט פאַרן רעבן קעגן די „פּלישטים"? אָבער...

„און דעמאָלט ערשט האָט דער רעבע טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: צי איז דאָס מעגלעך, אַז פון מײַסים טויווים זאָל דאָס קומען — אָדער, יִיצכאָקל, עפּשער ווייסטו שוין גאָר פון אן איישעס-איש..."

אָט ווו עס איז געגעבן קינסטלעריש בוילעט דער אונטערבאָדן פונעם אַנטאַגאָניזם צווישן פעלד-און עפּל-געשמאַק און דעם גערוך פון בעסמעדרעש און מיקווע...

און יִצכאָקל האָט זיך ניט אײַנגעלעבט אין רעבנס שטוב און אין דער באַלעבאַטיש-כּסידישער אַטמאָספער פונעם רעבע-רעזשים. און ווען נאָך אסאך צאָרעס און פארהאנדלונגען מאכט מען אים מיט גוואלד כאסענע, עס ווערט בא אים געבוירן א קינד, און דער רעבע מיט דער גאנצער כאליאסטרע קומען צו זײַן קינד אפן בּריס, בּרויזט יִצכאָקל אוף מיט אן עמעסן בּונט:

„— כ'האָב ניט קיין קינד פאר אײַערטוועגן! — האָט יִצכאָקל אויסגעשריִען און די אויגן האָבן זיך ווי מיט בלוט פארגאָסן".

דאָס איז ניט דער מילע-סקאנדאל, וואָס האָט אשן אמאָל, מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק, געמאכט אזא גרויסע רעקלאמע און וועלכער איז פאר אים אין קיין פאל ניט געווען קיין מעניִע זיך אײַנצוקויפן אין סאמע יִכעס. דאָס איז אן עמעסער בּונט, אָן צוריקער.

און דיזעלבע אנטבּלויזונג פון דער פארדאָרבנקײַט באם באַלעבאַטיש-גווירישן יִדישן קלאל געפינען מיר אויך אין דער דערציילונג „קריינדעלע".

אז קריינדעלע איז געבּליבן א יעסוימע נאָכן טויט פון אירע עלטערן די בּעטלערס, האָט איר די מאמע איבערגעלאָזט א צוואָע, אז זי זאָל ניט גיין מיט דער בּאנדע אָרעמעלײַט: „מײַן קינד... גיי ניט מיט זיי... בּלײַב אין שטאָט, צווישן יִדן". און דאָסדאָזיקע „צווישן יִדן" אנטבּלויזט ווײַסענבּערג אין זײַן דערציילונג. צוויי פלאנגען באווײַזט ווײַסענבּערג אין דעם „צווישן יִדן": א באנדע וואנדערנדיקע בּעטלער און לײַטישע באַלעבאַטים, יִדן — סאָכרים, יִדן נעגידים. אין דער באנדע בּעטלער זײַנען פאראן צוויי פארשוינען, א געלער און א שווארצער, וואָס פארגוואלטיקן לויט דער ריי קריינדעלען און איזדעקעווען זיך שטענדיק איבּער איר קינדערש-מיידלשן לײַבּ. און אינעם באַלעבאַטישן, לײַטישן קלאל איז פאראן פרויעמל דער בּויכערטוועניק, וועלכער גאנוועט באנאכט ארויס בּא דער דערשלאָגענער קריינדעלע דאָס בּיסל געלט, וואָס זי האָט מיט איר בּלוטיקער האָרעוואניע אָנגעקליבּן אף א טייפּערטוירע, קעדיי זיך אויסבעטן פארגעבּונג פאר אירע „זינד" אין דער בּעטלער-באנדע...

בּיידע פאָליוסן פון דער באַלעבאַטישער בּורזשואזער יִדישער געזעלשאפט — איר דעקלאסירטער דעק און איר לײַטישער אויבנאָן — זײַנען אלציינס. צו אזא אויספיר קומט ווײַסענבּערג אין זײַן קינסטלערישן באנעמען און דורכארבּעטן זײַן סאָציאלע דערפארונג.

IV

וואָלט דאָס אלץ געווען גוט, איז אָבּער פאראן אן „אָבּער"...

ווײַסענבּערג איז געבּליבן טרײַ די „דרײַ פייען" אין זייער קוואליטעט ווי צושטעלער פון קומענדיקע פראָלעטאריער, אָבּער ווײַטער איז ער ניט געגאנגען. ער האָט זיך פון די ערעוו-פראָלעטאריער, פונעם קליינבּירגערלעכן, נאָך ניט דיפערענצירטן האמוין ניט אָפּגעריסן, און די גאנצע צײַט פלאָנטערט ער זיך אומבּאהאָלפן אין די נעצן פון איר באגרענעצטער פסיכאָ-אידעאָלאָגיע. און דעריבּער האָט זיִך פרי אָפּגעשטעלט זײַן שעפערישע עוואָליוציע, זײַן קינסטלערישע אנטוויקלונג.

ווײַסענבּערגס סיִבע צום בּורזשואזן קלאל-יִסראָעל, צו דער יִדישער בּורזשואזער

געזעלשאַפט איז אין טאָך אַ קלײנבירגערלעך-אַנאַרכיסטישע. זי האָט זיך ניט אַנטוויקלט אין אַ קלאַסן וועלט-אַנשויונג אין זין פון קעגנשטעלן דער ייִדישער בורזשואַזיע דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, זאָל זײַן אַפילו אין נאַציאָנאַלע ראַמען, שוין אָפּגערעדט פון פאַרברייטערן און פאַראַלגעמיינערן זי אין אַ קעגנשטעלונג פון בורזשואַזיע ביכלאַל די „געיאָגטע און געפּלאָגטע" ביכלאַל — ניט נאָר אין זייער ייִדישער פאַרוואַנדלונג. ווײַסענבערג, וועלכער איז מיט זײַן ערשטן אויפֿקומען געווען אַזוי נאָענט צו ווערן אַ פּראָלעטאַרישער שרײַבער, איז אַזאַ שרײַבער ניט געוואָרן. ער איז פאַרבליבן דער שרײַבער פונעם ערעוו-פּראָלעטאַרישן האַמוין.

אָט דידאָזיקע קלײנבירגערלעכע באַגרענעצטקײַט שפּירט זיך שוין אַפילו אין זײַן „שטעטל". אַזוי ווי ער איז ניט דורכגעדרונגען מיט אַן אויסגעפורעמטן קלאַסן-באַנעמען די געשעענישן פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, פילט זיך בײַ אים אָפּט אַ פאַרבאָרגן ביטל-שמייכעלע צו דעם גאַנצן קאַמף פאַר אָרגאַניזאַציעס און פון אָרגאַניזאַציעס, צו דער קריגערײַ פאַר פּאָנען און פאַר אַרויסטרעטונגען, — אַ שמייכעלע, וואָס דערמאָנט אָפּט שאָלעם-אַלייכעמס ביטלדיקע באַציִונג צו „ערעוו-פּייסעכדיקע עקספּראָפּריאַציעס" און צו „ערשטע ייִדישע רעפּובליקן". דאָס האָט לעכאַטכילע אָפּגעשוואַכט די קינסטלערישע קראַפט פונעם „שטעטל" און האָט דעם געשטערט צו ווערן אַ קינסטלעריש גרונט-ווערק פון דער רעוואָליוציע-עפּאָכע פון 1905 יאָר, אַף וואָס עס האָט געהאַט אַזויפיל שאַנסן.

און אויך אַלע אַנדערע ווערק ווײַסענבערגס האָבן דעם גרונט-כיסאָרן, וואָס עס פעלט זיי אַ בוילעטע, אַ רעוואָליוציאָנערע, קלאַסאָווע ציל-געוועגדעטקײַט. די גאַנצע קינסטלערישע דעמאַסקירונג פונעם באַלעבאַטישן גראַד טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַן אײנהײַטלעכן, עמעס, פּרוכטבאַרן — קלײנבירגערלעך-אַנאַרכיסטישן סקאַנדאַל, אַ מין פּערמאַנענטער אויסברוך פון אַ „פּאָמאַ גאָרדייעוו" אין אַ קלײנבירגערלעכן ייִדישן גילגל. און שטענדיק האָבן מיר דעם געפיל, אַז אָט-אָט וועלן זיך בײַ ווײַסנבערגן עפענען, מוזן זיך בײַ ווײַסענבערגן עפענען נײַע האָריזאָנטן, — אָבער אַזעלכע האָריזאָנטן עפענען זיך ניט, מיר בלײַבן אַנטוישט, אומבאַפרידיקט.

עמעס, ווײַסענבערג האָט אַ קאָלאָסאַלע מײַלע לעגאַבע אַזעלכע שרײַבער און דיכטער, ווי מאָריס ראָזנפעלד, אַווראָם רייזען, וואָס בײַ זייער גאַנצער צוגעבונדקײַט צו די האָרעפּאַשנע מאַסן, האָט עס זיי שטענדיק געצויגן צום נאַציאָנאַלן שווירעש, צו נאַציאָנאַלער קלאַסן-אַכדעס, און זייער גאַנצער שאַפונגס-וועג איז פול מיט צעקראָכנקײַט, מיט שטענדיקע וואַקלענישן. ווײַסענבערג איז אין דעם זין אַ האַרטער יונג. די „נאַציאָנאַלע אַכדעס" ציט אים ווייניק, די סינע צום בורזשואַזן קלאַל-ייִסראָעל איז בײַ אים אַ פעסטע, אַן אײַנגעפונדעוועטע, און דערמיט איז ער אײנער פון די שרײַבער, וואָס זײַנען אונדז נאָענט. אָבער דאָס איז נאָך זייער ווייניק, אַז פאַר ווײַסענבערגן זאָלן זיך, ערשטנס, עפענען נײַע שאַפונגס-פּערספּעקטיוון, און צווייטנס, אַז ער זאָל פאַר אונדז ווערן אײנגאַנצן אַ ניט-אָפּגעפרעגטער שרײַבער.

ווײַסענבערג האָט זיך די לעצטע צײַט פאַרבונדן מיט אונדזער קאָמוניסטישער ברודער-צײַטונג „פרײַהײַט" אין אַמעריקע. דאָס וועט בײַ אים זײַן אַ פּרוביר-שטיין. מיר האָבן שוין אַזאַ טרויעריקע דערפאַרונג מיט קלײנבירגערלעכע בונטאַרן,

וואָס קוקן אָף א ווײַלע אַרײַן אין אונדזער לאַגער און גיבן זיך באַלד צוריק א פליוך אין זייער קליינבירגערלעכן זומפּ אַרײַן. וועלן מיר זעען, וואָס וועט זײַן מיט ווײַסענבערגן: צי איז דאָס פּאַר אים אַ אינערלעכער קינסטלערישער דראַנג, קעדיי שעפעריש ענדגילטיק געהאָלפן צו ווערן, אָדער עס איז בא אים אַן אָרנטלעכער „גראָב-יונגישער" בונט-עפּיזאָד, וועלכער וועט אים ווײַטער ניט פירן און וועט אים עפּשער „אומגעריכט" א צי טון צוריק.

מיר וואָלטן ווינטשן ווײַסענבערגן, אַז ער זאָל אָף די שפּאַלטן פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע ענדגילטיק אופגעריכט ווערן פּסיכאָ-אידעאָלאָגיש און דערמיט מעמיילע שוין אויך קינסטלעריש: אין פלוג האָט ער דערצו גענוג שאַנסן...

V

דידאָזיקע שטייגערשע און פּסיכאָ-אידעאָלאָגישע צוגעפּעסטיקטקייט צו די „דרײַ פּייען" אָן ברייטערע און העכערע קלאַסן-פּערספּעקטיוון האָט אויך באַשטימט ווײַסענבערגס פאָרם. דאָס איז אין גרונט א פאָרם פון קימאַט נאַיִוון רעאַליזם.

ווײַסענבערג האָט מיט זיך געבראַכט א קרעפּטיטע, זאַפטיקע „גראָביונגישע" שפּראַך. ווי אַן אויסדריקער פון נײַע שיכטן, וואָס האָבן זיך מיט ראַש אַרײַנגעריסן צו דער צײַט פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר אין אונדזער קולטור-וועזן, האָט ער מיט זיך געבראַכט שפּראַך-פרישקײַט און שפּראַך-דרייסט. בא ווײַסענבערגן פילט זיך ניט, אַז ער פּראָוועט עפּעס א הייליקע דינסט אָף „שפּראַך-ריינקײַט, ער האָט ניט קיין קינסטלערישע קאַנאָנען. ווי ער וואָלט דערקלערן: „איך בין דאָ, איך בלײַב דאָ און איך רייד אַזוי, ווי איך דאַרף", און די שפּראַך זײַנע האָט אין זיך עפּעס א מין נײַע קרעפּטיקײַט, אַרויסרופערישקײַט. אָבער...

צו דערזעלבער צײַט אויך צופיל פּרימיטיווקײַט. די שפּראַך באַהערשט אים, ער אָרגאַניזירט זי ווייניק. ער גיט בלענצנדע פּייזאַזשן, נאַטור-בילדער, אָבער ניט שטענדיק איז ער בעקוויעך זיך אָפּשטעלן, וווּ מע דאַרף. עס פעלט אים מאָס. זײַנע טיפּן נעמט ער קינסטלעריש אײַן דורך א פראָנט-אַטאַקע, אָבער אין דערזעלבער צײַט פאַרלירט ער זיך אָפּט אין א שלאַל דעטאַלן. דערשײַנונגען פון דערווירקלעכקײַט האָט ער דעם כּיישעק איבערצוריכטן, זיי דערהויבן — זיי קינסטלעריש פאַראַלגעמיינערן, אָבער אין דערזעלבער צײַט דריקט אָף אים און עס פאַרכאַפּט אים זייער „נאַטור" אַזוי ווי זיי זײַנען, און ער פאַלט אַרײַן אין נאַטוראַליזם, אין נאַיִוון רעאַליזם, ווײַל —

ווײַל פאָרם און אינהאַלט זײַנען ענג פאַרבונדן, זיי זײַנען אַן איינהײַט, און קען מען ניט אין אינהאַלט דערהויבן זיך איבער די „דרײַ פּייען", ראַנגלט מען זיך אויך אין דער פאָרם. און ווײַסענבערגס צושטיין צו דער „פרײַהײַט", אויב עס וועט בא אים זײַן „ערנסט און אָף לאַנג", קאָן פּאַר אים עפענען אויך נײַע פאָרם-פּערספּעקטיוון.

מ. ליטוואַקאָוו.

אַפּרעל, 1930.

א שטעטל

צווישן מינכע און מײַרעוו איז עס געווען. דער אוילעם איז אין בעסמעדרעש. פארן אָמעד און אין די הענגלײַכטער ברענען ליכט, און די ליכט־פלעמלעך טוקן זיך אין רויך פון די פאפיראָסן און בלישטשען ארויס ווי פון א נעפל, וואָס האָט זיך צעלייגט אונטערן בעליק. דער אוילעם איז רעדלעכווײַז פארשמועסט. דער מיטלסטער אין רעדל רעדט און אלע ארום לייגן די אויערן צו מיט אָנגעבויגענע קעפּ און פארקנייטשטע שטערן. מע ריכט זיך שוין אפן יאָנטעוו, וואָס דארף קומען אין שטעטל גלײַך מיטן געוויסער, באלד ווי דאָס אײַז וועט פּלאצן און דער טײַך וועט זיך איבער פעלדער און לאָנקעס צעגיסן, פלויטן און ברעטער מיטשלעפּן און ערגעץ אין דער ווײַטער וועלט ארײַן טראָגן. מע ריכט זיך, און דער אוילעם איז פארטון. קרעמער ווייסן שוין הײַנט נישט אף וואָסער זײַט די דאשקעס שטייען זיי... ספּראַ־ווינקעלעך צו באזאָרגן, ראָזינקעס אויסצופּאקן, אויסצוּוועגן — וואָס א שטעטל דארף אלץ! באלמעלאָכעס, שנײַדערס צום מיינסט, האָבן שוין בלאסע, אויסגעצויגענע פּענימער מיט רויטע אויגן געקריגן און שטיל, ווי די הינדלעך פארנאכט, שטייען זיי און דער שלאָף, דאכט זיך, ליגט זיי אף דעם שפּיץ פון די בלאסע נעז. שוסטער, ביפראט היגע שוסטער, וואָס ארבעטן שטיוול פאר די גרויסע שטעט, — זיי איז אלץ איינס, זיי זענען הײַנט נישט ברודיק מער ווי א גאנץ יאָר. בינטלעכווײַז שטייט מען און מע רעדט מיקויעך „אָגולניקעס *)“ — יעקל בריסקער און נאָכעם האָמער־

*) וואָס ארבעטן אף הורט. (רעד.)

לער, וואָס וועלן קומען באַלד נאָך פּייסעך אין שטעטל אַרײַן און מאַכן אַ „רוים“, אַז דער רועך זאָל עס כאַפּן. די כעוורע קאַצאָווים, ייִדן מיט פּליישיקע, רויטע פּענימער, מיט פוטערנע היטלעך אַף די קעפּ, איבער די אויערן אַראָפּגערוקט, און מיט די גרינע גאַרטעלעך אַף די דיקע, פאַרפעצטע קאַפּאָטעס, האָבן זייער באַזונדערן טיש, קעגנאיבער דעם באַלעגאָלע־טיש. זיי זיצן אָנגעלענט באַ דער וואַנט, און די אויגן פינקלען אָפּער פון אונטער די טיפע היטלען... הײַנט, די יאָנטעוו־וואָך, אײַלט מען זיך נישט אין שעכטהויז אַרײַן, קיין גרויסע שכיטעס וועט נישט זײַן, די באַלעבאָסטעס ווייסן שוין נישט, צי זיי לעבן אַף דער וועלט — נאָך פליייש אין זין צו האָבן!... פאַר דאָס זענען שוין די מעלאַמדים פאַרדרייט: צווישן מינכע און מײַרעוו כאַפּט מען אַ קוק אין „פּסחים“, וואָס איז אינדערהיים נישט „בענימצע“... אַ טייל דערזאָגן אַ מעסיכטע; אַנדערע קומען אָפּ מיטן זוכן איבער דער ספאָרים־שאַנק, אַרומפירנדיק מיטן כײלעוון ליכטל איבער די אָפּגעריסענע רוקנס פון די געמאָרעס. נאָר גאָר אין סאַמע אונטערן־אויוון, פאַרוקט אין דער האַלבּ־פינצטערניש, שטייט רויִק אַ קופּקעלע יונגוואַרג, זיי גייט דאָס גאָרנישט אָן. מיט שײַנענדיקע פּענימער, היטעלעך אַף די שפּיץ קעפּ, שטייען זיי און קוקן מיט וווּנדערלעך־פאַרגאַפטע אויגן אַף יעקל סטאָליער, אַ גרויסן יונג, וואָס איז געשטאַנען אינדערמיט און גערעדט עפּעס געלאַסן, מיט אַ זיסן שמייכל אַפן בלאַסן געזיכט, און האָט זיך באַהאָלפן מיט דער האַנט אַהין און אַהער...

איבערן בעסמעדרעש ווערט דאָס גערודער גרעסער. דאָס גערעדערײַ טראָגט זיך אונטערן בעליק און רוישט אין אַלע ווינקעלעך. די ברענענדיקע ליכטלעך אין די הענגלײַכטער טריפן איבער די קעפּ, נאָר דער אוילעם איז פאַרקאָכט צווישן זיך. פּלוצלינג האָט זיך דאָס אַלץ ווי איבערגעריסן. אַ זעץ אין שולכן אַרײַן — און דער אוילעם האָט די קעפּ אַ כאַפּ געטון אין דער הייך, די אויגן אויסגעגלאָצט צום שאַמעס, וואָס איז געשטאַנען גרייט אַף דעם באַלעמער מיט אַן אָפן מויל עפּעס אויסצורופן. די יונגע כעוורע האָט זיך אַ לאָז געטון פון אונטערן אויוון אַפּער, יעקל סטאָליער בעראָש. זיי האָבן דעם שאַמעס אַרומגערינגלט,

און ער האָט אָנגעהויבן: „ראַבויסײַ, — האָט ער זיך צעשאָקלט, מיט די אויגן צום בעליק ארוף, גלײַך ער וואָלט דאָרט געזוכט וואָס ער דארף אויסרופן, — „ראַבויסײַ, איך בין אײַך מוידיע מין דאאס האָראוו אומידאאס האקאָהאָל, אז יאָנטעוודיק מעל ארײַנ־צוברענגען פון אנדערע שטעט האָט קיין שום העכשער נישט, איז אזוי גוט ווי כּאָמעץ: בא רעב אוורעמלען איז הײַיאָר דאָס מעל — עלף גילדן א פּוד, און מאָעסכיטן פאר געמיינע לײַט, אָפּגעקומענע מענטשן — בא עליען״... אָפּגעזאָגט און, אראָפּלאָזנ־דיק דעם קאָפּ מיטן שפּיץ בערדל אף די פארפעצטע לאצן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אראָפּצולאָזן פון די באַלעמער־טרעפּלעך.

דער אוילעם איז דערפרישט געוואָרן. די פּענימער האָבן אופגעפלאַמט: סטײַטש? מע גלעט די בערד, מע בײַסט די שפּיצן, מע היצט זיך און מע שאָקלט צו מיט ביידע הענט, דאָס בעס־מעדרעש קאָכט, ווי א קעסל.

— ראַבויסײַ... — האָט זיך ווידער דערהערט א קאָל, א פאר־זונקען קאָל, ווי פון אונטער דער ערד אפער, און — א פּאטש אין שולכן ארײַן.

דער אוילעם קוקט און גאַפט — יעקל סטאָליער מיט א גאנצער כּעווורע. ער איז בלאס, דערשראָקן, די אויגן פינטלען:

— ראַבויסײַ... מע טאָר נישט... מע באשטייט נישט... אָרעמע ארבעטערס געלט... מע מעג ברענגען מעל — נישטאָ קיין מאָ־נאָפּאָל!...

דער אוילעם שטייט און קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן און אָפענע מײַלער. האָט זיך ערשט א דין קעלעכל פון דער מיזרעך־וואנט דערהערט, וואָס האָט די אײַנגעהאלטענע שטילקײַט דורכ־געשניטן:

— אראָפּ, יונגאטש, ארצי־מעכוצעף־פּאָנעם!

— אראָפּ, אראָפּ! — איז געוואָרן א געשריי, א געטומל פון אלע זײַטן, און כּעוורע קאַצאָווים האָבן זיך שוין א לאָז געטו, אפן באַלעמער ארוף... איז דאָרט געוואָרן א מעהומע צווישן בליצנדיקע פּענימער און א געוואָרפערײַ מיט הענט איבער קעפּ און קעפּ איבער הענט. א יאם קוילעס האָט זיך פארקאָכט און אויסגעמישט. יעקל סטאָליער איז פון באַלעמער אראָפּגעפלויגן

און איז ארויס־אנטלאָפן מיט א גאָלן קאָפּ און מיט א צעבלו־טיקטער נאָז פון בעסמעדרעש.

איז ער אָפּגעלעגן ביז ערעוו יאָנטעוו. ערשט ערעוו יאָנטעוו באטאָג, ווען מע האָט די פענצטער אופגעמאכט, די פייגעלעך האָבן געפּישטשעט מיט גרויס בענקשאפט און די זון האָט די שטוב אויסגעווייַסט מיט א שטילער אופגעריכטער ליכטיקייַט, איז יעקל פון בעט אראָפּ און איז פון שטוב ארויס.

א שטילע אופגעריכטע זון האָט געלויכטן איבערן מארק. די פענצטער פון די מארק־געוועלבער האָבן כיינעוודיק געבלישטשעט. ערטערווייַז איז שוין טרוקן געווען, זאמדיק, נאָר אין די ראָוועס פאר די „פּאָטש־ניס" האָבן זיך נאָך דינע וואסערלעך געצויגן און צונויפגעגאָסן זיך אין געסל בארג־אראָפּ. און צונויפגעגאָסן האָט עס זיך שטיל, מיט א פריילעך געשעפּטשערייַ, און אונטערגעברומט האָט עס שטילערהייט, ווי מע שלעפערט אייַן קינדער. און גע־רופן האָט עס זיי, די קינדערלעך מיט די צעשפּאָלטענע מייַט־קעלעך, זיי זאָלן קומען גריבלען מיט רויטע, איינגענעצטע הענטלעך, שטראָלקעלעך צו קלייַבן...

און אָפּגעפּראלט איז טיר־און־פענצטער געשטאנען. דורך די לעכער פון די בוידעמס האָבן קלאָרע, ווייַסע ציכן ארויס־געהאנגען און יאָנטעוודיקע ווייַבערשע קליידער; דאָס ווינטל האָט אף זיי געבלאָזן, געגלעט און געשפּילט זיך מיט זיי און אונטער זיי אין באהעלטעניש; און דורך די אָפענע פענצטער ווינקען ארויס אויסגעקאלכטע קוימען־אויוונס און קוקן מיט א באַ־האלטנקייַט אין מארק אריין, אפן ליכטיקן דרויסן, און באהאלטן זיך, דאכט זיך, און קיפּלען זיך אייַן אין די ווינקעלעך, ווי אויסגעצירטע קאלעס, ווען דער כאָסן איז שוין פארן פענצטער געקומען אָנצופאָרן. און פאר די טירן שטייען שוין ווייַבער, האלב יאָנטעוודיק אָנגעטון, און קאשערן נאָך א קוב, אָדער א לאנגע הילצערנע באנק, און אף די בלאסלעכע געזיכטער דער־קענט זיך שוין א שייַנענדיק־מידער שמייכל פון: „געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס מיר האלטן שוין אזוי ווייַט"... מאָניש גלעזער טראָגט שוין אהיים עטלעכע נייַע שינדלען צו פארדעקן זייַן רויט גע־פארבט טישל. און כאַים־יוינע מעלאמעד, וואָס האָט ערשט הייַנט,

דאכט זיך, דעם רוקן אויסגעגלײַכט פון א גאנצן ווינטער, טראָגט אויך די איבערגעטויוולטע קויסעס אין א נײַער, רויטער פאַטשיילע אהיים, ווי ער איז זיך נויעג אלע יאָר. קונדייסים, כיידער־ייִנגלעך, טייל שוין אין נײַע קאפאָטקעלעך, באגעגענען זיך מיט שמייכעלעך אין די אויגן, מיט א בלעק ארויס דאָס צינגל און — א פּאטש מיטן הענטל אף די שויס איבער די אָנגעפּילטע קעשענעס ניס... אפילו דאָס דינסטמיידל פון שענק האָט זיך שוין די האָר פארקעמט, א בלאָ בענדל אין צאָפּ אײַנגעפלאָכטן, און טראָגט א „סטעמפּע" אף מאצע־מעל. דער אלטער „סטרוזש" פון די מארק־געוועלבער פּאָרעט זיך ארום מיטן לאנגן בעזעם אין דער האנט און שארט צונויף די ביסלעך שטרוי און צעריבענע „גראָכאָווינעס", וואָס וואלגערן זיך פאר די טירן ארום, נאָך די פּאָדלאָגעס אויסקערן און דעם כאָמעץ פארברענען. ער שטאָפּט אָן א ליולקע טאבאק, בלײַבט שטיין פארטראכטערהייט מיטן בעזעם אונטערגעשפּארט אונטערן אָרעם, לאָזט קופּקעלעך רויך איבערן קאָפּ, און די אויגן פון אונטער די ברעמען קוקן שטיל אין דער לופט ארײַן... עס כאפּט אָן אף אים א גרויס ראכמאָנעס. עס דאכט זיך, אז פאר אים און זײַן גרויער סיקמאנע און דער קוטשמע אפן קאָפּ איז שוין קיין שום טקומע נישטאָ, און ער וועט שוין פארבלײַבן אף ווײַטער באם ווינטער... און דאָ, דער זומער ווינקט פון אלע באהעלטענישן און שפּאלטן ארויס, דאָס ווינטל הויכט מיט א ליבער, פרישערווארעמקײַט, וואָס מישט זיך אויס מיטן געפּישטשערײַ פון די פייגעלעך, וואָס טאנצן אף די שפּיצן דעכער, מיט אופגעהויבענע, געטרייסטע קעפּעלעך צום ווײַטן בלאָען הימל. און די וואסערלעך פון אונטן רוישן, פלוידערן און גיסן זיך צונויף אין טײַך ארײַן און מישן זיך אין די וועלן אויס, וואָס טראָגן זיך איינע נאָך די אנדערע איבער דער גאנצער ברייט טײַך, ווי לענגלעך־שווארצע רוקנס, און דערהייבן זיך און פאלן אײַן איינס נאָכס אנדערע, אוף און אָפּ, אוף און אָפּ, מיט מיליאָנען בלישטשענדיקע אייגעלעך פאר דער ליכטיקער זון, וואָס קוקט אף זיי מיט א ליבער ווארעמקײַט, ווי א מאמע קוקט אף אירע לוסטיקע קינדערלעך. און דאָס געפּלעשטשערײַ טראָגט זיך אינדערלופטן, צעגיסט זיך ארום און

ארום און די וועלן אײַלן און יאָגן זיך זייער וועגס אונטער דער בּריק ארונטער און ווארפן זיך אף די זײַלן מיט א געפּאטשערײַ, און צעשפּריצן זיך אין דער לופט און לײַכטן, ווי טויזנטער שפּריצלען קאלכוואסער, און ארום און ארום קאָכט עס און שוימט, לייבּן־רוקנס, דאכט זיך, קריכן ארום אונטער די זײַלן מיט צעפּלאָשעטע גזשיוועס און וועלן זיי בּאלד אונטערבּײַסן און אומווארפן. און ווײַט איז דאָס פעלד פארגאָסן, מיט א בּלאָען הימל איבּערגעצויגן. נאקעדיקע שפּיצן פון פארטרונקענע צוימען קוקן פון וואסער ארויס, ווי שטומע שעפּסענע קעפּלעך, וואָס האלטן בּא דערטרונקען ווערן און בּעטן ראכמים בּא דער ארומיקער ווײַסער וועלט.

און דאָס וואסער רוישט, רוישט און קאָכט.

און אפן שאָסיי האָט זיך א גערויש פון רעדער דערהערט. און בּאלד איז א ווארשעווער פור געגעבּן א קום־אָן און א שטעל זיך אָפּ אף דער בּריק, און די פערד האָבּן די קעפּ פארוואָרפן, אײַנהאלטנדיק זיך מיט פארשארצטע מײַלער און אויסגעשטעלטע ציין מיט שוים, אז דער דישעל האָט זיך קאפויר אויסגעשטעלט. פריילעכע, יונגע שטימען האָבּן שוין געקלונגען, און שײַנענדיקע פּענימער, מיט פּאצעטישע היטעלעך אף די קעפּ, האָבּן זיך פון דער בּויד ארויסגעוויזן. איינער נאָך דעם אנדערן שפּרינגען זיי אראָפּ — ווארשעווער גערעט!... דורכויס געפּרעסטע קעלנערלעך, רויטע אָפּגעשמיסענע בּעקלעך פון ווינט, און די אייגלעך פון אונטער די דאשעקלעך קוקן גאָר „מאמזעריש”... אבּיסל פארשארט, נאָר עס שאדט נישט — אָנגעלייגטע געסט וועלן זיי זײַן.

געכאפּט די פּעקלעך, טייל די קוישלעך, אונטער די אָרעמס, און מיט שמייכעלעך און אופגעהויבּענע לויטערע אויגן אף די הײַזלעך, געלאָזט זיך לויפן אהיים, ווו נישט איין מאמע האָט געכאפּט און אוועקגעוואָרפן א בּאנק, אָדער א בּרעט אינמיטן קאשערן און ארײַנגעלאָפן אין שטוב ארײַן מיט א געדולע...

און דער יאָנטעוו איז אָנגעקומען.

דער ערשטער טאָג יאָנטעוו.

עס איז נאָך פרי. די זון האָט זיך ערשט אפן בלאָען הימל ארויסגערוקט און מיט א פריש רויט פּאָנעם צו די שטילע גאסן אראָפּגעקוקט. א שטיל נאכעס דרעמלט אף די לויטערע פענצטער. די שויבן בלאנקען. די ווײַסע פאָרהענגלעך האָבן זיך ווי צניעס־דיקע פארטעכלעך אראָפּגעלאָזט, א שטילע הייליקע רו צו פאר־באָרגן, ווינקען צו דער גאס, סוידעסדיק שטיל...

נאָר פײַוול „טשעלענטניק" האָט זיך שוין פאר דער טיר ארויסגעשטעלט, אין ווײַסן פיקענעם לײַבל, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס; נײַע הויזן, נײַע שטיוול און א נײַ קאפל אפן קאָפּ. און האָט ער נאָר דעם ערשטן גענעץ ארויסגעלאָזט אין דער שטילער גאס ארײַן מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ און ארויס־געשטעלטער רונדיק־געלער באָרד, מעג מען שוין זיכער זײַן, אז די גאס וועט זיך שוין אופכאפן פון שלאָף. עס גערויערט א ווײַלע, און ער האָט שוין ארום זיך א קופקעלע שכיינים, א באלעבאטיש רעדל. און ער, פײַוול, דערציילט אײַך מײַסעס מיט אן אויסגערוט פּאָנעם, מיט א באלעבאטישקײַט אין טאָן, און איידעסט זיך גאנץ אָפּט מיט זײַנע אייגענע צוהערער וועגן דעם, וואָס ער דערציילט זיי. און פרעגט עמעצער עפּעס איבער, ענטפערט ער צוריק, פאר־ווארפנדיק אביסל דעם קאָפּ: האָ־האָ־האָ!... און דערבײַ דאכט זיך, אז אָט־אָט וועט ער צופּײַפן. און פון וואָס ער זאָל נישט דער־ציילן, וועט ער אײַך שטענדיק אויסקומען אף שאָסיי־מײַסעס — אף דעם „מילאָסנער" ווָאלד, אף די גאנאָווים פון „זאקרענט", אָדער פון „סטארע־וויעש"... אזוי אז האָר און נעגל שטעלן זיך קאפּויר. פאר דאָס כאפּט ער זיך נאָר ארוף אף די פּראגער סאָכ־רים, ווערט דער טאָן אנדערש... פּילט איר א מין ראכוועס, א ברייטקײַט. דער בויך צעוויגט זיך, דער קארק וואקסט, און אפילע דאָס קאָל ווערט גאָר אנדערש; זעטיק ווערט עס. און ער וועט אײַך נישט מיד ווערן א שאָ און צוויי אויך. צוהערער גייען אוועק, אנדערע קומען צו, און ער שטייט זיך אף איין אָרט און טוט זיך זײַנס. ביז דאָס ווײַב מיט דעם ווײַסן טשיפּעקל אפן קאָפּ שטעלט צו דאָס פּאָנעם צו דער שויב און פויקט ארויס צו אים: „הער נאָר, הער נאָר... די טיי ווערט דאָך קאלט!..."

אז נישט קומט ארויס די „מויד״ מיט די רויטע קרעלן־באקן, מיט די שליסעלעך פארשטעקט אין נײַעם פּליטשענקענעם פארטעך, שטעלט זיך אנידער אף דער הויז־שוועל, פארלייגט די הענט אפן פּראָנט... עס דאכט זיך, אז ווען זי לאָזט וועמען אראָפּ א „כמאל״, לייגט ער זיך באלד אפן אָרט. שטייט זי אָבער מיט א שמייכעלע אף די ליפּן ביז דער פאָטער מאכט א „העפּסעק״, און דעמאָלט טוט זי, אים ערשט א כאפּ: טאטע, עפּשער וועט שוין זײַן גענוג ?...

דער אוילעם באלעבאטים צעגייט זיך.

אף דער גאס הייבט זיך אָן איינציקווײַז צו באווײַזן דאָס יונגוואָרג. מיט צעלאָזטע סאקלעך, מיט הויזן־וועסט איבער די קאמאשלעך, שיין פארשוירענע פּייעלעך און אויסגעלייגטע, ווײַסע קעלנערלעך. מע באגעגנט זיך מיט שמייכעלעך אף די פּענימער, א שאָקל מיטן קאָפּ און מע שטעלט זיך אָפּ. באלד ווערט א גאנץ רעדל, און אז איטשעלע קאמאשן־מאכער קומט נאָך אויך צו, — א יונג אין א פּאָר לאקירקעס, מיט א העל סאקל און א גלאטיק אָפּגעראזירט פּאָנעם מיט פינקלענדיקע אויגן אונטערן קליינעם דאשיקל, — ווערט שוין גאָר לעבעדיק. מע פּרוווט זיך שוין א שטופּ טון איינס דאָס אנדערע, מע כאפּט זיך בא אן אָרעם און מע דערטאפּט דערווײַל וויפל קויעך בא יענעם איז דאָ, און עס ווערט א געלעכטערל. און גייען פארבײַ יונגע, אויסגעצירטע ווײַבלעך אין שול ארײַן, מיט די ביינערנע סידורים אין די ווײַסע טיכלעך אײַנגעוויקלט, ווארפט כעוורע אויגן און מע שיקט זיי נאָך ווערטלעך, אז די ווײַבלעך ווערן רויט און לאָזן די אויגן אראָפּ, ווײַטער גייענדיק ווי דורך א בראנד. און טאָמיד, אין רעכטן פארטוענקײַט, אין סאמע בעסטן, גיט זיך יעקל סטאָליער א באווײַז, ער אויך אין זײַן יאָנטעוודיקן סאק, און גייט זיך, דאָס בלאסע פּאָנעם דערהויבן, די שווארצע אויגן גלײַך אויס־געשטעלט אף דער כעוורע, ווי איינער, וואָס האָט אלעמאָל גרייט עפּעס נײַעס צו זאָגן.

— גוט יאָנטעוו, כאוויירים! — שטעלט ער זיך געלאסן אָפּ.

— גוט יאָנטעוו, גוט יאָנטעוו, — שאָקלען אלע מיט די קעפּ.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין אונדזער ווארשע?— ווענדעט ער זיך צו עטלעכע אָנגעקומענע אף יאָנטעוו.

— נישקאָשע, מע רודערט!... עס גייט א גאנג...— ענטפערן די אין געלעכטערלעך.

— מע „דעמאָנסטרירט"?...

— פרעגט זיך! און מע זיצט זיך אין די קאוויארניעס און מע האקט זיך מיט די מײַלער, אז דער רועך נעמט עס!

— און שטרײַקן!

— אויך... אלץ, אלץ...

אזויערנאָך נעמט יעקל סטאָליער אָפּ א גרוס פון „זײַן" ווארשע און צעשמועסט זיך, וואָס אמאָל טיפער— און דעריקער פרעגט ער זיך אויס, צי מע האָט עפּעס אסאך שפּיאָנען אוועק־געלייגט אין דער לעצטער צײַט... ווען נישט זיי, וואָלט ער דאָך פארשפּאָרט צו זיצן אינדערהיים און „פארפאָלגט צו ווערן פון פאנאטיזמוס"...

נאָר שטענדיק צעקלאפּט איטשעלע קאמאשן־מאכער יעדן וויכטיקן שמועס:

— קומט, כעוורע— גיט ער ארוף— א סאָף, ארײַן צו מאָ־טעלען, ווען מיר מאכן א יאָנטעוודיקן שנאפּס.

און כעוורע שארן זיך ארײַן צו מאָטעלען. אין א גלעזערנער טיר, וואָס ווײַזט ארויס אין גאס ארײַן א טשײַניק אף א בלעכן שילדל, מיט אן אופגעשניטענער לימענע און א גלאָז מיט א טיי־לעפעלע— און דאָס אלץ איז אויסגעמאָלט אין איין קאָליר— געל.

און געדויערט נישט לאנג און עס ווערט שוין א געזינגערײַ, וואָס לאָזט זיך אף דער גאס ארויס הערן:

„ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט,
די אלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט"...

דאָס האָבן די ווארשעווער געברענגט אזא ליד, וואָס יעקל סטאָליער האָט נאָך נישט די זכיה געהאט צו הערן ביז הײַנט. די נײַערע געפעלן אים שענער: „וואָס אמאָל גייט עס פאָר־ווערטס"...— טראכט ער זיך מיט א גליקלעכן שמייכל אפן בלאסלעכן געזיכט.

און אז ייִדן גייען פון שול מיט די טאַלייסים אונטער די אָרעמס און שטעלן זיך אָפּ פאר דעם געזאנג, צי זענען נישט אמאָל זעלנער אָנגעקומען, — שטייט יעקל סטאָליער מיטן פּאָנעם אין דער שויבּ און קוקט ארויס מיט שטילער, ליכטיקער האָפע־נונג אין די אויגן, און אף די ליפּן שוועבט אן אויסגעלײַטערטער שמייכל: „ווארט, ווארט, אלטע נאראָנים, איר וועט שוין שפּע־טער געוואָר ווערן"... פון איין זאך נאָר האָט ער גרויס צאר — ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל קענען זיי, די ארבעטער, גוט דער־קלערן זייער לאגע. ווען ער זאָל קענען פאר זיי האלטן א רעדע, וואָלט גוט געווען. — א רעדע, אך, א רעדע... — זיפצט ער שטיל אָפּ.

איז ער א גאנצן יאָנטעוו ארומגעגאנגען ווי אָן א קאָפּ. האָט ער געקלערט און געקלערט — ביז ער האָט עפּעס צונויפגעשטעלט פאר זייערטוועגן, און אכרען שעל פּייסעך האָט ער געלאָזט צו וויסן־טון אין דער „מאסע" ארײַן, און מע האָט זיך פארזאמלט אונטערן טעפּערס בּארג, הערן, ווי ער, יעקל, וועט עפּעס פאָר־לייענען. איז כעוורע געשטאנען אונטערן בּארג מיט אופגעהויבּענע פּענימער און ארופגעקוקט מיט אײַנגעהאלטענעם אָטעם צו יעקלען — איבּערן בּארג. איז ער געשטאנען אין דער הייך, און אפן בּלאסן פּאָנעם האָט געשפּילט א רויטלעכע פארבּ, און די אויגן האָבּן געגלאנצט, גלײַך צוויי נעשאָמע־קנייטלעך וואָלטן זיך אין זיי אָנגעצונדן. האָט ער ארויסגענומען א פּאפּיר מיט גרויסע אויסיעס, האָט א קוק אראָפּ געטון צום אוילעם און האָט אָנגעהויבּן צו לייענען א שטיקל צום גראם, וואָס האָט זיך אויס־געלאָזט מיט אָפּגעטאָקטע ווערטער און אויך צום גראם:

„נידער מיט דעם קאפּיטאליזם!"

„עס לעבּע דער סאָציִאליזם!"

האָט עס דער גאנצער אוילעם אונטערגעכאפּט און געענדיקט מיט א געשריי „הורא, הורא!"

און דעמאָלט האָט יעקל סטאָליער אראָפּגענידערט פון בּארג און פארמישט זיך צווישן אוילעם, וואָס האָט זיך מיט אָפענע מײַלער און פארפלאמטע פּענימער צוריק געלאָזט אין שטאָט ארײַן מיט א געזאנג.

און מיידלעך אין די יאָנטעוודיקע קליידלעך, מיט בלאַנקענ־דיקע, צוגעקעמטע קעפּלעך האָר האָבן זיך פון שטאָט אַרויס־געלאָזט מיט גלעזערנע קריגלעך אין די הענט, אַהיים צו כאַפּן אַ כאָמעצדיקן טרונק וואַסער פון קוואַלן... און ווי זיי האָבן די כעוורע באַגעגנט און אָפּגעשטעלט זיך בא יאָסל זייפנזידער אויפן גאַניק און געקוקט מיט אָפענע מײַלער און אויסגעשטעלטע אויגן, האָבן די יונגען די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און שטיל גע־וואָרן...

האָט אָבער איטשעלע, וואָס איז הינטן נאָכגעגאַנגען, נישט געקענט באַשטיין און האָט זיי אַ זאָג געטון, פאַרוואָס זיי זענען אַזוינע יאָלדן, און צי זיי האָבן נאָך קיין „מיידן" נישט געזען קיינמאָל... האָט כעוורע געשוויגן. און איטשעלע האָט דערווײַל מאַמזעריש געשמייכלט צו די מיידן אויפן גאַניק, האָט אַרויס־געשטעלט שטײַף די ברוסט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַזוי ווי אָנ־געבלאָזן און געשאַרט דעם טריט אָן דער ערד — נאָר אַ פּאָר שפּאָרן אים אָנצוטון...

און באַלד נאָך יאָנטעוו, די פּאַצעטלעך זענען אַוועק צוריק קיין וואַרשע, „אָגולניקעס" האָבן זיך אָנגעהויבן אין שטעטל אַרײַן צו באַווײַזן, צו מאַכן אַ „רוים", און די פאַבריקאַנטן האָבן גרויסע ליידיקע צוקער־פעסער אונטער די פענצטער אָנגעגרייט, אָנצופּאַקן זיי מיט שטיוול, — האָבן די „יונגען" שוין אַלץ געהאַט פאַרגעסן, און מען איז זיך געזעסן בא די וואַרשטאַטן, צו צוועלף, צו פופצן מאַן אין אַ ווערקשטעל, די אַרבל פאַרקאַשערט ביז איבער די עלנבויגנס, די פּענימער רויט און באַדעקט מיט שווייס, וואָס האָט געראָנען ביז איבער דער גאָמבע, און זיי האָבן גע־קלאַפּט מיט די העמערלעך איבער דער זויל און ווײַטער זיך צו־געזונגען דאָס לאַנגסדיקע לידל:

איך האָב געליבט אַ מיידעלע,
געוועזן איז זי פון ווין...

איך האָב געליבט אַ מיידעלע,
געוועזן איז זי פון ווין...

זי איז אהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן,
זעען, וואָס זיי טוּן,

זי איז אהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן,
זעען, וואָס זיי טוּן.

און אזוי האָבן אלע געזעלן און די האנט־יונגען געבענקט נעבעך נאָך דעם שיינעם מיידעלע, וואָס איז פון זיי אוועקגע־פאָרן אהיים צו אירע עלטערן, און עס האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן די גאנצע מעַסע מיט א שיינעם פויגל, וואָס „נישט אזוי ווײַט זײַן שיינקײַט, נאָר ווו זײַן הויך פליִען", „וואָס האָט אראָפּ־געלאָזט א בריוועלע, געווען איז עס פון ווין"... און נאָך און נאָך — אז איין גאָט האָט זיך געמעגט דערבארעמען.

מאכט זיך אָבער איינמאָל א מעַסע, עס איז געקומען אראָפּ צו פאָרן עפּעס א פרעמדער יונגערמאנטשיק אף א שאבעס, און דערצו נאָך אזוינער, וואָס דאָס גאנצע שטעטל האָט נישט אָנ־געהויבן צו וויסן, ווער ער איז, ווײַל ער איז נישט אײַנגע־שטאנען בא הערשל מענאשעס, ווו אלע „אָגולניקעס" שטייען אײַן. און עפּעס א מאָדנע בריִעלע איז דאָס: אן איידלס, מיט א בלאסלעך, לענגלעך געזיכט, א בלאָ העמדל, אונטערגעבונדן מיט רויטע פּאָמפּאָניקלעך. א שפּינקעלע אונטערן האלדז, א שווארץ קאפּעליושל אפן קאָפּ און שווארצע לאנגע לאָקן ביז איבער די אקסלען צעלאָזט. און דאָס האָט געשוועבט איבער דער גאס, גרינג ווי א פייגעלע. איז עס אין שאבעס געווען. די זון האָט פונקט געשײַנט, און כעוורע יונגווארג האָט זיך ארומגעדרייט אהין און צוריק איבער דער גאס, עפּעס שטארק צערודערט. ווײַבלעך און מיידלעך זיצן אף דער „פּאָטשינע", אזוי ווי שאבעס באטאָג נאָך דעם עסן, אויסגעפּוצט אין די שאבעסדיקע קליידער און קלאָרע פארטעכלעך — ווייסן שוין אפילע, וואָס פאר א קונצן „דערדאָזיקער" וועט מאכן באם גאלעך אפן הויף... און די כעוורע יונגען אינמיטן גאס קוקן אים אויך נאָך שטיל און שווײַגנדיק, און טיילמאָל טוט מען זיך א שמייכל איבער איינס צום אנדערן. און יעקל סטאָליער, זעט מען, קלעפּט גאָר אָן אים, שוועבט אויך איבער די גאסן אהין און צוריק און אלעמאָל ווארפט

ער עפּעס אריַין א סאָד צווישן כעוורע, נאָכאמאָל און נאָכאמאָל. ביז דער אוילעם איז ביסלעכוויַיז ערגעץ פארשוווּנדן געוואָרן און די גאס איז ליידיק געבליבן...

און צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל גערוישט, אַז נישט קיין קונצנמאכער איז דאָס געווען, נאָר א וואַרשעווער, איינער פון יענע „פארשווינדלעך"... און די יונגען אין די וואַר־שטאטן זענען עפּעס שטילער געוואָרן און אָנגעהויבן צו כאָלעמען איבערן שטיוול, וואָס מע האלט אַף די קני אינמיטן איבערנייען, אָדער קאָווען. יענץ בלאסלעכע געזיכט, וואָס איז געשטאַנען אָנ־געשפּאַרט אָן בוים מיט פארטראכטע אויגן, קען זיי גאָרנישט פון זין ארויס. עס זיצן אין איין וואַרשטאַט ארום צוועלף מאַן געזעלן מיט האַנט־יונגען, קוקט זיך איינער צום צווייטן נישט אום, און יעדער פאַר זיך איז פאַרטראַכט מיט א רויִק אראָפּגעלאָזט געזיכט און שטילע אויגן, וואָס שטייען אומבאַוועגלעך איבער דער אַר־בעט. און טיילמאָל שטעלט זיך א האַנט אָפּ, דאָס העמערל לאָזט זיך אָנמעכטיק נאָך און בליַיבט ליגן אַף דער זויל, פלאך, איבער־געדרייט, ווי אַן אָפּגעשטאַנען פישל מיטן בײַכל ארויף. און ער, דער יונג, האַלט באַם עק שטילעכל און קוקט מיטן אַזוינע אויגן, ווי א קינד, וואָס האָט זיך פארטראַכט אינמיטן גאס מיט דעם בייגל אין דער האַנט.

— וואָס זיצסטו, טאַם? — רײַסט איבער אַן עלטערער געזעל.

— הום... — כאַפּט זיך דער יונג ערשט אויף און טוט פאַר־שעמט א שמייכל און, ווי צו פאַרענטפערן זיך, לאָזט ער פאַלן עטלעכע ווערטער — „איַי... ווער עס האָט נישט געזעען"...

און וואָס געזעען, ווען געזעען, זאָל מען אים שוין א גליד איבערהאַקן, וועט ער נישט דאָס מויל עפענען, איידער ער קוקט זיך אַום, צי דער מײַסטער איז נישטאָ אין שטוב...

עס טרעפט טיילמאָל פאַרקערט, ווען די אויגן בליצן אויף, דאָס פּאָנעם קנייטשט זיך העפטיק, ווי פּאַליעס וואָלטן איבערן קאָפּ געיאָגט — דעמאָלט יאָגט מען די פלעקלעך מיט אַן אימפּעט אין דער געלעכערטער זויל אַריַין, צוטאַנצנדיק מיטן העמערל, איינס־איינס!... איינס־איינס!... און מיט אזא געשווינדקײַט, ווי מע דעריאָגט עפּעס, ווי מע דערכאַפּט עפּעס, ווי מע וויל

זיך מיט עפּעס צוזאַמענשטויסן, עס זאָל קנאַקן, הילכן! און אין אַזאַ צײַט מוז שוין װעלכער עס איז אַרויסשפּרינגען מיט אַ לידל:

„װאָס טויג אײַך דען, ברידער, אַזאַ לעבן —
אַ לעבן אין הונגער און אין נויט?...

און דער גאַנצער אוילעם, װי אײן כאָר, טוט באַלד אָן ענט־פער־אָפּ מיט געזאַנג און געקלאַפּערײַ מיט די העמערלעך, מע שמעטערט די שטיפּטלעך אין דער געלעכערטער זויל אַרײַן, װי די קוילן אין ערגסטן סוינע, און דאָס געזאַנג צעטראָגט זיך דורך די אָפּענע פענצטער אױף דער גאַס אַרויס, מעכטיק און מיט ראַש.

און אַז עס טרעפט גראָד, יעקל סטאָליער גייט פאַרבײַ און דערהערט דאָס געזאַנג, פאַרגאַנװעט זיך אים אַ שמייכל אין די װינקלען פון די ברעמען, און די אויגן שטראַלן מיט האַרציקער פרייד צו די אָפענע פענצטער...

פאַרנאַכט. מע לייגט אַװעק די אַרבעט, לאָזט מען זיך אין גאַס אַרײַן. מע גייט שװײַגנדיק, מע באַגעגנט זיך מיט די ייִדן, װאָס שטייען אָפּן שול־הויף, אַרומגעגאַרטלט מיט רויטע פּאַטשײ־לעס און װאַרטן אױף אַ שטערן... קוקט מען זיך איבער מיט זיי און מע גייט װײַטער... מע שפּאַצירט פאַרלעכװײַז, אָדער מע כאַפּט זיך אַרײַן צו מאָטעלען אין טיי־הויז, הערן אַ ייִדיש װאָרט!... װער שמועסט אַ לידל — איז אַװדאי גוט...

שאַבעס באַטאָג קען מען דאָס גאַנצע שטעטל אויסשאָקלען פאַר איין יונג, די גאַסן זענען לער, די לאָדנס צוגעלענט, עס הערט זיך אַ שנאָרכן, און די יונגען זענען פאַרקראָכן מיט יעקל סטאָליער הינטערן נײַעם בייסוילעם אַרונטער...

נאָר װען די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ אין יענער זײַט טײַך, אין װאַסער שפּיגלען זיך שוין אָפּ די רויטע הימל־פלאַמען, און איידעלע יונגעלײַט מיט בלאַסע צורעס, מיט שיך און זאָקן און מיט פאַרשטעקטע הענט אין די גאַרטעלעך פון די שלאָפראָקן גייען זיך בעגימעס, שפּאַצירנדיק, אױף דעם ברייטן װעג — הערט מען שוין די כעװרע צוריק גיין מיט אַ געזאַנג אין שטאָט אַרײַן...

און איינמאָל, שאַבעס פאַרנאַכט, האָט זיך דער סטאַרשע סטראַזשניק פאַרגאַנװעט הינטערן שעכטהויז און אָפּגעקוקט

פון הינטער א ווינקל־וואנט, מיט די שעכענע שליפּעס און מיט דעם שטערנדל אפן היטל...

און אז די כעוורע איז אין שטאָט אריַין, אין דער ערשטער גאס, איז פאר א טיר פון א הויז מיט וויַיס־געמאָלטע לאָדנס געשטאַנען איַיזיק פייגע־ליבעס, דער גרעסטער פאבריקאנט פון שטיוול, ער מיט זיַין איידעם הערשעלע, — די סאקן צעלאָזט, מיט די קייטלעך איבער די גרינע פּליושענע וועסטן, און האָבן נאָכ־געקוקט מיט פארביסענע ליפּן, אראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאר־באָרגענע בליקן פון אונטערן שטערן אפער. כעוורע האָבן אויך די קעפּ אראָפּגעלאָזט... און איַיזיק מיטן איידעם האָבן זיך איבער־געקוקט מיט א פארברענטן שמייכל אין די בלישטשענדיקע אויגן...

דערנאָך, ווען דער „סטארשע״ איז צוריקגעגאנגען פון הינטערן שעכטהויז, האָבן זיי אים אריַינפארבעטן אין שטוב אף כאלע און יידישע פיש.

דער איידעם האָט אים צוגערוקט א שטול, איַיזיק האָט זיך געפּאָרעט מיטן טישטעך אויסגליַיכן, אָפּשאָקלען, און כאוועלע דאָס וויַיב אין דעם גאָלדענעם קייטל, וואָס דער לובלינער גאָלד־שמיד האָט עס איר איבערגעגאָסן פון א שאָנשטיק, זי האָט זיך דערוויַיל געדרייט בא דער סערוואנטקע. ארויסגענומען דאָס קארפינקעלע בראָנפן און צוגעטראָגן עס צום יונגן וויַיבל, וואָס איז אפן בעט געלעגן, און געקיפּלט זי, זי זאָל צוגיין צום טיש דערלאנגען — „מע מוז פאר אן אָרל אויך אמאָל יויצע זיַין״... — האָט זי צוגעשמייכלט, ווי א ליבע מאמע, וואָס ווייסט און איז געניט...

פון דעמאָלט אָן איז דער סטארשע סטראזשניק געוואָר געוואָרן פון נאָך א ניַי וואָרט — „אכדעס!״ יידישע ווערטער קען ער פיל און האָט זיי ליב, לעמאָשל: „קאלע״ „באָד״, „מאכן א שפּיל״ — האָבן פארשידענע טיַיטשן, נאָר קומען קומט פון זיי ארויס בולקע מיט פיש... ציַינד נאָך א וואָרט, וואָס גיט כאלע מיט פיש: „אכדעס!״

יעקל סטאָליער וויַיטער איז דערגאנגען, אז ער דארף מאכן קעסיידער פארזאמלונגען און דער סטארשע דארף זיך פאר־גאנייוענען הינטערן שעכטהויז.

אין א צײַט ארום האָט שוין דער סטארשע געהאט פאַר־שריבן אין ביכל אלע נעמען פון די אכדעס־לײַט; יעקל סטאָליער איז געשטאנען אפן ערשטן זײַטל, אויבנאָן:

„יאנקל פישער"...

קײנער האָט אָבער נישט געקוקט דערויף. כעוורע אין „טשײַנע" מע'רט זיך. עס קומט אן אפדערנאכט, ווערט ענג אין לעצטן שטיבל. ווי נאָר א באלמעלאָכע, א האנט־יונג, קומט ער דאָ אהער, פארברענגט דאָ א שאָ, צווײ, און ווערט שוין א כעוורע־מאן, יעקל סטאָליער האָט האשגאָכע אף אלעם. אפילע זיך לוסטיק מאכן לאָזט ער נישט; ער וויל, מע זאָל נישט שפרינגען אף טיש און בענק, נישט אײַנברעכן די בעטן. ער פירט אויך „קאָרעספּאָנ־דענציע" מיט ווארשע... לעזט פאָר די בריוו, און פון דעם וואקסט אויך די כעוורע פון טאָג צו טאָג; וואָס א נאכט — ווערט אין שטיבל ענגער, פרײלעכער, לעבעדיקער.

און אײנמאָל האָט יעקל געבראכט א גאנצן פאק פראָקלא־מאציעס און אָנגעהויבן צו טײלן, אזוי ווי אין די גרויסע שטעט. איז אָבער דער אוילעם — ווי איטשעלע קאמאשן־שטעפער זאָגט — געהארגעט אף דער „איוורע"... און ווי יעקל סטאָליער קלאָגט זיך — „טאלמעטוירע־קאליקעס" — מוז ער אלײן פאָרלײענען. דער אוילעם רינגלט אים ארום, מע שטײט איבער טיש און בענק, אײנער אפן אנדערן, אײנער איבערן אנדערן, איבער די קעפּ און איבער די אקסלען, מע כאפט זיך אינדערלופטן, און יעקל סטאָליער הײבט אוף די פראָקלאמאציע צום לאָמפּ:

— „גענאָסען און גענאָסינען!"

— פארטײַטש! — רופט איטשעלע.

— כאווײרים און כאווערטעס... — ענטפערט יעקל.

— וואָס פאר א כאווערטעס!...

— אין גרויסע שטעט — דערקלערט יעקל — באטײליקן זיך מײדלעך אויך.

— הײסט עס, מישן זיך אויך אריַין?... פרעגט מען נײַגעריק.

— אוואדע...

— נאָר דאָ הי... — שמײכלט איטשעלע, — א פארשאָלטענע שטאָט דאָס איז...

— גיב אים שוין א פּאָר מיידן...— כאַפּט עמעצער אונטער, און בעוורע צעלאכט זיך. איטשעלע הייבט נאָך אָן צו קלאַפּן איבער די אקסלען, ווערט שוין גאָר א געקאָכערײַ, אז גאָט זאָל אָפּהיטן. און מע הייבט זיך אָן צו ווארפן איבער טישן און איבער די בעטן. היטלען פליִען אין דער הייך, די קוילעס שלאָגן־אָן אין באלקן. דערווײַל טרעט עמעץ אָן א קינד אף א פיסל, צעשרײַט זיך עס; קומט ארײַן צו לויפן טויבעלע, מאָטעלעס ווײַב, מיט א געוואלד, כאַפּט דאָס קינד אף דער האנט, שטילט עס אײַן. בעוורע ווערט דערווײַל אביסל געלאסענער, צעלייגט זיך אף די בעטן אין דער ברייט, מיט די קעפּ אָנגעשפּארט אָן דער וואנט און מיט די בײַכער ארוף, ווי די לעשטשעס. און אויב איטשעלען פארגלוסט זיך ארופצוקריכן מיט די קניִען אף די בײַכער, ווערט א געשלעג, מעג מען שוין פון שטוב אנטלויפן. יעקל סטאָליער וויל דערפאר שטראָפן: מע דארף לייענען! מע הערט נישט, אלע זענען צוזאמען און עס איז פריילעך. „אכדעס“ — ווייסט מען שוין אזוי אויך: דאָס איז א מין „באשטיין, וואָס אלע באַשטייען“ — זאָגט איטשעלע. לאָזט יעקל סטאָליער אָפּ און בעט נאָר זיך צעגיין אהיים:

— גייט, קינדער, שלאָפן, — זאָגט ער, — איר וועט דארפן מאָרגן ארבעטן, א טאָג א יאָר.

און אז אין שטעטל האָט זיך נאָכאמאָל באוויזן אזא פאר־שווינדל, ווי דער ערשטער, און נאָך מיט א הויסאָפּע: מיט א גראָבן שטעקן אין דער האנט, איז שוין אפן שטעטל גאָר אן איבערקערעניש געקומען. נישט לאנג האָט ער געווײַלט, און באלד נאָך זײַן אוועקפאָרן האָבן אסאך יונגען קוידעמקאָל געלאָזט זיך וואקסן די „גזשיוועס“ און אײנציקווײַז אָנגעהויבן ארײַנצוקריכן אין בלאָע העמדלעך, לויט דעם בונדיסטישן נוסעך. און פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, מע הייבט נאָך נישט אָן צו וויסן, ווערט א שטרײַק בא אײַזיק פייגע־ליבעס... נאָר איין געזעלן, איין אקשן איז געבליבן זיצן באם ווארשטאט. ער האָט זיך אײַנגעשפּארט; איז אונטערגעשפּרונגען א האנט־ייִנגל אונטערן פענצטער מיט

א גרינער פלאַש נאַפּט אין דער האַנט און האָט זי אים אָן קאָפּ צעבראָכן; און א פּוסטקע איז געוואָרן אין אײַזיקס שטוב. און די יונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין מארק ארומצודרייען מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, טאַטעס האָבן אָנגעהויבן נאָכצויאָגן, מע זאָל גיין צו דער ארבעט, און מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכ־צודרייען, ווי די שאָטנס, הינטער די פּלייצעס און האָבן מיט פינצטערע פּענימער געבעטן, געכאַלעשט, מע זאָל גיין כאָטש דאַוונען... עס גייט א יונג פאָרויס, א מאַמע — נאָך, און בעט זיך ראַכמים: וואָס ווילסטו פון מײַן רעשט ביסל יאָרן האָבן?... זאָלסט נישט נאָכגיין יעקל סטאָליערס קאָפּ. און זאָלסט מיר נישט אָפּ־טרעטן פון לעבעדיקן גאָט! און טאַטעס און מאַמעס האָבן גאָר־נישט געהאָלפן, און דער סטאַרשע סטראַזשניק, מיט וועלכן אײַזיק האָט געסטראַשעט — אויך נישט, און מע האָט די יונגען געמוזט נאָכגעבן, פאַרקירצן דעם „ארבעטס־טאָג"... און נאָך גיכער די יונגען זענען אוועק צו דער ארבעט, זענען שוין אנדערע ארויס־געקומען אף זייער אָרט אויך מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, אויך געמאַכט רעדלעך און געהאַלטן זיך נאָר אין איין סוידען... האָט זיך דאָס געשטעלט א זומער, אז מע האָט דעם מאַרק נישט ליידיק געלאָזט אף איין מינוט — נאָר שטרײַקן און שטרײַקן. עס האָט קײַן איין פאַבריקל נישט אויסגעמיטן; א פאַרשלעפּטע קרענק. און אז עס קומט א שאַבעס אינדערפרי, די זון שײַנט, שטופּט די כעוורע אין גאַס ארום, אין די שאַבעסדיקע סאַקלעך, מיט אויסגעפּוצטע קאַמאַשלעך און ווײַסע קעלנערלעך אף די העלדזלעך. און אין שול איז שטיל, ווי אין א גאַניידן... דער שאַמעס קלאָגט זיך, אז ער האָט קאַם א מיניען. און יוינע־בער סויפער, אז ער גייט מיט זײַן מיניען אהיים פון שטיבל און דערזעט די כעוורע אף דער גאַס, באַפאַלט אים א גרויס טרויעריקײַט און ער זיפצט אָפּ: ריבוינעשעלוילעם, איך פאַר מײַן כיילעק בין זיי מויכל...

און נאָך דעם עסן מאַכן זיך ווײַטער רעדלעך אף דער גאַס, די „טשײַנע" איז שוין פול אָנגעפּאַקט. דער גאַרבער־פּאַך — ייִדן שוין מיט בערד — זענען אויך געקומען, מע זאָל זיי „פאַרטיילן" פון די קאַפּיטאַליסטנס הענט... זיצן זיי אלע אויסגעזעצט ארום

טיש און מאָטעלע, דער באַלעבאָס — איבנאָן, אין קאַפּל אַפן קאָפּ און מיט די בלויזע העמד־אַרבל, האַלט ער זיך דאָס קינד אַף דער שויס, און טויבעלע דערלאַנגט עסן. טוט זיך דאָרט אָפּ א שטיקל וועלט — דער אוילעם אַרום וואַרפט גלײַכווערטלעך, אַז מע האַלט זיך באַ די זײַטן. א יונג פון א יאָר זעכצן שטייט באַ א טאַטן, וואָס האָט לאַכנדיקע אויגן, מיט א צוגעשוירן בערדל, פעלט עס אויך נישט מער, נאָר מע זאָל עס א צי טון, זאָל עס אַליין לאַכן, — שטייט ער, דער יונג, און „מעלקט" אים באַ א קנעפּל און טײַנעט עפּעס צו אים, גיט אים עפּעס צו פאַרשטיין, און ווען מע דאַרף, שאָקלט ער צו מיט די הענט, רעדט אַביסל הייסער און גאָרעט אַרײַן אין אים, דער טאַטע, וואָס שטעלט אַזוי די אויגן אויס, זאָל א שטיקל באַגריף קריגן... כאַפּט אָבער פונקט עמעץ אָן דעם פּאָטער באַם אַקסל:

— יויעלקע, יויעלקע! — ביסט א שיין לײַט, זע איך; דער זון לערנט גאָר דיך...

— מעגסט דיך אַף אים פאַרלאָזן... — ווינקט דער טאַטע מיט די ברעמען, און דער דאַשעק ווינקט־מיט.

— הער־זשע... — ציט דער זון דעם טאַטן באַם בערדל. יענער אָבער לאָזט נישט אָפּ:

— און מיר, יויעלקע, אין זײַנע יאָרן?...

— האַ!... — טוט יויעלקע א הייב מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, — האָב איך שוין געהאַט כאַסענע געהאַט... „זי" האָט שוין, דאַכט זיך, מיר „געיאַטלט" אויך... מיט אים טאַקע... — ווינקט ער אַפן זון.

— שײַע! — כאַפּט ווידער איינער אָן א צווייטן, וואָס זיצט מיט א ברייט סאַמעטן היטל אַפן קאָפּ און קוקט אין טיש אַרײַן, ווי אין אָקס אין דער קאָרעטע, — שײַע! זאָלסט וויסן, אַז אַף דיר איז געפאַלן דער גורל, זאָלסט אין דער מינוט אַראָפּנעמען די לײַכטער פון טיש...

שײַע שווײַגט מיט א נאַרישן שמייכל אַרום די גלאַנציקע ליפּן און קוקט אַפן אוילעם מיט קעלבערנע אויסגעגלאָצטע אויגן, צי עס איז עמעס... דער אוילעם האַלט זיך אײַן נישט אויסצושיסן מיט א געלעכטער.

— אַנישט, — ציט יענער ווײַטער מיטן שמייכל אין די אויגן, — אַנישט זאָלסטו געבן א האלבן רובל אף ביר...

שײַע שווײַגט ווײַטער — ביידע פּסאָקים זענען שווער... און ער ווייסט נישט וואָס צו טון, צי זאָל ער זיך צופּן באם קליי־נעם בלאָנדן בערדל, צי זאָל ער זיך פריִער קראצן אין א פּייע פאר גרויס אגמעס־נעפעש...

— וואָס שווײַגסטו? — מאכט זיך יענער בייִז, — לאָז זיך דיר דאכטן, אז דאָס זאָגט דיר צאלקע מעשאמעש אין גרינעם שלאָפ־ראָק און הייסט דיר שטעלן א פּאָר פלעשלעך ביר?...

— איך שעם מיך צו זאָגן... — ענטפערט שײַע און טוט א שמייכעלע.

דער אוילעם פּלאצט אויס מיט א געלעכטער.

— קאלב איינער דו, פארוואָס ביסטו אליין נישט אהער גע־קומען, נאָר מע האָט געדארפט צוויי מאָל נאָך דיר שיקן?

— איך האָב געוויגט דאָס קינד, — האָט ער קאם ארויס־געשטאמלט. און דאָס ארומיקע הילכיק געלעכטער האָט זיך נאָך שטארקער צעקײַקלט איבער דער שטוב.

און באלד האָט זיך א פּעסעלע ביר באוויזן, מיט א מאשינקע, און דער אוילעם האָט גענומען טרינקען.

איטשעלע איז אויך אָנגעקומען, און אין שטוב איז נאָך פריילעכער געוואָרן.

נאָך די ערשטע עטלעכע גלעזער ביר, אז די פּענימער האָבן שוין אביסל געפלאמט, האָט איינער א פּאטש געטון אין טיש אריין:

— קינדער, א טקיִעס־קאף זיך געבן, די פאבריקאנטן, די הינט, אָנצולערנען!...

— קינדער, — האָט א צווייטער א פּאטש געטון, — עס וועט זיי די כאָלערע טרעפן, איינס בא איינס!...

— קינדער! — מאכט א דריטער, — אזא באנדיט, ווי מײַנער איז, זעט מען נישט אזוינס!...

— קינדער, — טוט איטשעלע א שפּרונג אריַין אין דער מיט מיטן גלאָז ביר אין דער האנט, — איר האָט דאָך נאָר שטענדיק צו טון מיט די פאבריקאנטן... איז עמעס?... און איך, איך, זעט

איר, האָב גאָר אן אנדער מאזל — — איך האָב געארבעט איינציקע צוויי כאדאָשים בא שמועל טויבעס, זאָלן מיר אזוי אלע לעבן, — גיט ער א דריי ארום מיטן גלאָז פאר די פּענימער, — ווי איך בין אים די גאנצע צײַט א שוטעף געווען צו דעם ווײַב...

— גיי, גיי... א גארבער־פאבריקאנט איז גאָר עפּעס אנדערש... אזא באנדיט, ווי דער מיכל איז, — וואר איך ווער לעבן! דעם ווינטער, הערסטו, האָב איך דאָך געארבעט בא אים, וויל איך איינמאָל באנאכט נעמען א שטיקל שטעקעלע, וואָס איז געשטאנען אין ווינקל באם קוימען, — וויל איך עס נעמען אָפּצויאָגן מיך פון די הינט, וואָרעם די צויג זײַנע האָט געבערענגט אָנצורשלעפּן א גאנצע „טשאטע" פאר דער טיר... וויל איך עס נעמען, גיט ער אוואדע א קום צו: ניטע!... און נעמט עס מיר ארויס פון דער האנט... דאָס ווײַב, זאָגט ער, דארף עס פאר א „פּאָמיאָטלע" דעם אויוון אויסצוקערן. איך האָב געמיינט, איך פאל אנידער... דו פארשטייסט אזוינס?... א מאראָכע, הערסטו, די צויג האָט מיך געקענט, האָט זי מיך א גאנצן וועג געלעקט און די גאנצע באנדע האָט מיך אונטערגעפירט מיט דערעכערעך! אנישט וואָלט איך צעריסן געוואָרן אף שטיקער!

— און איך, הערט איר, — טוט אן עלטערער מיט א שווארץ בערדל א פּאטש אין טיש ארײַן, — איך שרײַ איין געשריי, אז אזוינס ווי מײַנער איז — — האָ, האָ, האָ!... דאָס, ברידער, איז א כאָמיקל... א שטילס, מיטן קעפּל צווישן די אקסלען... דאָס שטעלט זיך דיר ארויס באלד באגינען פאר דער טיר אויסקוקן די ארבעטער. קום איך אנדערש דער ערשטער — ענטפערט ער מיר גוט יאָר... — וויבאלד — שפּעטער, דרייט ער דאָס קעפּל אוועק אין א זײַט... נו, איז מען דאָך נאָך א מענטש, — מע טוט א קוק, ווי יענער ארבעטער האָט שוין הײַנט אָפּגעטון א וועלט, ווערט מען טאקע געפּלאטשט בא זיך... וואָס־זשע טו איך? דערציי׳ל איך אים א מײַסע, אז באשער בעכיין, דער און דער האָט זיך געהארגעט מיטן ווײַב, איז זיך די גאנצע שטאָט צונויפגעלאָפן און איך אויך... אזויערנאָך, פארשטייט איר מיך... גאָרנישט, פאר דאָס צומאָרגנס מוז איך שוין קומען מיט א האלבער שאָ פריִער פאר אן אנדערן און קריג שוין דעם ברייטן „גוט־יאָר"...

און ער ווערט שוין מיט מיר א גאנצער מעכוטן, דערציילט מיר פון זײַנע געשעפטן, אינדערמיט ווארפט ער מיר אַרײַן, אז בעכיין, איך בין דער בעסטער ארבעטער... און יענער — יענער טויג שוין הײַנט אף א קאפּאָרע; ווי קומט ער שוין מיט אים איבער צום סאָף זמאן... און אז יענער קומט, גיט ער אים א ווײַז־אָן אף די גרינגערע שטיקלעך בוקאטן, קעדיי ער זאָל מיך קענען דעריאָגן און איך זאָל מיך נישט לאָזן... אזא „סיבירניק" איז דאָס...

— מע מוז זיי אָנלערנען. מע מוז! — האָבן אלע זיך אָנגערופן. — א שטרײַק, א שטרײַק!

און דאָס האָט שוין געהייסן אונטערגעשריבן די פּאפּירן.

— און דו, שײַע־קאלב, וועסט דאָך גיין מאָרגן צו דער אר־בעט — וועלן דײַנע ביינער צעבראָכן ווערן!

צומאָרגנס האָט מען פון רעב אויזער גארבער אריבערגעשיקט נאָך יעקל סטאָליער. יעקל איז אהינגעגאנגען.

———

רעב אויזער, א לאנגער ייִד מיט א לענגלעך געזיכט, מיט א צווייִשפּיציקער באָרד, איז געשטאנען אין טאלעס און טפילין מיט א זילבערנער אטאָרע איבערן קאָפּ, וואָס האָט אים ביז אין דער העלפט לאנגער נאָז פארדעקט. ער האָט געהאלטן באם לייגן די ראבּיינו טאמס טפילין, און ווי ער האָט דערזען יעקל סטאָליער, האָט ער אים אָנגעוויזן אף א געבעטער שטול און געבעטן זיצן:

— נו, וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?... — האָט רעב אויזער אָנגעהויבן, זיך א וויש טוענדיק מיט דער האנט איבערן געזיכט און אויסלאָזנדיק באם שפּיץ באָרד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט יעקל געענטפערט מיט האלב־אראָפּגעלאָזטע ברעמען, עטוואָס א הייב טוענדיק מיט איין אקסל.

— מע זאָגט דאָך עפּעס, אז דו האָסט די גאנצע דייע... און ביסט נישט קיין נאר אויך, זאָגט מען... וואָלט איך געוואָלט מיט דיר איבערשמועסן. צי ס'איז גלײַך אזוי?... מיילע, איך ווייס, עפּשער קומט עס מיר?...

— ס'איז נישט פאראן, צי עס קומט יאָ, צי עס קומט נישט... אזוי פירט זיך אין ווארשע אויך, און אף דער גאנצער וועלט. אז מע שטרײַקט, שטרײַקט מען...

— מיילע, שטרײַקן איז שטרײַקן — — אָבער וואָס האָבן זיי מיר נאָך די גויִים אויך ארויסגענומען פון פאבריק?...

— וואָס דען הייסט געשטרײַקט?

— ע, נישט דאָס מיין איך... איך מיין נאָר דאָס, ווי קומט מען עס ארײַן צו יענעם באלד מיטן געשלעג?... זיי האָבן דאָך געכאפט אײַזנס אף די גויִים. צײַט איך לעב! — — מיטגעברענגט נאָך מיכלס ארבעטער אויך צו מיר אפן הויף... אין א קוטל־הויז טוט זיך דאָך שוין אזוינס נישט אָפּ...

— ווער איז שולדיק, אז די גויִים האָבן נישט געוואָלט ארויסגיין אליין?

— הערסטו, דאָס שרײַ איך דאָך אויך, אז נאָר די ייִדן... אין שול ארײַן איז גוט צו גיין מיט ייִדן...

— און אין קאמף ארײַן אויך...

— וואָס פאר א קראמף ווײַטער? א, א, קאמפּ... יאָ, יאָ... אין „הצפירה" טאקע שטייט עס פארשטראָכן אין רינגעלעך... נאָר אזוי צי אזוי. וואָס ווילן זיי? — — זײַ־זשע מוחל, ווי הייסטו, ס'איז מיר גאָר ארויס פון רײַען, — האָט רעב אויזער געקנייטשט דעם שטערן, צולייגנדיק א האנט און ווײַטער אראָפּגעווישט מיט איר ביז איבער דער שפּיץ באָרד.

— יעקל.

— יעקל?

— זיי ווילן א קורצן ארבעטס־טאָג. דאָס הייסט, פון זיבן ביז זיבן, און אינדערמיט — צוויי שאָ רו...

— זייער פײַן, זייער פײַן... — ציט רעב אויזער, — נאָר איך ווייס נישט, צי דו ביסט עפּעס געניט אין מײַן ארבעט — — בא מיר ארבעט מען דאָך נישט קיין יוכטן, נאָר גרינגע לעדער „פאָדעשוואנע". אלקיין, ביסטו דאָך נישט קיין נאר... אויב איך דארף אמאָל, א צוויי דרײַ ארבעטער זאָלן בלײַבן אביסל לענ־גער באנאכט, מאכמעס מע דארף איבערגלעטן מיטן רעדל, — וואָס טוט מען?...

— נעמט מען אנדערע מענטשן אף באנאכט.

רעב אויזער האָט זיך פארטראכט.

— אזוי, הייסט עס... איין זאך נאָר וואָלט איך געוואָלט וויסן, — האָט ער זיך ווײַטער אָנגערופן, — כ'מיין מיט די ארבע־טער טאקע — — מיילע, וואָס איז שײַעך... ס'איז דאָך אזא זאך, וואָס טוט זיך אומעטום דאָס אייגענע, ווי דו אליין זאָגסט — אף דער גאנצער וועלט... און מינאסטאם שטעקן דאָך אין דעם מענטשן — קעפּ... וואָלט איך נאָר געוואָלט וויסן, צי קוקט מען אמאָל אף יענעמס מײַמעד אויך... אשטייגער, א זאך, וואָס קען נישט זײַן!... אָט, ווי, לעמאָשל, דו זאָגסט אצינד... קומט אויס, איך זאָל די גאנצע פאבריק אָפּשטעלן... נו, מײַן דײַגע, וועל איך נישט ארבעטן...

— שטעלט אָפּ... — האָט יעקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך האָב פארגעסן, — מאכט ווײַטער רעב אויזער, — איך בין אזא נויגעש, כאָלילע, אפּן ארבעטער, וואָס מע גייט מיר אויסזעצן די מינוט... געוואלד געשריגן, זיי זענען דאָך נישט קיין דאָקטוירים, זיי זאָלן מיר קוקן אפּן זייגער... וואָרעם ווי אזוי באגיי איך מיך מיט אן ארבעטער?... איך בין דאָך נישט קיין אנ־דערער — מײַן שיִער מוז איך מיר אָפּלערנען אלע אינדערפרי דערנאָך גיי איך דאוונען, האָב איך שוין אוואדע נישט זיי אין זין... ווער קוקט זיך אום, צי ארבעטן זיי, צי באלאמוטשען זיי? ווער מעס דײַגע? איך מיין טאקע אינדערעמעסן, ווער קוקט זיי נאָך? נו, איך בעט דיך זייער, קען מען מיר אויסזעצן די שאָ?..

— עס קען אָבער אנדערש נישט זײַן.

— וואָרעם גלויב־זשע מיר, אז מיר פלאצט אזוי אויך די גאל אכצן מאָל א טאָג, ווי אלעמאָל לויפט אן אנדער אונטערן פלויט ארונטער, מיקלאָמערשט... פארשטייסט, פאר א טערעך... און ווי וועלוועלע שלעפּט זיך מיט דער קאַן, טריט בא טריט, פון הינטער דער שאָפע צו דער ברונע צו, קען אויך דאָס בלוט געזעצט ווערן! איך וואָלט באָדײַ דורכן פענצטער ארויסגעשפּרונגען! אָנגעשעפּט אים די קאַן וואסער — נא דיר און גיי, אבי מײַנע אויגן זאָלן דאָס נישט צוקוקן... און דו דארפסט זען, ווי אלע גיבן זיך מיטאמאָל א שטעל־אָפּ און וויקלען פּאפּיראָסן! עס גייט

זיך די גרינגע גאל אָן... כאַפּ איך שוין ארויס מײַן פּושקע מיט פּאַפּיראָסן און צעטייל — — — וואָרעם פּאַרוואָס? — — באַ מיר אַן ארבעטער איז אויך אַ מענטש, גלײַך מיט מיר... נאָר אצינד, זעסטו, אַז זיי זענען שוין יאָ אַזוי, וועלן זיי באַ מיר גאָרנישט אויספירן.

— האָב איך נישט וואָס צו זיצן, — האָט יעקל געזאָגט, אויפֿשטייענדיק פון שטול.

ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס אייבערשטע קנעפּל פון פּאַלטאָ, אַ זאָג געטון אַ גוטן טאָג און איז ארויס פון שטוב.

און געווען איז אַ שאַבעס אינדערפרי, ווען איטשעלע האָט געזען, אַז הײַנט איז די ליבע צײַט געקומען אָפּצורעכענען זיך מיט דער כעוורע קאַצאָווים פאַרן געשלעג פון ערעוו פּייסעך, האָט ער צונויפגענומען אַ מאַכנע מיט יונגען און איז ארײַן אין קליינעם שולכל, ווו די כעוורע קאַצאָווים דאַוונט באַגינען. האָט דער אוילעם געהאַלטן אינמיטן „אל אָדון". און ווי זיי האָבן דערזען די באַנדע, איז זיי וואָרעם געוואָרן אין די לײַבער און האָבן ארופגערוקט די טאַלייסים העכער איבער די קעפּ, געמאַכט זיך פאַרטיפן אין באַל־טפילעס קאָל און נאָכגעזאָגט וואָרט באַ וואָרט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם... און דערווײַל האָט כעוורע געפינקלט מיט די אויגן און געזוכט עפּעס אַן אָנהייב. ביז איטשעלע האָט זיך אַ לאָז געטון צו זעליק שינדער, דעם שטאַרקסטן קאַצעוו, און איז אים פאַרפאָרן צווישן די אויגן, אַז עס האָט אַ הילך געטון! דאָס גאַנצע שולכל איז פאַרגליווערט געוואָרן און שטיין געבליבן מיט אָפענע מײַלער און אויסגעגלאָצטע אויגן. און באַלד איז געוואָרן אַן אויסגעשטרעקערײַ פון הענט צו די הענגלײַכטער, און עס איז געוואָרן אַ געפליקערײַ פון עסעס (רערן), אַז מע האָט געמיינט דאָס גאַנצע שולכל קערט זיך איבער, און כעוורע זײַנען באַלד ארוף אַף טישן און בענק און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסגעמישערײַ און אַ געדרייערײַ פון הענט איבער קעפּ און קעפּ איבער הענט, מיט אַ געשטיקערײַ און געריַיסערײַ און אַ מין ווילד ארומכאַפּן זיך, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם

אָטעם. און מע האָט מער נישט געהערט, ווי דאָס שאָרכן פון די הענט, וואָס האָבן זיך געהויבן איבער די קעפּ, און דאָס שאָרכן פון די טאַלייסים, וואָס האָבן זיך דערצווישן געפּלאָנטעט. און איינער דעם אַנדערן און אַלע אינאיינעם האָבן זיך געריסן, גע־שלעפּט בא די קעפּ, געשטיקט און געבּרענט מיט די אויגן, מיט א ווילדער אָנגעצונדענער טײַווע, איינער דעם אַנדערן אין די העלדזער אַרײַנצוקריכן. און פּלוצלינג האָט עס א קנאַק געטון איבערן גאַנצן שולכל: מיט אַן אימפּעט פון א געוואָרפענער, צערייצטער כײַע, האָט אויסגעריסן א פּוס פון שולכן, און מע פּאָרט שוין מיט אים איבער קעפּ. עס ליגט א יונג אף זעליק שינדער, איבער דעם ברייט טיש אַריבּער אַריבּערגעבּראָכן, און דריקט אים באַם האַלדז, אַז דער קאָפּ פאַרײַסט זיך איבערן קאַנט פון טיש. עמעצער אין א טאַלעס ליגט, און מע קנאַקט צו מיט די פּיס. א גאַנצע קופּע האַלטן זיך צוזאַמען בא די קעפּ, אײַנ־געטיפט און אײַנגעבּיסן מיט די הענט און מיט די ציין איינער אין אַנדערן, איינער אין אַנדערן, און די גאַנצע קופּע, די שווערע, צונויפגעקיפּלטע, אומגעלומפּערטע קופּע, האָט אויסגעזעען ווי איין גרויסע כײַע מיט טויזנטער רירעוודיקע גלידער, וואָס גראָבּט און אַמפּערט זיך און רוקט זיך און שלעפּט זיך איבער אַלע ווינקלען. טייל זענען געפאַלן און האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט אײַנגע־גראָבּענע הענט און פּיס אין טאַלייסים, געשלעפּט און געפאַלן, געפאַלן און געשלעפּט, און ווײַטער זיך אײַנגעגראָבּן איינער אין אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן, און אַלע אינאיינעם, ביז עס האָבן זיך שוין א פּאָר קרעכצן, ווי פון באַהאַלטענע ווינקעלעך, אַרויסגעריסן. נאָך א ניצאָכן און נאָך א ניצאָכן, און די הענט איבער די קעפּ און דאָס וואַרפן זיך איינער אין אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן האָט אָנגעהויבן צו גיין רעגלמעסיקער, גלײַכגילטיקער, נישט געזוימט און נישט געאַמפּערט, נאָר געהויבן די הענט און אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. א שטויס אַהין, א שטויס אַהער. און וועלכע עס האָבן זיך בא די האָר געריסן, האָבן זיך שוין גלאַט געהאַלטן, ווי פּאַר א מאַשקן נאָר... מע האָט געשפּירט, ווי דער אײַנגעהאַלטענער אָטעם האָט שוין נאָכגעלאָזט, ווי די לופט איבער די קעפּ פאַרכאַפּט שוין נישט

אלץ מיט א פארשלינגנדיקן אָטעם, און האָט שוין א ציטער געטון, ווי ארום א דריידל, וואָס האלט שוין אין פאלן... און פלוצלינג, אין אלע ווינקעלעך אף איין מאָל, זענען אלע פענימער שטיין געבליבן, ווי אָפּגעשמועסט זיך, מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און געקוקט זיך אין די אויגן אריַין, ווי פרעגנדיק זיך, וואָס דאָ איז געווען... עס האָט אויסגעזען, אז מע וועט זיך באלד פארוווּנ־דערט צושאָקלען מיט די קעפּ... נאָר איינער באם אנדערן האָט שוין דערזען דאָס בלוט אפן פּאָנעם און איז צו זיך געקומען... נאָך א מינוט, און איטשעלע איז שוין געשטאנען, ארומגערינגלט מיט זיַין כעוורע, בא דער טיר, נאָך מיט דעם פוס פון שולכן אין דער האנט, אין גאָלן קאָפּ, די האָר צעשויבערט, און געקוקט מיט א מידן שמייכל אף די פארברענטע ליפּן צום אוילעם אין די אָפּגעריסענע טאלייסים. עמעצער האָט אים דאָס היטל דער־לאנגט, האָט ער עס אָנגעטון, ארויסגעלאָזט דאָס האָלץ פון דער האנט און איז ארויס מיט דער גאנצער כעוורע אף דער גאס, מיט צעקרעלטע פענימער; די היטלען און די האָר צעקנוידערט, די הענט פארבלוטיקט.

דאָ האָט מען באגעגנט יעקל סטאָליער און ארומגערינגלט אים מיט א פרייד אף די צעריסענע פענימער. זיַין בלאסלעך געזיכט האָט אויך געשמייכלט, קוקנדיק אף זיַין יונג כאַיל: עס שאדט נישט אמאָל „טעראָר" אויך, — האָט ער גוטמוטיק מיטן קאָפּ צוגענייגט.

האָבן זיך אָבער פארנאכט, אפן שול־הויף, די קאצאָווים מיט די פורמאנעס געמאכט איין האנט, אז ווי מע וועט פאקן אן אכדעס־מאן, זאָל מען אים א זיַיט אונטערהאקן. האָט דאָס גאנצע שטעטל זיך געשראָקן: מי יעדייע, וואָס דאָ קען נאָך ארויס־קומען... ווי אָבער עס איז געקומען נאָך די ווארשעווער „יאזדע", האָט מען גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן פונוואנען און פון וואָס, זענען די פורמאנעס צוריקגעקומען מיט ליידיקע וועגן, מיט געשוואָלענע קעפּ און צעהארגעטע פענימער, אז מע האָט קיין אויג נישט ארויסגעזען. דאָס האָט מען זיי אין „זאיאזד" אזוי צורעכט געמאכט און ארויסגעטריבן מיט די ליידיקע וועגן. האָט דאָס גאנצע שטעטל די קעפּ אראָפּגעלאָזט. און מענדל לייזערס

דעם שניט־סויכער האָט מען א מעסער פארוקט אונטערן אָרעם — האלעווייַ זאָל ער די נאכט אויסהאלטן.

האָבן ווייַבער אָנגעהויבן צו שעלטן שטילערהייט, מיט ארופּ־געלייגטע הענט אף די מייַלער. מענער זענען ארומגעגאנגען אָנגעבלאָזן, און דאָס יונגווארג האָט די קעפּ אופגעהויבן און גע־קוקט יעדערן מיט א שמייכל אין די אויגן אריַין...

מע האָט אָנגעהויבן צו מאכן אלע פארנאכט פארזאמלונגען הינטערן בייסוילעם, אָדער הינטערן „צמענטארזש", און זעליק שינדער מיט נאָך קאצאָווים און באלעגאָלעס, גאנצע רייקים, מיט די גרינע גארטלעך, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן נאָכשלעפּן נאָכן יונגווארג אף די פארזאמלונגען, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן געביסן די שפּיצן פון די בלאָנדע בערדלעך — הייסט עס, אז זיי ווילן זיך אויך איַינקויפן אין דער כעוורע „אכדעס"...

ווערט אונדזער שטעטל מיט איר גרויסער קראפט און שטאר־קער באוועגונג באוווסט אין אלע שטעטלעך ארום און ארום, און עס קריגט שוין קאָמוניקאציע מיט שעדלעץ און מיט ראדאָם אויך... גייט נישט אוועק די וואָך, וואָס עס זאָלן נישט אדורכ־פאָרן א צוויי, דריַי פון יענע פארשווינדלעך — שוין עמעסע בונדיסטן.

האָט זיך אָבער די פּ. פּ. ס. אין ווארשע דערוווסט, וואָס פאר א שטארקע באוועגונג בא אונדז איז, ווי דער „בונד" שפּרייט אומעטום אויס זיַינע פליגל, נעמט פּ. פּ. ס. און שיקט אראָפּ און באזעצט אין אונדזער שטעטל א באשטענדיקן כעווערמאן, עפּעס דערצו צו טון. האָבן מיר שוין באַרעכאשעם א פּפּ"סניק אויך, א יונגערמאנטשיק מיט א בלאס פּענימל, נאָר א שלאָפּראָקל אים אָנצוטון. הייבט זיך ערשט אָן א נייַע מייַסע מיט פארזאמלונגען. אין דעם גערטל גאָר, הינטערן קלויסטער. איטשעלע טאנצט שוין אף צוויי כאסענעס. איז אָבער די שעדלעצער אָרגאניזאציע דער־פון געוואָר געוואָרן, שיקט זי וויַיטער אראָפּ אירע צוויי מענטשן, אף א דיסקוסיע!

לויפט שוין דאָס יונגווארג ארום, ווי פארסאמט — א דיסקוסיע, א דיסקוסיע... און מע קוקט יעקל סטאָליער אין די אויגן אריַין, און מע קוקט שוין אויס, עס זאָל נאכט ווערן.

איז טאקע א שיינע ליכטיקע נאכט געווען. די לעוואָנע האָט געשיינט און דער אוילעם האָט זיך פארזאמלט אף דער לאָנקע בא דעם טײַך. אפילע רוון סטעלמאך, שוין א מענטש אין די פערציקער יאָרן, מיט א שווארצער רונדיקער באָרד, און וואָס גיט זיך שטענדיק אָפּ מיט אהיים טראָגן לונג־און־לעבער פון די יאטקעס, אָפּבראָטן און אופעסן, אפילע ער איז אויך ארויסגעקומען, אין די נאקעטע העמד־ארבלען, אין בלויזן וועסטל און מיט א קאפל אפן קאָפּ, און האָט אויך געוואָלט אָנקוקן די דיסקוסיע. איז טאקע געווען אף עפעס א קוק צו טון. די לאָנקע ארום און ארום איז פארגאָסן מיט א טוי־זילבערנעם טײַך, און אינדערמיט שטייט כעוורע אײַנגעטוקט. עס זעט אויס ווי א שווארצע קופּע; א שווארצן פלעק האָט די נאכט דאָ ארופּגעוואָרפן! און די קופּע שווײַגט מיט אײַנגעבויגענע קעפּ צום סאמע מיט, פונוואנען די דיסקוסיע לאָזט זיך הערן. פריער האָט זיך א שטעל אנידער געטון דער ערשטער שעדלעצער קעגן דעם ווארשעווער פּפּ״סניק, דערנאָך — דער צווייטער, און דער אוילעם ארום איז געשטאנען אף די שפּיץ נעגל, מיט אופגעהויבענע קעפּ און אויסגעצויגענע העלדזער, אלע צוזאמענגעגאָסן, באלייכט ארום און ארום, אז דאָס פעלד איז אזש שווארץ געוואָרן — איין געדיכטע מאכנע, איין שווארצע שטיל־שווײַגנדיקע קופּע — און די דיסקוסיע ציט זיך און ציט. פּאָנעם צו פּאָנעם, ווערטער אף ווערטער, וואָס אמאָל שטארקער, הייסער און געשווינדער, אז עס האָט געהאָגלט מיט ווערטער. ווערטער זענען געפלויגן איינס איבער אנדערע, איינס איבער אנדערע, און געטראָפן זיך, ווי הייסע, פײַפנדיקע קוילן.

— עס איז אָן אן ענדע, — האָט פלוצלינג איינער פון די שעדלעצער א רוף־אויס געטון.

— כאווײרים, ברידער, איר זענט אײַנשטימיק מיטן בונד?...

— יאָ, יאָ!! — איז געוואָרן א געשרייערײַ.

— ברידער, כאווײרים, — האָט דער פּפּ״סניק אויך געמאכט די אייגענע קונץ, — איר זענט אײַנשטימיק מיט די פּ. פּ. ס.?...

— יאָ, יאָ!! — איז נאָך א העכער געשריי געוואָרן.

איז ווײַטער נישט געווען וואָס צו מאַכן — האָט ערשט יעקל סטאָליער געגעבן זיך אַ שטעל אַנידער מיט די צוויי שעדלעצער באַזונדער און אַ רוף אויס געטון:

— איך גיי אַרונטער אונטער דעם „בונד״!...

האָט זיך שוין דער גאַנצער אוילעם געוואָלט אַ לאָז טון אַהין, האָט אָבער דער וואַרשעווער אַ רוף געטון צו זיך, איז מען צו אים אויך צוגעשטאַנען. און דער אוילעם האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויייען. נאָר איין איטשעלע איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אינדערמיט, און איז דערנאָך וואָס אַמאָל צוגעלאָפן דאָ אַהין, צי דאָ אַהער. וואָס איז די נאַפּקעמינע? — האָט ער געטײַנעט.

האָט איין צאַד אָנגעהויבן צו זינגען, האָט דער צווייטער צאַד נאָך העכער אָנגעהויבן. איז געוואָרן אַ געזינגערײַ, אַז די פּאַ־ראָבקעס פון הויף מיט די באָרוועסע שיקסעס, מיט ווײַסע פּאַ־טשיילעכלעך אויף די קעפּ זענען געקומען צו לויפן און האָבן זיך געשטעלט פונוויַיטנס און געקוקט אויפן שוואַרצן וווּנדער. האָבן די שעדלעצער געזען, אַז יענע ווערן אויך נישט מיד זינגענדיק, און עס איז ווײַטער נישטאָ וואָס צו מאַכן — האָט איינער אַ כאַפּ אַרויס געטון אַ רעוואָלווער און — האָט אויסגעקנאַקט!... האָט עס אַ זעץ געטון אַ שטיק פײַער מיט אַ רויך, האָבן זיך שיקסעס בײַ די קעפּ אָנגעכאַפּט: „אָ, ליא באָגא!!״

דאָס איז דער ערשטער שאָס געווען, דער ערשטער ייִדישער שאָס בײַ אונדז אין שטעטל.

פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן די לאָדנס אַזוי ווי די נאַכט פאַלט נאָר צו.

דעם סטאַרשע סטראַזשניק איז צו דער שווערד נאָך צוגע־קומען אַ רעוואָלווער אויף דער זײַט... און די טאַנדייט־שנײַדער, וואָס האָבן ביז אַהער נישט געוואָלט צושטיין צו די אַכדעס־ניקעס, האָבן זיך אויפגעהערט אַקעגן צו שטעלן און אויך געמוזט מאַכן אַ שטרײַק, אַזוינעם, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך די יאָר און די טעג פאַרשאָלטן. זיי האָבן געמוזט אויפהערן צו נעמען אַרבעט אַהיים. געמוזט נעמען די מאַשינען אויף די פּלייצעס און איבערטראָגן

צו די טאנדייטער, צו די באַלעבאַטים אין שטוב אַריַין, אַרבעטן. האָבן זיי געזיפצט. טאטעס האָבן זיך שטיל געקלאָגט: מע האָט מיט א מיידל א שידעך צו טון, עס דאַרף קומען א כאָסן, א מעכוטן אין שטוב אַריַין, און דאָ האָט מען אפילע דאָס מאשינדל אויך ארויסגעטראָגן...

אזוי איז עס געגאנגען א טאָג אום א טאָג און, אז א מאמע האָט געדאַרפן א קינד איַינצושלעפן, האָט זי געסטראשעט: „שלאָף, וואָרעם איך גיי רופן די שטריַיקער"... אז צוויי זיצערקעס אין מארק האָבן זיך געקריגט, האָט איינע דער צווייטער א מוירע געמאכט: „נו, נו — איך וועל נאָר א זאָג טון מיַין כאַימלען וועט מען דיר שוין דאָס מולטערל איבערדרייען"... און אז איי־נער א יונג, וואָס האָט א גאנץ יאָר א ליבע געפירט מיט א כסי־דיש מיידל — זומער הינטערן בייסוילעם און ווינטער אפן אפטיי־קערס גאניק, אכוץ בריוועלעך, וואָס ער האָט געשריבן צו איר, וואָס „צייכנט זיך מיט איר טיַיערן „נאָמען" פייגעלע גרינבלאט", — האָט ער אצינד שוין ארויסגעשטעלט דעם פאָטער אירן א פאָ־דערונג, ער זאָל אים געבן די טאָכטער... און איינער א פיב־טשעלע, וואָס האָט זיך גערעכנט צו די אכדעס־ליַיט, האָט קיין ארבעט נישט געהאט, אָדער נישט געוואָלט ארבעטן און האָט זיך דערוויַיל געכאפט צום האנדל, אופצוקויפן וואָס א דאָרפס־ייִד ברענגט אין שטאָט אריַין — א פור אויבס, דאָמב, אָדער האָניק־קוועטשעכץ, — האָט פינטשעלע, וויבאלד מע האָט אים נישט געוואָלט פארקויפן, געדארפט צולייגן א פינגער צו דער נאָז, געבנדיק אָנצוהערן, אז, אז... איז שוין גענוג געווען. און טאָמער האָט זיך דער ייִד אויסגעלאכט, האָבן זיך מענטשן בא די קעפ אָנגעכאפט: ייִד, וואָס טוט איר?... איר שעכט זיך אָפּ, איר וועט זיך נישט טאָרן אין שטאָט אריַין וויַיזן... און ביסלעכוויַיז, אז איינער האָט געהאט אף דעם צווייטן א שווער ביטער הארץ, איז מען טאקע געקומען אין „טשיַינע" אריַין אף א קלאָג. און יעקל סטאָליער האָט א ווייך הארץ, קען ער נישט צולאָזן קיין „אומ־רעכט" און זעט זיך צוצובויגן, עס זאָל נישט געשען קיין

אוולעס. און אז יעקל זיצט בא דעם טישל אין אנדערן כיידער, געפינען זיך שוין ארום אים א פּאָר יונגען — כעוורעלײַט; בא דער זײַט שטייען א פּאָר פרעמדע מענטשן, נישט פון „היגעדיקן רייסטער", נאָר וואָס זענען גלאט געקומען מיט א באקאָשעלע א קליינס.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פרעגט יעקל א ייִד, וואָס האלט זיך שוין א לאנגע צײַט בא דער באָרד און צאפּלט מיט די אויגן צו אים, אז דאָס היטל מיט דער יארמעלקע לאָזט זיך אים אזש אף א זײַט אויער אראָפּ.

— יעקלשי... — בייגט זיך אים דער ייִד איבערן אויער, — איך האָב מיר געוואָלט א פענצטער אויסשנײַדן אין הינטערגעסל ארײַן. האקלאל — מיטן סטארשע סטראזשניק בין איך שוין אדורכ־געקומען... האָב איך אָבער מוירע פארן שאָכן, ער זאָל נישט קריכן אין קיין העכער אָרט ארײַן... בעט איך דיך, יעקלשי.

— נו, נו... — טוט יעקל א שאָקל מיטן קאָפּ, אויסשטעלנדיק צוויי גוטע טויבן־אויגן, און דער ייִד וואָלט שוין געגאנגען שווערן אין טאלעס און קיטל, אז עס איז קראנט...

— און וואָס האָט איר פארלאנגט?... — ווענדעט ער זיך ווײַ־טער צו א יונג ווײַבל, א בלוט־און־מילך, וואָס איז געשטאנען אין א זײַט, אײַנגעהילט אין א פאטשיילע.

— איך בין פון סטאָצק... — הייבט זי אָן שעמעוודיק, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, — האָב איך א מאן, א כאָסיד... נישט צו גאָט און נישט צו לײַט... איך בין א נייטערן און מוז נאָך אים געבן צו עסן. קען נישט זײַן צווישן אונדז קיין לעבן... יאָג איך מיך מיט אים ארום שוין אנדערטהאלבן יאָר וועגן א געט — איז אָבער בא אונדז אין שטעטל נישטאָ קיין טײַך, וואָס זאָל האָבן א נאָמען... און מיטן פאָרן אין אן אנדער שטאָט ארײַן שלעפּט ער אָפּ, שלעפּט אָפּ... און איך האָב מיך נישט צו וועמען צו ווענדן... נישט קיין פרײַנט און נישט קיין קרויוּים...

דאָס הערט שוין יעקל אויס מיט מער אופמערקזאמקײַט. עס געפעלט אים זייער, וואָס זי איז א נייטערן — זי „פּראָדוצירט"... איז א נוצלעך גליד אין דעם „געזעלשאפטלעכן אָרגאניזם"... און ער פרעגט זיך אויס איינציקווײַז, צי איז זי עפּעס א באלעזענע,

און דעריקער, צי קען טאקע נישט זײַן קיין לעבן צווישן איר און דעם מאַן. און אַז ער זעט אײַן, אַז זיי זענען „צוויי פאַר־שידענע וועלטן", שאָקלט ער איר אויך צו מיטן קאָפּ... און די כעוורע יונגען, וואָס שטייען דערבײַ און קוקן זיך אײַן מיט אָפענע מײַלער און אויגן אין דעם ווײַבלס געוויטלט געזיכט, דערהיצן זיך, די מענטשעלעך אין די אויגן הייבן אָן צו גלאנצן, און זיי לייגן איר פאַר, אַז זיי קענען טאקע באַלד מיט איר מיטפאָרן מיקויעך דעם אייסעק.

טיילמאָל פאַלט אויך אַרײַן מיט אַ אימפעט אַ ייִדענע מיט אַ פאַרדרייטער קופקע, אַ צעפלאַמט געזיכט, פײַערשפּריצנדיקע אויגן, און האַלט אויסגעשטעלט צוויי הענט מיט לונג...

— זעט, מענטשן־קרוין — ציטערט זי אַזש — מע נעמט, מע בינדט מיר אָפּ די קאַץ, אַף צעלאָכעס, זי זאָל מיר די לונג פון קוישל אַרויס אופרעסן און די רעשטע אין זאַמד אויסנאָרען!...— קלאָגט זי זיך אַף די שכיינים.

און אַז יעקל שווײַגט, רעדט זי זיך כאָטש פון האַרץ אָפּ, ווערט אויך אַ קאָפּ לײַכטער...

יעקל הערט אַלץ אויס, נעמט אַלץ צו, און דערפאַר האָט אים דאָס שטעטל ליב געקריגן. מע רופט אים שוין הינטער־ווײַלעכס „רעב יעקעלע דײַען"... און אין די אויגן לויבט מען אים אין טאָג אַרײַן פאַר זײַן גוטסקײַט, פאַר זײַן כאָכמע... אפילע באַם סטאַרשע סטראַזשניק אין די אויגן האָט ער אויך נויסעכיין געוווען: „יעווריעיסקי קאָראָל" רופט ער אים. און דער „סודיאַ", וואָס קומט צו פאָרן איין מאָל אין כוידעש אַף אַ פאָר טעג, אָפּצופּאַרטיקן די היגע לאָדענישן, קען זיך גאָרנישט אָפּ־וווּנדערן, וואָס פאַר אַ פײַן שטעטל דאָס איז געוואָרן, אויס פּראָשעניעס, אויס אַלץ...

נאָר איינער איז שטאַרק בערויגעז אַף די אַלע מײַסעס. דאָס איז דאָווידל ראָזענצווײַג. דאָס איז אַ ייִדל אַ רירעוודיקס מיט לויפנדיקע אייגעלעך, מיט נײַן מאָס רייד, שפּרינגט באַם רעדן אין די אויגן אַרײַן, כאַפּט זיך מיט הענט און מיט פיס אַף יענעם.

ער איז אויך א געמאָרע־קעפּל, ווען מע דאַרף, אַן אייצעגעבער און א שטיק אדוואָקאט.

עס קומט אריַין א ייִד מיט אַן אייסעק, גיט ער באלד א דריי ארויס דאָס ברענענדיקע לעמפּל, וואָס שטייט אפן טיש אונטער א בלויער שייַן, שפּרינגט-צו צום ספּאָרים־שענקל, כאפּט ארויס א סייפער מיט דראָבנע אויסיעלעך און ציפערן בא די זייַטן — בלעטערט, בלעטערט און טוט זיך א שטעל אָפּ אף איין אָרט מיט לויפנדיקע אייגעלעך איבער די שורעלעך, א לייג צו א האנט צום שטערן, א וויש אראָפּ ביז איבערן קליינעם בערדל און באלד צוריק א הייב אוף דעם קאָפּ: א — הום... — זעך דיך, זייַ־זשע מויכל — טוט ער פלינק א וואָרף איבער מיט די אייגעלעך אף א ליידיקע שטול. — אזוי, פארשטייסטו מיך... עס איז אפילע א פארפלאָנטערט אייסעק, נאָר מער נישט, ביסט דאָך געקומען צו מ י ר... ווערט מען זעען אַן אייצע... קוידעמקאָל, פארשטייסטו מיך, איז א פראָשעניע, און טאקע באלד מיט דעם סטאטיע „טשיסטא־טריסטא סאָראָק פּיאט"... וואָס איך האָב דאָ ערשט טאקע אופּ־געזוכט עקסטרע פאר דייַנעטוועגן, פארשטייסטו מיך... און אזוי, פארשטייסטו מיך, ווערט עס שוין גיכער זייַן אין אָרדענונג...

— יאָ, יאָ... דאָווידשי, — שמעלצט זיך דער ייִד אין אים פאר נאכעס, — איך ווייס, א געמאָרע־קעפּל...

און דאָווידל ראָזענצוויַיג גיט באלד א קלונג אָן אין א בייַ־נערן מויערקעפּל אפן טיש און עס קומט אריַין צו פליִען א זונדל, א פאצעטל, א האָזל מיט אופגעשטעלטע אויערלעך און האלב־צוגעמרוזשעטע אייגעלעך:

— וואָס פארלאנגט דער פּאָטער?...

— נעם נאָר געשווינד די פעדער אין דער האנט אריַין...

„יעוואָ" אזוי און אזוי, — טוט דאָווידל ראָזענצוויַיג א דיקטיר, און דאָס זונדל, וואָס זיצט שוין מיט דער פעדער איבערן פאפיר, מאכט א געדרייעלע מיט א ריַיך, און די פעדער הייבט אָן סקריפּען צוטאנצנדיק, און דער פּאָטער דיקטירט וויַיטער, ארומ־גייענדיק איבערן צימער אינעם ציצענעם שלאָפראָקל:

— אזוי ווי דער „לעווי גרינשטיין" האָט מיט „מענאשע כומערן" אזוי און אזוי... לאָכיין, — „פּאָטעאָמו", הייסט עס,

האָב איך גרויס „טשעסט", און אזוי ווײַטער, די סטאַטיא — די און די...

פּאַרטיק. דער ייִד כאַסמעט אונטער... עס וועט שוין זײַן גוט!..

קומט ווײַטער אַרײַנצוגיין דעם אייגענעמס באַלדאָוועך, דער „לעווי גרינשטיין" און בעט אים אויך דאָס אייגענע: דאָווידשי... קרוינישי... טוט ער ווײַטער אַ כאַפּ דעם אוסטאַוו און געפינט פאַר אים אויך אַ טשיסטאַ־טריסטאַ, נאָר שוין סאָראָק שעסט... און עס וועט אויך זײַן אין אָרדענונג...

אָט דעם פאַרשוין האָבן די אַלע מײַסעס פון יעקל סטאָליער נישט געקענט געפעלן. ער גייט אַרום מיט אַ פינצטערן בליק. און דערזעט ער יעקל סטאָליער אויף דער גאַס, זעט מען באַשײַמפּערלעך, ווי דער מענטש ווערט גרין און געל...

יעקל אָבער האָט זיך געטון דאָס זײַניקע, אַלע טאָג זיך אַרײַנגעכאַפּט אויף אַ פּאָר שאָ אין דער טשײַנע אַרײַן און „אָפּגעקאַשערט" אַלע „דיעלעס", שטעטישע און פון דער סוויווע... און עס גייט שוין אין נאָמען פון דער „אָרגאַניזאַציע"... די אָרגאַניזאַציע — הייסט עס — האָט באַשטימט, און מע ווייסט שוין ווען מע מיינט... עס קומט אַרײַנצוגיין אין טשײַנע דער אייגענער פינטשעלע טאַקע, וואָס שרעקט די דאָרפס־ייִדן און דערציילט יעקלען אַ מײַסע, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, פון זײַ זיידן, וואָס עס קומט אים טויזנט גילדן בײַ איינעם, לאָזערן וואָס האָט דאָס געוועלב... מיינט יעקל, אַז ער דערציילט אים גלאַט אַ מײַסע, און פינטשעלע פילט זיך נישט טאַקע באַלד אַריבערצוגיין צו לאָזערן אין געוועלב אַריין:

— זאָלט איר וויסן, רעב לאָזער, די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט, איר זאָלט אָוועקגעבן מײַן זיידן די טויזנט גילדן...

— קינד, — הייבט יענער אָן צו בעטן, — דו ווייסט דאָך נישט די גאַנצע זאַך, ס'איז דאָך שוין אַ מײַסע פון אַ יאָר פופצן צוריק, דײַן זיידע איז נאָך געווען דעמאָלט אַ „פּשיסטאַוועצ"... האָט ער מיר געבערענגט פאַרלעגערטע סכוירע, אַ קעסטל פּלוימען — הוילע שימל... האָב איך זיי נישט געוואָלט צונעמען, אָבער כ'האָב דאָך מיך באַלד פאַרגלײַכט מיט אים...

ענטפערט פינטשעלע:

— אַנישט וועט מען קישקעס שלעפּן אינמיטן דער גאַס!...

און כאַטש פּינטשעלע איז באַלד אוועק, אָבער דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" איז געבליבן... דער ייִד ציטערט, דאָס ווײַב איז שוין גרין און געל.

און טאַקע דעם אייגענעם פּרײַטיק, נאָכן מערכעץ, ווען לאָזער איז אינדערהיים געזעסן איינער אַליין, דאָס ווײַב מיט די קינדער זענען אין געוועלב געווען, די כאַלעס זענען שוין געווען גע־גרייט צום טיש, מיט אַ ווײַס טישטעכל איבערגעדעקט, דאָס גלעזל פון לאָמפּ מיט דער רויטער פּאַטשיילע לאָזערס איז שוין אויך געלעגן גרייט אפן טיש, און ער, לאָזער, האָט דערווײַלע אַ גלעזל טיי געטרונקען, דערזעט ער, ווי די טיר מאַכט זיך אויף שטילערהייט און אַ שטיל קעפּל מיט סוידעס אין די אויגן, פּינטשעלעס אויגן, קוקן אַרײַן... ווערט אים נישט גוט... דאָס בלוט האָט אים האַסטיק אַ שלאָג געטון אין פּאָנעם אַרײַן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאָצן, די האַנט צו ציטערן מיט דעם גלעזל טיי, און ער טוט זיך אַ קער אום פון שטול אַראָפּ, בלײַבנדיק ליגן אַ קנויל... פּינטשעלע שפּרינגט צו מיט צעמישטע אויגן און מאַכט אַ געוואַלד. כאַפּט אַ שעפּ וואַסער, שפּריצט אפן געזיכט, רײַסט און שרײַט, ביז עס איז געקומען אָנצולויפן אַ פולע שטוב מענטשן. עס האָט זיך געמאַכט אַ גערײַסערײַ, אַ געכאַפּערײַ אין אַ געפּילדער, אַלע מיט איבערגעבויגענע צעמישטע פּנימער, מע פאַלט איבער לאָזערן, מע האָט אים באַ די שלייפן געריסן, געוואַלדן געמאַכט און נישט געקענט אים דערמינטערן. גיט מען אַ גאָס אַ גאַנץ גלאָז קאַלט וואַסער אין פּאָנעם אַרײַן, רײַסט ער אויף די ברעמען, אין די אויגן שנײַדט זיך אויס אַ שאַרף גלאָצן און ער מאַכט זיי צוריק צו. דער דאָקטער איז געקומען, צעיאָגט דאָס רעדל, געהייסן אַ פענצטער אויפמאַכן און האָט אים באַ־טראַכט. ער ליגט אינמיטן שטוב אויסגעצויגן, דאָס געזיכט שטאַרק געל, און אַלע ווײַלע דאָס אייגענע גלאָצן מיט די אויגן... דער דאָקטער האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און שטיל געבליבן. ער האָט אים דעם דויפּעק געהאַלטן, קראָפּליעס געגעבן און דערנאָך געהייסן אים אפן בעט אַרופלייגן. צום אוועקגיין האָט ער געזאָגט עטלעכע מענטשן שטילערהייט הינטער דער טיר: „טאַק, טאַק...

אפּאָפּלעקסיא״... און אויסשפּרייטנדיק די הענט, האָט ער א קוועטש געטון מיטן קאָפּ צווישן די אקסלען...

און אזוי איז טאקע געווען... נאָך דעם אייגענעם שאבעס־צונאכטס האָט מען א לעווייע געהאט בעסויד־סוידעס... ברע־נענדיקע לאמטערנעלעך האָבן זיך ווי גליִענדיקע אייגעלעך אין דער שטומער, פינצטערער נאכט צום בייסוילעם גערוקט און פארזונקען געוואָרן צווישן די ווייטע, שווארצע קופּעס ביימער...

א טויט־שרעק איז דאָס שטעטל באפאלן. די הײַזלעך האָבן אָוולדיק אויסגעזעען. און שטיל פארטראכט איז איין דעכל קעגנ־יבער דעם אנדערן: הײַנט דיר, מאָרגן מיר... די הײַזלעך שטייען פארזונקען אין טיפן שטילשווײַגן און די פענצטער קוקן מיט אומעט אין גאס ארײַן... יעקל סטאָליער און דער ווארשעווער פּפ״סניק זענען ארומגעגאנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, און מענער און ווײַבער מיט בלאסע פּענימער האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט שטילע, אויסגעלאָשענע אויגן... אפילו איטשעלען איז דאָס הארץ אײַנגעפאלן און ער הייבט קיין אויג נישט אוף...

— געוואלד געשריגן, — האָט ער געטײַנעט צו יעקלען און צום ווארשעווער, — ווי זעט מען אזוינס צו פארשווײַגן? אזוינס נישט צו פארהיטן?...

און אז זיי האָבן אים אָנגעקוקט און נישט געענטפערט, האָבן זיך אים די אויגן צעברענט, ווי בא גאזלען.

— האָט מען קיין אײַנזעען נישט, — זאָגט ער, — נעמט מען זיך נישט אונטער!...

און אז זיי האָבן ווײַטער געשוויגן, האָט ער געוואָרפן א בליק פון פאראכטונג און א שפּײַ געטון פאר יעקלס פּאָנעם און איז אוועקגעגאנגען.

דערווײַל הערט זיך נישט קיין פריילעכס אין ווארשע, ווי אויך פון אנדערע גרויסע שטעט — באקו ברענט... טאָטערן שעכטן מענטשן אין די גאסן. און דאָ, שמועסט מען, זאָל זיך אויך עפּעס נײַעס מאכן „דעם זונטיק״...

און דער זונטיק איז געקומען.

פויערן פון ארומיקע דערפער, מיט די גרויע סערמיַנגעס, גראנאטענע היטעלעך, גלאנצנדיקע דאשקעס און שטיוול מיט

הויכע קנאפּל זענען אָנגעקומען מיט רויטע, צעהיצטע פּענימער און אָנגעהויבן די שטאָט צו פאַרפּלייצן. גאַלאָכים פון נאָענטע „פאַראפיעס" זענען אויך אהער אָנגעקומען מיט זייערע מאכנעס. דאָס געזאנג אין קלויסטער, די פאַרזונקענע טענער פון אָרגל האָבן זיך פון הינטער די הויכע דיקע ווענט ארויסגעריסן און צעגאָסן זיך איבער די שטילע דעכלעך פון שטעטל, און צעווינט זיך אין דער לופט און אָנגעפילט זי מיט שרעק.

און אינמיטן טאָג איז מען ארויס אפן ארומגעצוימטן הויף ארום קלויסטער — פריִער מיט א הייליק בילד מיט א גאָלדענער קויל אף דעם שפּיץ, און דאָס האָט א בליץ געטון קעגן דער זון מיט מיליאָנען גאָלדענע שפּיזלעך, פלוצלינג א שפּראָץ געטון און די אויגן פארכאפּט. דערנאָך א פאָן מיט א ווײַסן איינקעפּיקן אָדלער. האָבן אלטע לײַט געזאָגט, אז דער אָדלער האָט מען שוין נישט געזען א יאָר דרײַסיק. נאָכדעם איז געגאנגען א פאָן מיט רויטע און ווײַסע בענדער, און נאָך איינער, ווײַטער, מיט אן אויסגעמאָלט צעטל — אויך אזא בילד א הייליקס. און די פּענער האָבן געפּלאטערט אין דער הייך איבער דעם מויער ארום קלויסטער און האָבן האקאָפעס געמאכט לאנגזאם ארום דער וואנט, און א שטיל אײַנגעהאלטן געזאנג האָט זיך געהערט, ביסלעכווײַז האָבן זיך די פּענער דערנענטערט צו די אָפענע טויערן, און דערזען האָט זיך א מאכנע פּענימער, א רירעוודיקע מאכנע פון פּענימער איבער פּענימער און אקסלען איבער אקסלען. גויִים אין די גאָלע קעפּ, פּויערטעס מיט רויטע און ווײַסע פאַטשיילעכלעך ביז אונטער דער גאָמבע האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די ענגע טויערן און געלאָזט זיך מיט די פּענער פאָרויס איבערן ברייטן זאמדיקן וועג, וואָס ציט זיך אין גרינעם פעלד ארײַן. אקסלען און סערמיגעס און קעפּ איבער קעפּ הייבן זיך און רודערן, איינס נאָכס אנדערע, איינס נאָכס אנדערע, אלץ ווײַטער און ווײַטער. און פון די אָפענע טויערן קומען אלץ ארויס נאָך און נאָך פּענימער, עס ווערט זיך, דאכט זיך, גאָר נישט אויסלאָזן. און א לײַכטער שטויב האָט זיך אונטער די טויזנטער באוועגלעכע טריט דערהויבן מיט א שטיל נאָכשאָרכן פון א יאַם גראָע סערמיגעס און בלאָע געשטרייפטע „סוקענקעס". און דער

אוילעם האָט ווײַטער געוודערט. קעפּ איבער קעפּ, אויף און אָפּ,
אויף און אָפּ, ווי די וועלן איבער א לאנגן שטראָם. די פענער
פלאטערן. פאָרויס גייען די גאלאָכים, מיט בלאסלעכע רונדיקע
געזיכטער, אָנגעטון אין די ווײַסע העמדלעך און קאנטיקע
שווארץ־סאמעטענע מיצלעך איבער די קלאָרע שטערנס; הינטער
זיי — דער נאראָד, א טויזנטיקע מאכנע, א שווײַגנדיקע און אונ־
טערטעניקע, וואָס ציט און ציט מיט שטילע אראָפּגעלאָזטע גע־
זיכטער אונטער אן אײַנגעהאלטן, טיף געזאנג. און ווײַט, ווײַט
ציט זיך די לאנגע שווערע מאסע נאָך יענעם עק נאָך, ווו די
פענער ווייען און קאשפּערן נאָך זיך אין גרינעם פעלד ארײַן. און
איבערן בארג, ווו מע נעמט געל זאמד צו דער פּאָדלאָגע לע־
קאָוועד שאבעס, האָבן זיך אָנגעהויבן ווײַבער און מיידן צו באַ־
ווײַזן. און יידן באלמעלאָכעס מיט די נאקעטע העמד־ארבל זענען
אויך ארויסגעקומען א קוק טון: אבי, געלויבט צו גאָט, מע מיינט
נישט זיי... און ווײַבער האָבן אויך גאָט געדאנקט פאר דעם
כעסעד, וואָס זיי זענען נישט וועוט, און האָבן אויך גוטוויליק
נאָכגעקוקט דער האמוין, וואָס האָט זיך געצויגן: זאָל זײַן פּע־
נער... זאָל זײַן א האָלץ, א שטיין, א ביין, אבי מע זאָל יידישע
קינדער לאָזן געמאך. און ווײַט זענען די בלאָע הימלען אָפּן גע־
שטאנען. עס האָט זיך געדאכט, אז די וועלט האָט זיך א יאָנטעוו
געמאכט, טיר און טויער געעפנט און רופט די מענטשן צו זיך
אין פעלד ארײַן. איטשעלע און יעקל סטאָליער און די ווארשע־
ווער האָבן זיך אויך געשטעלט אפן בארג און שטיל נאָכגעקוקט.
מע האָט מער ניט געזעען, נאָר קעפּ־אײַן און קעפּ־אויס, א יאם
גאָלע קעפּ, און קעפּלעך מיט רויטע און ווײַסע פאטשיילעכלעך,
וואָס האָבן ארויסגעפּעכלט, ווי צעזייטע בלימלעך פון צווישן דער
מאכנע, וואָס האָט זיך געוויגט נאָך די פענער נאָך. און די פּע־
נער האָבן געווייעט, געפּעלבלט זיך און צעשפּרייט אין דער לענג
און אין דער ברייט און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאר א בוים, און
דער גאנצער נאראָד איז שטיין געבליבן. דאָ האָבן זיך די וועגן
צעשפּרייט אף צוויי, און אונטער דעם בוים איז א קרייַז גע־
שטאנען, אײַנגעטיפּט אינעם שאָטן פון די געדיכטע צווײַגן. דאָס
געזאנג איז נאָך טיפער געוואָרן און דער נאראָד שטילער... און

אָט לאָזט מען זיך שוין אראָפּ קניִען... די גאנצע מאכנע לאָזט זיך אראָפּ און אראָפּ, פון איין עק ביז צום אנדערן, ווי די זאנגען איבער א גרויס פעלד, ווען א ווינט איז דורכגעצויגן און אלע קעפלעך געבויגן. איין פאליע איז איבער אלע קעפּ פארבײַ־געגאנגען, אָנהייבנדיק אין איין עק און אויסלאָזנדיק אין צווייטן עק. אלץ קניט, אלץ שווײַגט, מיט געבויגענע נאקנס און אראָפּ־געלאָזטע געזיכטער צו דער ערד... און דאָס געזאנג פונויבן צעגיסט זיך ארום און ארום און נאָך שטילער, נאָך טיפער און נאָך אײַנגעהאלטענער און וועלן, דאכט זיך, אלע שטילע קעפלעך, וואָס לאָזן זיך אף די קניִען אראָפּ, — זיס אײַנשלעפערן און לאָזן זיי ליגן מיט די פּענימער אײַנגעטיפט אין זייער אייגענער שויס...

אין א זיסע פארזונקנקײַט האָט זיך ארום און ארום צעגאָסן. דער פלאץ ארום און ארום האָט זיך אין א יאם ליכטיקײַט אָנ־געטרונקען, און די גאָלדענע זון אין בלאָען הימל האָט געקוקט און געקוקט אין דער שווײַגנדיקער מאכנע ארײַן... א לײַכט ווינטל האָט געפאָכט איבער די אויערן, געהאלדזט און געגלעט און גע־שפּילט זיך מיט ווייכע בלאָנדע האָר איבער די אײַנגעשלאָפענע, אראָפּגעקניטע קעפּ. די פענער האָבן געוויייעט און געצויגן זיך אין דער בלאָער לופט ארײַן. די גאָלדענע קויל האָט געבלאנקט און געבלאנקט, שטעכנדיק די זון מיט טויזנט פײַערדיקע אויס־געשפּראָצטע שפּיזן, און די זון איז געשטאנען פארטראכט און געטראכט...

— —

און פלוצלינג — אן איבערײַסן פון דעם שטילן געזאנג... אין יענעם עק דערהייבט מען זיך שוין, און קעפלעך איבער קעפלעך הייבן אָן קעסיידער אופצוקומען.

דאָס געזאנג האָט זיך אפּסנײַ דערהויבן, און די גאנצע מאכנע האָט זיך א ריר געטון, לאָזנדיק זיך ווײַטער איבערן וועג אין גרינעם פעלד ארײַן. און ווײַבער און מיידן מיט יונגען זענען אפן בארג געשטאנען, ווי מע נעמט געל זאמד אף שאבעס, און האָבן נאָכגעקוקט.

ווײַט איז די מאכנע גריִם אוועק. ווײַט, ווי דער ברייטער זאמדיקער וועג זעט אויס ווי א שמאָל, ליכטיק שלענגל, וואָס

שלענגלט זיך צווישן די גרינע פעלדער, בארג־אויף און בארג־אָפּ. און די מאכנע האָט זיך געצויגן און געצויגן קאם נאָר מיטן אויג צו דערזעען, זי האָט אויסגעזעען, ווי א שווארץ פאסיקל אינמיטן פון א גרינער וועלט ארופגעוואָרפן...

און פון דעם בארג, ווו מע נעמט געל זאמד אף שאבעס, האָבן זיך יונגען און מיידן אָנגעהויבן צוריק אראָפּצולאָזן, נאָר איטשעלע איז געבליבן שטיין א פארטראכטער, מיט ווײַטע, אויסגעשטעלטע אויגן.

— לאָמיר גיין, — האָט אים דער ווארשעווער געוועקט.

— זאָג נאָר, — האָט זיך איטשעלע ווי אופגעכאפּט, — וואָס איז דאָס פאר א גאנג געווען, זייער הײַנטיקער גאנג?...

— א פראָצעסיע... — האָט דער ווארשעווער געענטפערט.

— א רעליגיעזע, — האָט יעקל סטאָלער פארבעסערט.

— דו האָסט דאָך עפּעס געהאט געזאָגט, — מאכט איטשעלע צום ווארשעווער, — אז עס וועט אראָפּקומען א ווארשעווער קריסט, וועט ער האלטן א „מאָווע" און מע וועט גיין צוזאמען?...

— האנט בא האנט... — פאריכט יעקל.

— ע... — גיט דער ווארשעווער א הייב מיט די אקסלען, — די הײַנטיקע איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש... דאָס זענען „נא־ראָדאָוצעס"...

נאָר איטשעלען האָט עס געקרענקט. אים האָט זיך געדאכט, אז דער ווארשעווער האָט זיך עקסטרא אויסגעזוכט א געבילדעט וואָרט „נאראָדאָוצעס", אבי נאָר צו פארגלעטן...

— ליגנער דו!... און דו ווייסט דען נישט, אז דו ביסט א ליגנער?... — האָט אים איטשעלע א זאָג געטון.

— הא, הא, הא!... — האָט זיך דער ווארשעווער צעלאכט.

איטשעלען האָט עס נאָך מער געשטאָכן. אפילו דאָס געלעכ־טערל, האָט זיך אים געדאכט, איז אויך בלויז ליגנט... נאָר איבערגעלייגט האָט ער זיך, אז אים איז שוין אלץ איינס — צײַט די מײַסע מיט לאָזערן דעם געוועלבניק, איז ער שוין סײַוויסײַ אויס... איז אים געווען שווער אפן הארץ.

שווערער נאָך איז אים געוואָרן אפן הארצן, ווען ער איז ארײַן אינמיטן מארק און אומגעקוקט זיך אף די שטילע הײַזלעך

מיט די האלב־אופגעלענטע פענצטער. ער האָט עפּעס דערפילט אזעלכס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אין זין געהאט. אָט דאָרט הינטער דער שטאָט איז אזא שווערע מאכנע געלעגן, און דאָ איז אלץ אזוי קליין, אזוי נידעריק, און „אף ניכטערן שפּײַעכץ האלט עס זיך"... אים האָט זיך געדאכט, אז יענער מאכנע זאָל זיך נאָר פארגלוסטן, מאכט זי זיך א געלעכטערל — נישט מער ווי א גויִיש געלעכטערל... און יעדער איינציקער פון זיי נעמט זיך פון די הײַזלעך א באל מיט א פּאָר פּוילע שינדלען אונטערן אָרעם און גייען זיך אוועק זייער וועגס, איבערלאָזנדיק א ליידיקן פּלאַץ...

און אונדזער אוילעם האָט זיך אויך פארבענקט נאָך א פּאָן. דער וואַרשעווער האָט דאָס אײַנגעזעען און מוירע געהאט, יעקל סטאָליער זאָל עס נישט פארכאפּן, יעקל סטאָלער ווײַטער האָט אויך דאָס אייגענע אײַנגעזעען און מוירע געהאט, אז דער וואַרשע־ווער זאָל עס נישט פארכאפּן. זענען איבער נאכט אופגעשטעלט געוואָרן צוויי פּענער, אין דער „טשײַנע" טאקע, און אינדערפרי האָבן זיך שוין יונגען געזאמלט פאר די גלעזערנע טירן — שיין, ריין. די היטעלעך אָפּגעפּוצט, די פּענימער אָפּגעוואשן, און די אויגן האָבן געבלישטשעט גאָר יאָנטעוודיק.

דער אוילעם זאמלט זיך, ווערט וואָס אמאָל גרעסער, די גאס ווערט שווארץ, באלייגט... און ווו איז דער וואַרשעווער, דער וואַרשעווער?... האָט איינער דעם אנדערן געפרעגט, און עס איז געוואָרן א געפּאָרעוײַ, א גערייידערײַ און מ'איז געלאָפן הין און צוריק, אז די גאס האָט נישט גערוט.

— נו, וואָס שטייט מען?... — כאַזערט יעקל איבער צום וואַר־שעווער נאָך די גאנצע צײַט שווײַגן.

— נו, גייט... וואָס ווילט איר פון מיר?...—בלאָזט זיך דער וואַרשעווער, א קוועטש טוענדיק מיט די אקסלען. נאָר אז יעקל בלײַבט צוריק אנשוויגן, רופט זיך איטשעלע אָן:

— הער נאָר, וואַרשעווער יאָלד — מיין נאָר נישט, אז מיר זענען דײַנע פּרײַערס...

— ווער זאָגט, אדעראבעו, — פארענטפערט זיך דער וואר־שעווער, — נאָר איך קען נאָך נישט ג״ין... ווײַל איך, מוז איך אײַך זאָגן, האָב ארויסגעשיקט מענטשן דעם טעלעגראף איבערצו־רײַסן — — מוז איך אף זיי ווארטן...

— אזוי איז שוין עפּעס אנדערש... — האָט ערשט איטשעלע א הייב געטון מיטן קאָפּ. נאָר יעקל איז געבליבן שטיין נאָך מער פארזונקען, וואָס דער ווארשעווער איז פאר איינער... ווי אלץ פארכאפּט ער... און יעקלען דאכט זיך, אז ער האָט עס אויך אין זין געהאט צו טון, נאָר עס איז אים גאָר פון זין ארויס.

עס קומען אָנצולויפן עטלעכע קונד״סים מיט פריילעכע, שײַ־נענדיקע פּענימער, פארקאָכט, און די דאשעקלעך, נעבעך, פאר־דרייט, זיי רײַסן זיך ארײַן אינמיט רעדל, צום ווארשעווער און רוימען אים עפּעס אײַן, אונטערשטעלנדיק די מײַלעכלעך אונטער זײַן אויער...

— און ווו זענען זיי ?... — פרעגט ער איבער.

— גייען שוין... שוין... איבערגעריסן... עס האָט אזש א ציטער געטון דער דראָט: בר־רר־רר...

און באלד זענען נאָך עטלעכע יונגען אָנגעקומען מיט ניצאָכן־שמייכלדיקע אויגן. פאר זיי איז געגאנגען איינער פאָרויס, אין א מארנארקע מיט שטיוול און א רויט שאלעכל אפן האלדז, מיט א ווײַסן שטעקן אין דער האנט. נאָך פונווײַטנס האָט ער שוין עפּעס א סיגנאל געמאכט: א כאפּ געטון דעם שטעקן אין דער הייך, מיט דעם געבויגענעם הענטל ארויף, עפּעס א ווײַז געטון דעם אוילעם מיט א ווונק־צו אין דער הייך און א שפּרונג־אונ־טער געטון, ווי מע כאפּט עפּעס אָן אינדערלופטן. און א האק האָט ער געטון מיט דער שארף פון דער האנט אין דער לופט ארײַן, און א שאָקל־צו מיטן קאָפּ. „שוין" — האָט עס געהייסן. „אָפּגעפּארטיקט"...

צווישן אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן א געסוידערײַ, א גע־שעפּטשערײַ מיט אומרויִקע באוועגונגען אף די געזיכטער: זעל־נער וועלן קומען, זעלנער... דער נאטשאלניק וועט געוואָר ווערן... נאָר דער ווארשעווער איז געווען פארטון אין זײַן זאך; איצט איז עס „פּאָלקאָם!" האָט ער צו זיך אליין געשמייכלט, און ער־

מיט יעקלען האָבן זיך א ריר געטון מיט די פענער פּאָרויס און דער גאנצער אוילעם האָט זיך א ריר געטון נאָך.

די גאס איז געווען פאר זיי, ווי אָפּגערוימט, די געוועלבער פארהאקט, און כעוורע האָט געמארשירט, ציִענדיק זיך נאָך די פענער. באלד האָט זיך א געזאנג אופגעהויבן, און אלע פּנימער און אלע אויגן האָבן געשײַנט מיט א ײַן גליק און א ײַן פרייד. דאָס געזאנג ווערט שטארקער, ראשער, די פענער ווייען און דער אוילעם רודערט נאָך מיט פארפלאמטע פּנימער און אָפענע מײַלער פון געזאנג, וואָס האָט די גאנצע גאס ארומגעכאפּט!

אינעם גאנג זענען נאָך אנדערע צוגעשטאנען. דער אוילעם האָט זיך נאָך מער פארגרעסערט, און „אויסרופן" און „ענטפערן" האָבן די גאס פארהילכט. מ'איז אָנגעקומען פאר דעם בור־מישטשס גאָרטן, פאר דער קאנצעליאריע.

דער אוילעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגערופן עטלעכע מאָל די „פּאָדרונגען", וואָס זענען געוואָרן אונטערגעכאפּט מיט א יאם קוילעס פון דער גאנצער הילכעדיקער מאסע. דערנאָך האָט מען זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אין גאס אריַין. און קיינער האָט נישט באמערקט, ווי אין גאָרטן, פארוקט הינטער דער אלטאנקע, שטייט דער בורמישטש מיט דעם אקציזניק, דער סטארשע און עטלעכע האָלצהעקער אין די סוקמאנעס, מיט די העק אף די הענט, און אז זיי סוידען זיך עפּעס און ווארפן בליקן אפער אף די דע־מאָנסטראנטן... דער ווארשעווער איז באגײַסטערט, ער פירט... יעקל, ווידער, ווייס בא זיך, אז ער פירט גאָר... און וואָס ווײַ־טער אין דער גאס, אלץ העכער ווערט דאָס „אויסרופן", אלץ רוישנדיקער די קוילעס, אז עס דאכט זיך די גאס וועט פּלאצן. די פענער פלאטערן, ווייען איבער די קעפּ און דער אוילעם ציט נאָך און ציט. מע זעט נאָר איין לאנגע רירעוודיקע מאכנע, קעפּ און קעפּ, וואָס באוועגן זיך אינעם גערויש פון א יאם מיט קוילעס.

מע גייט און מע גייט.

אין מארק אריַין, אין מארק אריַין!

און דער מארק איז לער. די טישלעך פון געבעקס — לער. עס ווארפט זיך א דערשראָקן, בלאס פּאָנעם דורך א שפּארע פון

א געוועלב, וואַרפט א צעמישטן בליק אַף די פענער און אַף דער צוזאַמענגעשטויסענער מאַכנע אַרום, און די טיר גיט זיך צוריק א פּאַרהאַק...

די פענער ווייען. און דער וואַרשעוואַר איז שוין אַרוף אַף א טישל מיט זײַן פּאָן אין דער האַנט, און יעקל סטאָליער, ווידער, מיט זײַן פּאָן אין דער האַנט איז אַרוף אַף דעם אַנדערן טישל קעגנאיבער. און דער אוילעם אַרום די טישלעך און אַרום די פענער איז געבליבן שטיל און האָט אַרופגעקוקט זיי אין די פּעני מער אַרײַן. האָט אָבער יעקל נישט געהאַט וואָס צו רעדן, האָט דער וואַרשעוואַר געגעבן א הייב־אָן א רעדע, אַז דער קאָפּ זײַנער מיטן קאַפּעליוש האָט זיך אַזש א שאָקל געטון, ווי אויפגערודערט צום אַרויסשיטן. און ער האָט גערעדט און גערעדט, און געוואָרפן מיטן קאָפּ און געמאַכט מיט די הענט און מיט די פּיס, ווי טיילמאָל דעם פּאָרעצס פערד פאַר רעב אײַזיקס געוועלב...

און דער אוילעם איז געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער אונטער א האָגל פון ווערטער און געקוקט אים אין פלאַמענדיקן געזיכט, וואָס האָט אַזש געציטערט פון באַוועגונגען, און אין די אויגן, וואָס האָבן געברענט, ווי צוויי שטורקאַצן.

האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופּלוּען ווײַבער מיט פאַרשאַרצטע אַרבלען, מיט הענט פון טייג; און מיידלעך מיט צעשויבערטע האָר און מיט קינדער אַף די אָרעמס; און די קינדער מיט בייגל אין די הענט, און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אוילעם און צוגעשטופּט זיך אויך עפּעס צו הערן...

און אָט באַווײַזן זיך פון עק מאַרק־געסל אַרויס דיזעלבע האָלצהעקער פון הינטער דער אַלטאַנקע, איצט טראָגט שוין יעדער פון זיי אין בוזעם צו איינציקע כאַלעס, פון וועלכע די אַרויסגעשאַרטע שפּיצן זענען שוין אָפּגעביסן, איינער פון זיי שלינגט אײַלנדיק אַראָפּ דעם ביס, מאַכט זיך גלײַך די וואָנצעס, שאָקלט אָפּ די קרישקעס פון די לאַצן, נאָך דעם אויך די איבע־ריקע מאַכן זיך גלײַך, ווי גרייטנדיק זיך צו עפּעס, און אַלע רוקן זיך צו דער קופּע, שטעלן אויף אַן אויער, אויך עפּעס צו הערן פון דעם אַלעם גוטן...

און ווי דער וואַרשעווער האָט דאָס דערזען, גיט ער זיך

געשווינד א וואָרף איבער אף אן אנדערן טאָן, ווי א קאָ־מעדיאַנט אפֿן שטריק, און גיט א הייב אָן נאָך העכער און נאָך שאַרפֿער:

— „בראַטשא, טאָוואַרזשישע!"... — גיט ער ערשט אפּסנײַ א פּאָר אַרויס, און דאָס צינגל האַקט, קנאַקט, ווי אין קרויט אַרײַן, ווי א לײַנען־מילכל מיט די האַמערס, און ווי א מילשטיין אונטער די וואַלצן.

און די גויִים מיט די ברוינע מעגושעמדיקע פּענימער, מיט די דיקע ליפּן און בלאָנדע וואָנצן, קרימען שמייכעלעך איינער צום אנדערן. און אָט האָט זיך איינער גאָר הינטער די ווײַבער און די מיידנס פּלייצעס געשטעלט, בייגט זיך איבער מיטן קאָפּ אין רעדל אַרײַן, מאַכט א טאַמעוואַטע פּאַנעם, און בליקנדיק מיט דערשראָקענע אויגן אין ווינקל מאַרק אַרײַן, שטאַמלט ער: „זאָל־מערזשי ידאָן, זאָלמערזשי"...

עטלעכע ווײַבער, די נאָענטסטע, האָט עס א בליץ געטון אין די אויגן, און ציטערנדיק האָבן זיי זיך א כאַפּ געטון מיט אויס־געשטרעקטע קעפּ און פֿינקלענדיקע אויגן איבער אלע קעפּ אַרי־בער... און אין דער רעגע איז עפּעס ווי א שטומע אײַנגעהאַלטנ־קײַט געוואָרן צווישן אוילעם, און אלעמענס בליקן האָבן זיך אָן זייערע אָנגעצונדן... צעמישטע פּענימער האָבן זיך א רעגע איבער־געפּינקלט מיט די אויגן — — און איין עלעקטרישער פֿונק האָט זיי אלע א כאַפּ געטון און — א שלײַדער! און די גאַנצע קופּע האָט זיך א הייב געטון.

— שטייט, שטייט!! — האָט יעקל סטאָליער פֿון טישל אַראָפּ־געשריגן מיט אלע קויכעס, און איטשעלע איז אויך אַרויף אפֿן טישל און נאָך העכער געשריגן און געמאַכט מיט די הענט, און דער אוילעם איז נאָך מער פֿאַרטומלט געוואָרן, און נאָך שאַרפֿער האָבן די אויגן געגלאָצט... דאָך איז מען שטיין געבליבן — עפּעס האָט זיי א ריס געטון, און עפּעס האָט זיי צוריק פֿאַרכאַפּט, און זיי האָבן די וואָג פֿאַרלוירן. נאָר באַ די זײַטן אַרום איז מען שוין געלאָפֿן און אף דער ערד זיך אומגעוואָרפֿן. ווײַבער און מיידן איז נישט מעגלעך געווען אײַנצוהאַלטן. אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיך אין קליידער און אין פּיס אײַנגעדרייט, און

מע איז געפאלן און געטרעטן, געטרעטן און געפאלן, איינער איבערן אנדערן, איינער איבערן אנדערן, און עס האָט שוין נישט גע־האָלפן, כאָטש דער מיטלסטער אוילעם האָט געשטורעמט: שטייט! שטייט! א צעמישונג איז געוואָרן — קופּעס אף קופּעס, הענט מיט פיס, מיט פּענימער, מיט צעשויבערטע האָר—אלץ איניינעם אויס־געמישט געוואָרן און געוואלגערט זיך איבער דער ערד, און אלע צוזאמען האָבן זיך געריסן איינער פארן אנדערן, איינער פארן אַנדערן, און אלע צוזאמען האָבן זיך פעסט צוגעהאלטן מיט איינ־געקלאמערטע הענט און פינגער איינער אין אנדערן; און עס איז געוואָרן ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע, וואָס ווארפט זיך און ראנגלט זיך מיט הונדערטער הענט און פיס. און דאָך האָבן זיי זיך א וועג באפרייט, און צייט איין מינוט זענען זיך צעפלויגן אלע ווייבער און מיידן און א שפּאָר ביסל יונגען אויך. געבליבן שטיין אפן אָרט זענען נאָר די רעכטע, עמעסע מאנספארשוינען— בלויז געקליבענע... און דער וואַרשעווער האָט זיך צוריק גע־ווענדעט צו זיי מיט אופגעהויבענע אויגן און געווארט ביז דער אוילעם וועט זיך דערוויַיל באַרויִקן.

אצינד האָבן שוין די האָלצהעקער נישט געהאט וואָס צו מאכן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוריק צו רוקן אין מארק־געסל אריין און געלאָזט זיך גיין צו דער קאנצעליאַריע מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ.

פארנאכט האָט שוין דאָס גאנצע שטעטל געוווסט, אז דער טעלעגראף איז איבערגעהאקט. צומאָרגנס אינדערפרי זענען שוין זעלנער געווען.

גענומען האָט מען איין יעקל סטאָליער און אוועקגעפירט אים אין אויעזד צום נאטשאלניק.

אז מע האָט אים פון שטוב ארויסגעפירט מיט זעלנער בא די זייטן, האָט אים קיינער נישט געקענט קוקן אין בלאסן פּאָנעם אריין, נאָר דער קרעמער, דער שאָכן, האָט לאנג געקוקט און געקנייטשט דעם שטערן: צוויי גילדן קומט אים פאר פּאפּיראָסן...

— דער וואַרשעווער, — האָט א פורמאן דערציילט, — האָט גאָך באנאכט אויקער געווען צו דער באַן...

און די זון האָט זיך איר וועגס געשײַנט. אלץ האָט זיך אין א יאם ליכטיקײַט געבאָדן, די אייבערשטע פענצטער איבער די מארק־געוועלבער האָבן אפן מארק ארויסגעקוקט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באוויַיזן איַיזיק פייגע־ליבעס מיט זײַן איידעם הער־שעלע און דאָווידל ראָזענצוויַיג מיט א פארוקט היטל איבערן שטערן, די הענט אונטערן רוקן און דאָס בײַכל אביסל אויס־געשפיצט. און באלד האָבן זיך רעדלעך געמאכט, באלעבאטישע רעדלעך פון ייִדן מיט בערד, דעריקער פאר דער מארק־ברונע — דאָווידל ראָזענצוויַיג שטייט צווישן א גאנץ רעדל, היצט זיך עפעס זייער און שאָקלט שטארק צו מיט די הענט, אוואדע וועגן די אכדעס־לײַט. קיינעם פון דער כעוורע זעט מען נישט. אלע האָבן זיך, וויַיזט אויס, באהאלטן.

דאָך, אין יענער זײַט מארק באוויַיזט זיך איטשעלע. דאָס געזיכט בלאסלעך, די אויגן אראָפּגעהאנגען, ווי ער וואָלט עפעס א פרעטענזיע געהאט צו דער וועלט און וויל בעסער קוקן אף די שפיצן פון זײַנע לאקירענע שטיוול. די הענט האלט ער פאר־לייגט ארונטער, אזוי אז די ברייטע פלייצעס צוזאמען מיט דעם קארק קומען אויס עטוואָס געזונקען, און אין די אויגן שפיגלט זיך אָפּ א בלישטשענדיקע פײַכטקײַט. און אז ער ווארפט א בליק פון אונטערן שטערן אפער צו די וויַיטע רעדלעך מענטשן, זעט מען, ווי די קינבאקן רודערן, ווי זיי ווערן אָנגעשטרענגט ווי די קראטן...

ער קומט וואָס אמאָל נעענטער. כאַים־יאָסעלע, א שוסטער־געזעלן, זעט ער, שטייט אויך אינמיט רעדל, אויך א באלעבאטי־שער יונג געוואָרן... איטשעלע איז פארבײַגעגאנגען און האָט זיך געוואָלט נישט וויסן מאכן, פילנדיק ווי אלע קוקן אים נאָך. היג־טער די פלייצעס דעריאָגט אים אָבער א קאָל: נישטאָ קיין קיי־סער, זאָגן זיי... קיין גאָט איז נישטאָ...

— נאָר קעמפער זענען דאָ!... — כאפּט כאַים־יאָסעלע אונטער מיט א געלעכטערל. איטשעלע האָט זיך באלד א דריי־אויס געטון און שטיין געבליבן, אָפּמעסטנדיק כאַים־יאָסעלען מיט א שארפן בליק. מיט צוויי טאָג צוריק איז ער נאָך אליין א קעמפער געווען... דאָס בלוט האָט אים א שלאָג געטון אין פּנים אריַין און די אויגן זענען פארגאָסן געוואָרן פון צאָרן.

דאָס רעדל איז פאַרשטיינערט געוואָרן. דאָוויד ראָזענצווײַג האָט זיך געשווינד א רוק ארויס געטון און אקעגן געלאָפן איטשעלען מיט די הענט:

— זע נאָר, זע, וואָס דו ביסט... קוקסט שוין בייז... ווייסט נישט, וואָס און ווען און — שוין... ביסט שוין גרייט... דאָס מיינט ער דאָך דעם ווארשעווער... נו, אדעראבע, ביסט דאָך עפּעס א מענטש מיט סייכל, ביסט דאָך נישט פון די קליינע לאָבוסלעך... האָט דאָס געהאט עפּעס א פּאָנעם?... אן אנדערער, ביסט א שלימע־זאלניק — פאַרדעק... טו נישט אזוינס, מע זאָל דארפן דערקענען, ווער דו ביסט... פאַרשטייסט? טשעפּע נישט מיטן קייסער און באַהאלט זיך נישט. פּע... ס'איז דאָך מיִעס צו קוקן. וואָס זאָגט מען הײַנט? — די מײַז זענען זיך צעלאָפן... און אלץ ווער? דער ווארשעווער. ער איז שוין אנטלאָפן. אָבער אײַך האָט ער איבער־געלאָזט דאָס פּעקל... דאָס האָט ער, הייסט עס, אײַך אונטער־געדרייט?...

איטשעלען האָבן די רייד געטראָפן. ער האָט מיט די ליפּן פאַרביסן און דעם בליק אראָפּגעהאנגען. און נישט ענטפערנדיק, האָט ער א קוועטש געטון מיט די אקסלען און גענומען אוועק־גיין — „כאפּט זיי איין כאָלערע מיטן ווארשעווער צונויף!"... — האָבן זיך די פויסטן זײַנע פארקוועטשט — „ס'אנדערע — האָט ער זיך געטראכט — צײַט די מײַסע מיט לאָזערן, דעם געוועלבניק, איז ער שוין סײַוויסײַ אויס!"

אזוי איז ער זיך געגאנגען און געטראכט. און דאָווידל ראָזענ־צווײַג האָט זיך שוין צוריק אין רעדל ארײַנגעכאפּט און האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן מיט די הענט:

— וואָס קלערט איר, צי איך האָב אים גוט געגעבן?... איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין און געוויזן אים ווי ווײַט נאריש זייערע אלע זאכן זענען און ווי ווײַט זיי ליגן באַגראָבן...

— אבי איך האָב געמיינט, הע, הע, — לאכט כאים־יאָסעלע, — אז ער לויפט שוין צו מיר צו...

— נאָך אזא נאר זאָל ער זײַן?... — קוקט אים דאָווידל ראָזענ־צווײַג אָן. — ער וואָלט דען נישט צעריבן געוואָרן פון אונדז אלע?... און אז מע האָט א שווער א שטארקן יונג, ווי דו,

אשטייגער, האָסט... און נאָך דערצו צוויי ברידער דעם שווערס — אײַזערנע יונגען טאקע, פרעגסטו נאָך אים?... שוין! ס'איז נישט פריִער, אויס ייִדישע קאָזאקן!...

— קומט, לאָמיר גיין ערגעץ, — האָט אײַזיק פּייגע־ליבעס זיך א ריר געטון און נאָך אים דער איידעם.

— קומט... — איז דאָווידל ראָזענצווײַג באשטאנען און כאיִם־יאָסעלען אויך מיטגעשלעפּט.

לאנגזאם, שפּאצירנדיק, זענען זיי אלע געגאנגען אין איין שורע. די קעפּ אופגעהויבן, די הענט אונטער די רוקנס. און כאיִם־יאָסעלע איך דאָס אייגענע, א נאריש אופגעשטעלט בלאָנדן פּייעלע, א פּארקעמטס הינטערן אויער, דאָס היטעלע אף דער זײַט, דעם סאק צעלאָזט, ווי עפּעס רעכטס, און דער גאנג איז וואקלענדיק אין דער ברייט, ווי — „מאכט א ווארע"... און קוקן קוקט ער אצינד אף אלע זײַטן, צי זעט מען אים כאָטש... ער גייט מיט אײַזיק פּייגע־ליבעס, דעם גרעסטן פאבריקאנט פון שטיוול, מיט זײַן איידעם הערשעלע, א קאָפּ־שטיק און האָט נאָך צו דרײַצן יאָר פארקלונגען דאָס שנײַדערשע שולכל מיט זײַן לייענען אין סייפער... ווײַבער האָבן דורך שפּארעס ארײַנגעקוקט... און מיט די אלע און מיט דאָווידל ראָזענצווײַג אויך — איז ער, כאיִם־יאָסעלע, כאוועך און גיין גייט מען טאקע צו דאָווידל ראָזענצווײַג אין שטוב ארײַן...

אין באזונדערן קאבינעטל, ווו דער „אוסטאוו" ריט, זענען זיי אלע ארײַן און געזעצט זיך ארום טיש, פּאָנעם צו פּאָנעם, אײַזיק פּייגע־ליבעס האָט ארויסגעוואָרפן א רובל פון זײַן פּאָרט־מענע אפן טיש ארוף און א ווונק געטון, זאָל מען ברענגען א שנאפּס אָדער וואָס...

כאיִם־יאָסעלע האָט שוין געוואָלט כאפּן און לויפן, נאָר דאָ־ווידל ראָזענצווײַג האָט אים באם ארבל אָנגעכאפּט: כאָלילע־ווע־כאס... און ער האָט געמאכט א קרום פּאָנעם, זאָל גאָט שוימער־אומאצל זײַן. און א קלונג אָן בא דעם מויערקעפּל אף דעם טיש האָט ער געטון, האָט זיך די טיר א פּראל אוף געטון, און דאָס זינדל איז ארײַנגעפלויגן:

— וואָס פארלאנגט דער פּאָטער?...

— עס זאָל געבּרענגט ווערן שנאַפּס און ביר... — האָט ער דעם רובל דערלאַנגט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען שוין פלאַשן מיט גלעזער געשטאַנען אַפן טיש.

דאָווידל ראָזענצווײַג איז אַרויף אין דער הייך, דעם ראָליעט אַראָפּצולאָזן איבּערן פענצטער:

— מע וועט זיי ווײַזן, די לאָבּוסעס... — האָט ער, נאָכלאָזנדיק די שטריקלעך, מיט אָנגעשטעלטע בּליקן אַף אײַזיק פייגעליבּעס, געטײַנעט.

— מע וועט זיי דושען!... — האָט דער געענטפערט און אַ ציי געטון זיך בּאַ די צוויי שפּיצן פון דער בּאָרד.

— מיר וועלן אויך מאַכן אַ כעוורע, כעוורע קענעגעד... — האָט הערשעלע אונטערגעכאַפּט.

— אַ צעטל וועט מען אויסשטעלן, און אַלע בּאַלעבּאַטים וועלן זיך אײַנשרײַבּן... — טאַנצט דאָווידל ראָזענצווײַג אונטער, אַרויסווײַזנדיק זײַן כאַריפעס וועגן אַ פּלאַן מיט אַן אָרדענונג...

— און דו, פײַנער בּאָכער, ווענדעט זיך אײַזיק צו כאַים־יאָסעלען, וואָס קען זײַנע אייגענע אויגן נישט גלויבּן, מיט וועמען ער זיצט אַלץ, — דו האָסט גאָר מוירע אַרײַנצוקומען צו מיר אַמאָל, גלײַך איך וואָלט גאָר קיין פאַבּריק נישט געפירט?... מענטשן האָבּן מאַזל... און אַז איך דאַרף אַן אַרבּעטער, אַ בּאַלמעלאָכע... מוז איך מיך בּעטן...

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, רעבּ אײַזיק, — האָט יאָסעלע אַ פּאָר גראָבּע ליפּן אופגעשטעלט, ווי אין הייסער קאַשע אַרײַנצובּלאָזן, — איך האָבּ אַליין אויך געטראַכט, אַז איך וואָלט געוואָלט אַרבּעטן בּאַ אײַך. — —

— אוואַדע, אוואַדע... — איז דאָווידל ראָזענצווײַג אונטערגעשפּרונגען, — בּיסט דאָך עפּעס אַ היימישער יונג, און דער שווער דײַנער, — וואַרפט ער פינקלענדיק איבּער די בּליקן אַף אײַזיקן, — איז דאָך אוואַדע פון אונדזערע מענטשן...

פון דעמאָלט אָן האָט שוין כאַים־יאָסעלע געאַרבּעט בּאַ רעבּ אײַזיקן — — —

ר׳עב איַיזיק פלעג אים גוטברודערשאפט א פּעטשל טון אין די פּלייצעס:

— כאַים־יאָסעלע, זאָלסט שטרײַקן גלײַך מיט זיי... — האָט ער מיט א גיפטיק שמייכעלע אָנגעוויזן אף די איבעריקע גע־זעלן, — זאָלסט זײַן א גלײַכער קעמפער. הערסט ?..

— כאַים־יאָסעלע, — האָט ווײַטער דאָס איידעמל, א קלוגער יונג און נאָך א באלקוירע דערצו, זיך אָנגערופן, — כאַים־יאָסעלע, דער נאטשאלניק איז גאָר א נאר... וואָס מאכן זיי, די היגע קעמ־פער, מיט אזא קאָפּ זעלנער, וואָס ער האָט אראָפּגעשיקט צו זיי ? — אף איין צאָן אויך נישט.

— מע וועט זיי געבן, די קעמפער... — האָט כאַים־יאָסעלע מיט אָנגעבלאָזענע בעק א זאָג געטון.

א טייל געזעלן האָבן די אויגן אראָפּגעלאָזט, א טייל האָבן נארישלעך געשמייכלט, קוקנדיק זייערע דרײַ באלעדינים אין די אויגן ארײַן.

זיי ווייסן גוט, אז הײַנט א ליאדע שאָרך צום נאטשאלניק איז שוין געגוג... און כאַים־יאָסעלע סוידעט זיך טאקע אלעמאָל מיט הערשעלען...

עס קומט, לעמאָשל, פּארנאכט, טוט אים הערשעלע א זאָג:

— זע דיך נאָר דאָרט מיטן הוילן יאָלאג מיטן רויטן שא־לעכל אפן האלדז...

טרעפט זיך שוין כאַים־יאָסעלע מיט יענעם אפן שולהויף, צווישן מינכע און מײַרעוו, און גייט אים דאָס רויטע שאלעכל פון האלדז אראָפּרײַסן, און עס מאכט זיך א געשלעג.

בייזערט זיך דער שוער אף כאַים־יאָסעלען, פּארוואָס ער הארגעט זיך ארום טאָג מיט נאכט, בלאָזט ער אָן די בעק און קוקט אים אָן:

— אזוי, — זאָגט ער, — זיי לאָזן נישט פּארדינען... שטרײַ־קערס !...

און אז דער זשאנדארמסקער קאפּיטאַן האָט אָנגעהויבן אָן אָפּטער גאסט צו ווערן אין שטעטל, פלעג מען שוין אין אזא טאָג באגעגענען דאָווידל אדוואָקאט מיטן זונדל לויפן פּארפּאָרעט אין די שאבעסדיקע קאפּאָטעס !...

— וואָס לויפט דײַן טאטע אלץ אײנײנעם צום קאפיטאן? — האָט עמעצער דעם זונדל געפרעגט.

— וואָס דען? — האָט דאָס זונדל ברייטלעך געענטפערט, — נאָך וועמען דען זאָל ער שיקן, דער קאפיטאן! — ס'איז דאָך א שטאָט מיט בידלעס (בעהיימעס)... ער האָט דען מיט וועמען א וואָרט צו רעדן, אז ער קומט?...

די ארבעטאָרער אין די ווארשטאטן פלעגן שוין זיצן שטיל, ווי די לעמעלעך. און וואָס שטילער זיי זענען געוואָרן, אלץ גרע־סער איז כאיִם־יאָסעלע געוואקסן — שלאָגט זיך אלע פארנאכט מיטן הויכן יאָלאג און באגעגנט אלע אינדערפרי א „גוט־מאָרגן" פון דאָווידל אדוואָקאט, טיילמאָל — נאָך מיט א שמייכל...

און איינמאָל אינדערפרי, די זון האָט שוין געשײַנט, די ערד איז נאָך געווען מיט פײַכטער טוי באדעקט, און אָפגעווײַסט זענען געווען די שפענדלעך און שטרויען, וואָס האָבן זיך אין מארק ארומגעוואלגערט, איז כאיִם־יאָסעלעס שווער געשטאנען בא א פור אויבס, פארטון מיטן גוי און מיט נאָך א צוויי יידן, — פאלט צו אים צו א יידענע מיט א קלאָג — און באלד נאָך איר נאָך א פּאָר מענטשן:

— סטײַטש, גוואלד געשריגן, מע האָט דאָך דײַן איידעם צעבלוטיקט!..

— אוי, וויי, באלד אינדערפרי?.. — האָט ער אויסגעשריגן, צעטומלט ווערנדיק, און לאָזט זיך לויפן אין כאלאטל מיט די צע־פלויגענע פּאָלעס גלײַך צום הויכן יונגס היים... דאָ איז א קופּע מענטשן געשטאנען קעגניבער די פענצטער פון א גאָרן און ארופּ־געקוקט מיט אופגעשטעלטע פּענימער. דאָווידל אדוואָקאט איז פונווײַטנס געשטאנען, פאר זײַן טיר, און דאָס צוגעזען. אין סאמע מיטן רעדל שטייט כאיִם־יאָסעלע מיט א פארבלוטיקטן קאָפּ און א רויט פארגאָסן געזיכט, און אָט קומט אָנצולויפן זײַן שווער מיט אן אימפּעט... דאָווידל האָט א שמייכעלע געטון און איז צו־ריק ארײַן אין שטוב.

און אז כאיִם־יאָסעלע האָט דעם שווער דערזעען, האָט ער זיך א וואָרף געטון צום טירל פון הויף, און דער שווער, מיט נאָך מער צעטראָגנקײַט, האָט אים א שלײַדער געטון הינטער זיך,

און ער איז פּאָרויס אַרײַן אין טירל, צו די טרעפּ צו... נאָר פונ־דאָרט אַראָפּ זענען העלצער געפלויגן מיט אַן אימפּעט און נישט צוגעלאָזט. דער הויכער יונג און די מוטער, ביידע שרעקלעך צע־מישט, שטייען איבער א ווארשטע האָלץ און שלײַדערן אַראָפּ איינס נאָך דעם אנדערן. און פון דער אָפענער טיר הערט זיך א געוואלד און א געטומל פון קליינע קינדער און א בלאסן טאטן, וואָס לויפט צו צום פענצטער מיט ווילד־אויסגעגלאָצטע אויגן און כאפּט זיך באלד צוריק צעטומלטערהייט, קומענדיק צו הילף דעם ווײַב מיטן זון. די העלצער פליִען נאָך מיט מער צעמישטקײַט, מיט מער טומל, און כאַים־יאָסעלעס שווער קוקט נישט, מיט די הענט פארשטעלט איבערן קאָפּ, הייבט ער אָן ארויף אויף די טרעפּ. אין דער רעגע איז דער הויכער יונג ארײַן אין שטוב, געכאפּט עפּעס פון איבערן קוימען, נישט וויסנדיק אליין וואָס, און צוריק ארויס אנטקעגן...

איין צוויק אונטערן הארץ האָט נאָר כאַים־יאָסעלעס שווער דערפילט — און אַן אָפּגעקאָכטער איז ער געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאָצטע, שטארע אויגן, און ביידע צדאָדים האָבן זיך א רעגע אָנגעקוקט מיט צעמישטקײַט אויף די פּענימער...

אין דער רעגע האָט יענער אָנגעהויבן צו שטאמלען אויף די פיס און, אָנכאפּנדיק זיך אויף דעם טרעפּן־אָנלען, אָנגעהויבן זיך אראָפּצולאָזן אויף די שטיגן, וואקלענדיק און מיט א מידן קאָפּ...

אראָפּקומענדיק, האָט ער צעמישט א קוק געטון אין הימל אַרײַן, און מיט אַן אָפן מויל, הויל, ווי אָן א גומען, האָט ער דעם אָטעם א ציִ געטון... א שרעקלעכן בליק האָט ער געוואָרפן ארום זיך און פארצווייפלט האָבן די אויגן געטומלט... און עפּעס ווי א באהאלטענע קראפט האָט אים געטריבן פונדאנען און צום טיר געפירט... ער האָט זיך פארשפּארט מיט ביידע הענט אין דער פּאָרטקע און, שאָקלענדיק מיטן גאנצן קערפּער און גלאָצנדיק מיט די אויגן, האָט זיך אָנגעהויבן א פוס אריבערצוהייבן איבערן אונ־טערשטן ברעטל, און א שטראָם בלוט האָט זיך פון אונטערן שטיוול א גאָס געגעבן...

דער אוילעם פון דרויסן האָט אים דערזעען און איז פארגלי־ווערט געוואָרן...

— געוואלד — — — — ווי ג־ע־ל!! — האָט איינער, עפראַיִם, אויסגעשריגן און א טריט געמאכט אנטקעגן, בלייַבנדיק שטיין מיט אָנגעצויגענע עלנבויגן, אופגעשטעלטע פויסטן און אַן אָנגעשטרענגטן קאָפּ צווישן די אקסלען, מיט פארהאקטע ציין, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אייַנהאלטן... און געקוקט מיט שרעקלעך ארויסגעזעצטע אויגן...

— געוואלד, געוואלד!! — איז געוואָרן א געטומל.

נאָר יענער האָט זיך שוין אין א פארמישט ראָד געדרייט, גלאָצנדיק ארום זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזעען, און צוגעצויגן מיט איין זייַט צו דער ערד, האָט ער זיך זייַטיק געדרייט, און — א פאל אום געטון!

— געשטאָרבן!... האָט מען אויסגעשריגן.

— דער שטיוול... — האָט נאָך עמעצער א געשריי געטון, און דער גאנצער אוילעם האָט זיך א וואָרף געטון צו דעמדאָזיקן שטיוול און — א שלעפּ געטון... ווי פון א קובל ארויס, האָט זיך א גאָס געטון אף איינמאָל א גאנצע קאליוזשע שווארץ בלוט.

דער געשטאָרבענער האָט נאָך אמאָל א גלאָץ געטון מיט אופגעריסענע אויגן און צוריק אראָפּגעציטערט די ברעמען... אין סאמע הארץ־גריבל איז א לאָך געווען ווי אַן איי גרויס. דאָס ווארעמע בלוט בלעזלט זיך נאָך אין דער טיפער שווארצער ווונד און דאָס לייַב מיטן אָנטון ווייקן זיך אין בלוט. —

מע האָט אים געכאפּט אף די הענט. עפראַיִם האָט אונטערגעהאלטן באם קאָפּ, וואָס האָט זיך נאָכגעשאָקלט, ווי בא א געשאָכטענער גאנדז. דאָס פּאָנעם איז געל ווי וואקס, דאָס מויל — עטוואָס פארקרימט און פארהאקט אין העפטיקן שמערץ. און די אויגן — האלב־אָפן, שטאר און פארגלייזט.

די, וואָס האָבן אים געטראָגן, האָבן מיט הענט און פיס געשטאמלט, און מיט א דערשלאָגנקייַט אף די פּענימער גערוקט זיך, ווי איין צונויפגעוואקסן קופּקעלע, מיט דעם טויטן אף די הענט, און כאיִם־יאָסעלע האָט אָנגעהויבן נאָכצולויפן מיט האקן זיך אין קאָפּ און מיט א ריטש:

— מייַן טייַערער שוו־ע־ר!!

נאָר דאָ איז דער אוילעם נישט אָפּגעטראָטן פון קעגניבער די פענצטער און ארופגעשריגן מיט אופגעהויבענע קעפּ: אראָפּ! אראָפּ! נעמט זיי אראָפּ!!

און מע האָט אָנגעהויבן לייטערס צוצושטעלן.

און באלד איז עפראַיִם געקומען צוריקצולויפן צעהיצט:

— וואָס טויג מיר שוין צו לעבן, — האָט ער זיך געריסן, — די אָרגאניזאציע האָט געשאָכטן!... נאט אײַך — מענטשן, שעכט! — האָט ער זיך א כאַפּ־אָן געטון באם גאָרגל.

— די אָרגאניזאציע... די אָרגאניזאציע... — האָבן אלע ווײַבער מיט א געשטיקט, אײַנגעהאלטן קאָל געקלאָגט און געגאָסן מיט טרערן, — א טאטע פון אכט קליינע קינדער...

פּלוצלינג האָט זיך דער סטארשע באוויזן, די געלע וואָנצן האָבן געציטערט, די אויגן — שארף פאָרויס געבליקט איבערן אוילעמס קעפּ און איבער די פענצטער אין דער הייך, דאָס היטל מיט דער קאָקארדע — פעסט אײַנגעזעצן איבערן קאָפּ, און די שווערד אין דער שייד האָט ער מיט דער האנט אונטערגעהאלטן, נאָר א שפּרונג ארוף צו טון.

דאָס געטומל איז נאָך גרעסער געוואָרן. דער אוילעם האָט נאָך מיט מער פלאם צו די פענצטער ארופגעקוקט, און עפראַיִם דער ערשטער, און הינטער אים נאָך עטלעכע, האָבן זיך א וואָרף געטון אף די לייטער ארוף, ארופשרײַענדיק מיט בלוט־אָנגעגאָסענע געזיכטער.

דאָס געוואלד פון שטוב איז געגאנגען ביזן אונטערן הימל. און אָט האָבן שוין עטלעכע הענט אין איין שטיי א ריס געטון א פענצטער: א בראָך פון שויבן האָט זיך דערהערט, און א צעשי־טער קלאנג האָט זיך אין א יאם מיט קוילעס אויסגעמישט, און שטיקער גלאָז האָבן א בליץ געטון איבער א יאם צעפלאמטע פּענימער, מיט ברענענדיקע אויגן און שוים־שפּריצנדיקע מײַלער.

אין די אָפענע פענצטער זעט מע נישט מער, ווי שווארצע פיגורן מיט האסטיקע באוועגונגען. מע איז שוין ארײַן אינעוויי־ניק, א טייל זיצן נאָך רײַטנדיק איבער די פענצטער, און הינטער זיי זענען די לייטערס מיט מענטשן באקלעפּט... קעפּ איבער קעפּ און פּלייצעס איבער פּלייצעס. און א גאנצע מאכנע האָט זיך שוין

דורך דעם טירל פּונעם הויז אַ לאָז געטון און געפּאַקט זיך אײנער איבערן אַנדערן.

— אַראָפּ!! אַראָפּ!! האָט עס איבערן פּלאַנקן פון הויף געהילכט, און אַ געקלאַפּערײַ פון העלצער אָן העלצער, אויסגעמישט מיט מעשונע־ווילדע קוילעס, האָט די לופט מיט מעשוגאַס און בעהאָלע אָנגעפילט, און באַלד — אַ שטאַרקער קראַך האָט זיך פון אינעווייניק מיט די טויערן אָנגעשלאָגן. דאָס טירל איז שוין ווײַטער פול אָנגעשטאָפּט, מע פּאַקט זיך שוין צוריק אַרויס. און אָט — דער פּאָטער. דאָס פּאָנעם בלאַס און צעמישט. פּופּציק הענט שטופּן זיך מיט אים פון טירל אַרויס. דעם זון אויך. מע דערקענט אים שוין קיין פּאָנעם נישט, רויט, פאַרגאָסן. אין גאָלן קאָפּ, און די האָר טונקען זיך אין בלוט. באַ דער זײַט טויער פּרעסט מען אים צו דער וואַנט, מיט דעם קאָפּ אַרונטערגעריסן. העלצער הייבן זיך אויף און אָפּ איבער זײַן קאָפּ; דער אוילעם, ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע מיט טויזנטער, טויזנטער רירעוודיקע אייוורים, געוואַלדן, טומלען, און אַ געשלעגערײַ פון העלצער אָן העלצער האָט אַלץ אַרום און אַרום פאַרכאַפּט — ביז דער יונג איז אונטער די קלעפּ אײַנגעשלונגען געוואָרן. מע זעט אים שוין נישט, נאָר דער אוילעם קוקט אַראָפּ מיט אײַנגעבויגענע קעפּ אין סאַמע מיטן רעדל אַרײַן און קנאַקט צו מיט די פּיס. און דער סטאַרשע אינדערמיט רײַסט זיך, די אָדערן אַפן האַלדז שטעלן זיך אויף, און די אויגן ווערן אים פאַרגאָסן מיט אַן אָנגעצונדנקײַט, און ער שטופּט און אַמפּערט זיך, אַרבעטנדיק מיט די הענט און מיט די אַקסלען אַף אַלע זײַטן. נאָר די קופּע איז ווי צונויפגעגאָסן, איינער אָן אַנדערן קלעפּט און אַלע איבײנעם זענען פאַרכאַפּט אין איין ברען, אין איין ווילדער טײַווע, וואָס פלאַמט דאָרשטיק אין אַלע פּענימער און שטורעמט אין דער גאַנצער קופּע. אַ גאָלע שווערד האָט פּלוצלינג אַ בלאַנק געטון אין דעם סטאַרשעס האַנט, גלײַך אויפגעהויבן איבער די קעפּ. דער אוילעם האָט זיך אַ רוק געטון הינטער זיך, ווי פון אַ קאַלטן שפּריץ וואַסער אַף דעם נאַקעדיקן לײַב... און געקוקט דערשראָקן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם...

— „אָטסטופּאַט!“ — האָט דער סטאַרשע אויסגעשריגן.

און אַז דער אוילעם האָט שוין די בליקן אָפּגעלאָזט פון דער

שווערד מיט אָפּגעקילטע געזיכטער, האָט ערשט דער סטארשע אופגעשטעלט דעם יונג, וואָס איז געלעגן אף דער ערד און גע־קרעכצט, באשיצנדיק מיטביידע הענט דעם צעבלוטיקטן קאָפּ. אונטערהאלטנדיק דעם יונג אונטערן אָרעם, האָט ער דעם פּאָטער, וואָס ער איז אויך געלעגן אף דער ערד און געריסן זיך בא די האָר מיט א יעמערלעך געשריי — געהייסן נאָכפירן נאָך זיך, און ער מיט דעם יונג זענען געגאנגען פאָרויס. א פּאָר פארשוין האָבן דעם פּאָטער געפירט, און דער אוילעם האָט זיך וויַיטער דערוועקט און א לאָז געטון זיך נאָך דעם סטארשע מיט דעם יונג. דער יונג האָט זיך צום סטארשע צוגעטוליעט, דעם קאָפּ אונטער זיַין אָרעם איַינגעגראָבן, און דער אוילעם איז נאָך פונהינטן און פונ־פאָרנט מיט העלצער אין די הענט. און אלעמאָל האָט זיך אן אנדערער פארגאנוועט מיט א קלאפּ איבערן קאָפּ אָדער איבער דער זיַיט. און שרעקלעך ברענענדיק האָט עפראַים געטשאטעוועט מיט א דראָנג אין דער האנט... דער גאנצער אוילעם איז נאָכגע־לאָפן ווי א צעלאָזטע סטאדע, און עפראַים האָט זיך אלץ בא די זיַיטן געשארט און געלאָקערט מיט דעם דראָנג איבערן מויעך... און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געגעבן א הייב אוף איבערן יונגס קאָפּ, האָט דער פּאָטער זיך א ריס געטון און מיט אן אויסגעשטרעקט פּאָנעם און אויסגעזעצטע אויגן דעם הייב אונטער־געכאפּט, ביז עס האָט א הילך געטון, און דער דראָנג איז צוריק אָפּגעשפּרונגען מיט אימפּעט פונעם קאָפּ. צוויי געשרייען האָבן זיך אף איין מאָל ארויסגעריסן, צוויי אָפּגעריסענע געשרייען און דערוויַיטערטע איינס פונעם אנדערן. און בא יעדן פארנעם האָט עפראַים געזוכט און געפינקלט מיט די אויגן... און אָט האָט ער א כאפּ געטון מיטן שפּיץ האָלץ קעגן אן אויג, געצילעוועט און— א קנאק געטון!... דער יונג האָט זיך שרעקלעך א וואָרף געטון מיט א געשריי פון א הארץ-פּלאץ. און דער פּאָטער איז שוין געלעגן איבער אים, מיט ביידע הענט אין זיַין קאָפּ ארײַנגעקלעפּט, און ציטערנדיק מיטן גאנצן גוף, צוגעדריקט זיך צו אים, און נאָך יעמערלעכער, נאָך ביטערער געשריגן. דער אוילעם האָט דערפילט, אז ס׳איז שוין גענוג. דער סטארשע האָט נאָכאמאָל געפּרוּווט ארויסכאפּן די שווערד, און דער יונג האָט שוין געטאמלט.

געוואַקלט זיך אַף די פּיס, געגאַנגען און געפאַלן, געפאַלן און געגאַנגען. דאָס אויג איז שוין אָנגעלאָפן אונטערן שטערן, ווי די גרעסטע קאַרטאָפליע גרויס — שוואַרץ און פאַרצויגן. דער קאָפּ איז צעשונדן. שטיקער פעל מיט שטיקער האָר הענגען נאָך. דאָס בלוט האָט דעם קאַרק געוואַשן און איבער די פּלייצעס גערונען — קאַם מע האָט אים דערפירט, אים מיטן פּאָטער, צו דער קאַנצעליאַריע.

אַצינד האָט זיך דער אוילעם אַ לאָז געטון צוריק איבער דער גאַס זוכן „שטרײַקערס". צוזאַמען זענען אויך געלאָפן פאַרבורדיקטע פּענימער מיט אויסגעשמירטע בערד, די אַרבלען פון די בלויזע העמדער פאַרשאַרצט און מיט „פּראַווידלעס" *) אין די הענט... און געזוכט האָט מען אין אַזוינע שטובן, ווו עס איז קיין שטאַרקער טאַטע נישטאָ, קיין צו גרויסע מישפּאָכע. און איינעם האָט מען געכאַפּט אונטער דער בריק, און ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער זײַט, ווו דאָס וואַסער איז אויסגעטריקנט אין די היצן, האָט מען אים שוין געלאָזט ליגן אַף דער שוואַרצער ווייכער ערד דאָרט, און ווייסט גאָט צי האָט ער נאָך געקענט מיט אַן אייווער רירן. דאָס פּאָנעם צעהאַקט, ברוין און בלאָ, געשוואָלן, אַז מע האָט קיין אויג נישט אַרויסגעזען. די ליפּן פאַרברענט, און מע האָט אים איבערגעלאָזט, ווי אַן אָפּגעריסענעם זאַק שעטשקע נאָך אַ יאַריד. און ווידער ווערט אַ געקאָך: די ברידער דעם געהאַרגעטנס פאָרן שוין, זיי פאָרן... מע האָט געגעבן אַ דעפּעשע נאָך זיי אַף דער וואַרשעווער ליניע, ווו זיי פאָרן אַרום מיט אַ גאַנצער כעוורע שוטפים, שפּילן אין „טשערוואָני־ראַזי", „טשערוואָני־דוואַ". און דער אוילעם האָט זיי שוין ווי מיט ליכט אויסגעקוקט. דאָ וועט זיך ערשט אַף דאָס נײַ מאַכן... און אין האַלבן טאָג האָבן אַ פּאָר פערד מיט אַ וועגעלע, פול אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען, געזעצט איבערן שאָסיי גלײַך אין שטאָט אַרײַן, מע האָט די פערד נישט געקענט אײַנהאַלטן, אײַנמיטן לויפן זענען די פאַרשוינען אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור. קאַפּעליושן, און אַזוי יונגען אין מאַרינאַרקעס, מיט לאַקירענע

*) שפּאַר־העלצער צו שטיוול.

שטיוול און גלאנצנדיקע דאשקעס — די ברידער מיט די שוטפים און נאָך צו עטלעכע פרעמדע, מינסקער פּאַביטניקעס. אין די הענט האָבן א בלישטש געטון בלאנקע מעסערס מיט רעוואָל־ווערן און מע האָט זיך געלאָזט לויפן אין מארק אריַין מיט געשרייען איבער דער גאַס: „אונדזער ברודער, אונדזער בלוט!”...

זענען זיי דאָס ערשטע אריַין צום ברודער אין שטוב. אף דער ערד איז ער געלעגן, מיט א וויַיס ליַילעך איבערגעדעקט און מיט ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס, און ארום אים איז געלעגן דאָס וויַיב מיט א פולער פּאָדלאָגע קינדערלעך, איַינגעטיפט די קעפּ־לעך בא די זיַיטן פון פאָטער. און ווי די ברידער האָבן דאָס דערזעען און א דעק אָפּ געטון דאָס פּאָנעם, האָבן זיי זיך א וואָרף געטון אף דער ערד צווישן די קינדער און גענומען זיך שלאָגן אין די קעפּ אריַין — „געוואלד, אונדזער ברודער!”... און די שטוב איז געוואָרן פול מיט געוויין און הארצריַיסנדע קוילעס.

האָבן די שוטפים זיך צוגערוקט צו דער טיר און געוואָלט ארויס מיט די מעסערס אין די הענט, איז דאָס וויַיב צוגעלאָפן און מיט ביידע הענט פארשטעלט די טיר און יאָמערלעך געוויינט: אז איר וועט שוין אפילע די גאנצע שטאָט אויסשעכטן, וועט מיַין מאן אויך נישט לעבעדיק ווערן...

זיי האָבן זיך אוועקגעדרייט פאר ראכמאָנעס און די מעסערס אין די קעשענעס אריַינגעלייגט.

נאָר אפן הויף האָבן זיי שטעקנס און העלצער געכאפּט און זענען ארויס אף דער גאַס.

פון די ווארשטאטן האָט מען ארבעטער ארויסגענומען, פון די בוידעמער אראָפּגעשלעפּט און געפירט זיי אונטערן געהילך פון די שטעקנס. דער גאנצער מארק האָט ווי אין א קעסל גע־קאָכט! מע לויפט ארום צעהיצט מיט אָנגעצונדענע געזיכטער, מיט א בלוטדורשטיקיַיט אין די ברענענדיקע אויגן, פּענימער פלאקערן, און בלוט האָט אין דער לופט געשפּריצט, איבער קעפּ אין בלוט איַינגעטונקען, די שטיינער האָבן זיך אין בלוט גע־וואשן. דער הימל גרוילט, די זון איז רויט. א שעכטהויז ארום און ארום, און דער גאנצער מארק איז פארהעמערט און פארהאקט.

אין דער אייגענער צייַט האָט זיך איטשעלע איבערן מארק באוויזן מיט אן אײַזערנעם פרענט, וואָס ער האָט ערגעץ פון א לאָדן אָפּגעדרייט, אין דער האנט. מיט אײַזן־שטאָלענע טריט האָט ער זיך איבערן מארק אדורכגעשניטן. מענטשן קוקן אים נאָך מיט שרעקלעכע אויגן, און ער האָט זיך שוין אין מארק־געסל אריַין ארויסגעלאָזט. פונדאַרט ווײַטער אין א גאס אריַין, און ער איז צו צו אן אָפן פענצטער פון אײַזיק פייגע־ליבעס הויז.

— ווו זענען זיי, די גזלנים? — האָט ער א פרעג געטון הער־שעלען, ארומקוקנדיק זיך איבער די ליידיקע ווארשטאטן...

— וואָס פאר א גזלנים? — איז יענער בלאס געוואָרן ווי די וואנט.

— צעלאָפּן?...

— צעלאָפּן... אָ... אָט ליגן די שוסטער־מעסערס...— איז הער־שעלע ערשט צו זיך געקומען, אויסשפרייטנדיק ביידע הענט, ווי אן אומגליק וואָלט אים געשען...

איטשעלען האָט זיך דאָס פּנים פארקרימט און, אָפּטרעטנ־דיק פון פענצטער, האָט ער א שמעטער געטון דאָס אײַזן אָן דער ערד!

ער האָט אָנגעהויבן צו אנטלויפן, ווי מעשוגע, און מיטן וועג האָט ער זיך צוריק געכאַפּט — א כאַפּ געטון דאָס אײַזן און איז ווײַטער אנטלאָפן, ווי עמעצער וואָלט אים בײַ די האָר גע־ריסן — אזוי ווילד, אזוי צעטראָגן.

אף דער אייגענער גאס האָט ער נאָך אין איין פענצטער ארײַנגעקוקט און ווײַטער נישט געפונען קיינעם.

אצינד איז ער שוין רויִק געוואָרן. און מיט אן ארויסגע־לאָזטן קאָפּ האָט ער ווײַטער געשפּאנט, טראָט בײַ טראָט, און די הענט מיט דעם אײַזן פארלייגט הינטערן רוקן.

אָנקומענדיק אף א גאס, איז ער פארבײַגעגאנגען פאר א הויז, ווו ער האָט דערהערט א געשריי און א שרעקלעך געררי־דער פון הינטער דער הויז־טיר. ער איז ארוף אף דער שוועל און שטיין געבליבן פארגליווערט. די גאנצע באנדע מיט די שטעקנס און רעוואָלווערן אין די הענט זענען דאָ געשטאנען אף דעם הויף און האָבן געסטראשעט אין אָפענעם פענצטער ארײַן...

און אָט האָט מען א פיר ארויס געטון איינעם, טעוועלען, א יינגל פון א יאָר 18, וואָס האָט דאָ געארבעט בייגערײַ; פון טיש אוועק האָט מען אים ארויסגענומען, נאָך מיט די פארשארצטע ארבל. א פארסאמטן בליק האָט יענער אין דער אָפענער הויז־טיר געוואָרפן... איטשעלע האָט דאָס דערזעען, און באלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געקנאקערײַ איבערן קאָפּ — האָט ער, איטשעלע, מיט א ווילדן קרעכץ זיך אָנגעכאפּט אָן דער טיר, ווי איינער, וואָס האָט די וואָג פארלוירן פון א שרעקלעכן שטויס, און גע־מריטשעט האָט ער ווי אן אָקס. שרעקלעך האָט זיך זײַן געזיכט פארקרימט, און די אויגן, ווי צוויי שפּיזן, האָבן אין געשלעג ארײַן געקוקט... ער האלט זיך אָן דער טיר מיט פארהאקטע ציין—א מריטשען פון אומבאהאָלפנקײַט. אן אָקס אונטער די שטריק האָט געמריטשעט, ווען מע האָט אים מענאצייעך געווען— און באלד האָט ער זיך א כאפּ געטון און איז ארויס אף דער גאַס. דערשלאָגן איז ער און פארסאמט ביז אין לעצטן טראָפּן בלוט!

ער איז אוועק אהיים און א וואָרף זיך געטון אף זײַן בעטל מיטן פּאָנעם ארויף — דאָס גאנצע בעטל האָט זיך געוואָרפן מיט אים צוזאַמען, געציטערט, געקרעכצט מיט אים צוזאמען. פון יעדן קרעכץ, יעדן וואָרף—האָט די שטוב געציטערט, דער בעליק וועט אײַנפאלן און די ווענט וועלן צעלייגט ווערן. די מאמע און די שוועסטערלעך מיט די ברידערלעך האָבן נאָר פונדערווײַטנס גע־קוקט אף אים, און אף די שפּיץ נעגל זענען זיי געקראָכן מיט אן אײַנגעהאלטענעם אָטעם...

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן א גאנצן מעסלעס אף איין אָרט, קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט, נישט געפרעגט...

צומאָרגנס, אז ער איז נאָר פון בעט ארויף, האָט ער מיט די ערשטע ווערטער געפרעגט, וואָס טעוול מאכט. און אז די מוטער האָט אים געענטפערט, אז מע ווייסט נישט, צי ער וועט לעבן, האָט ער דעם קאָפּ אראָפּגעהאָנגען.

און אים האָט זיך פאַרגעשטעלט טעוולס בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אין הויז ארײַן: קען דען א לעבעדיקער אזוי קוקן?.. — האָט ער געטראכט. דאָס פּאָנעם איז אים שטארק פארענדערט

געוואָרן, בלאס און אין די אויגן איז געלעגן דער געוויינלעכער, פּײַכטער גלאנץ...

ער איז ארויס פאר דער טיר און האָט זיך דערוווּסט פון פעלדשער, אז טעוולען וועט גאָרנישט זײַן.

די זון האָט אים גלײַך אין פּאָנעם ארײַן באגעגנט.

א העלע ליכטיקײַט איז איבערן מארק אויסגעגאָסן, און איטשעלע האָט די ברעמען צוגעמרוזשעט און נישט געקענט קוקן אין דער ליכטיקײַט.

נאָר א שטילקײַט עס איז... צו שטיל—האָט זיך אים געדאכט. די געוועלבלעך שטייען אָפן. די קרעמער אין די טירן. פּונקט ווי אמאָל... זיי קוקן אין מארק ארײַן. נאָר שטיל, צו שטיל... א ריי־נער, בלאָער הימל, און אויך שטיל... די זון פינקלט און ציטערט צו. א יאם ליכטיקײַט האָט זיך צעגאָסן. די אָפּגעווײַסטע מויער פון די מארק־געוועלבער בלאנקט. נאָר א שטילקײַט... ווי נאָך א לעווײַע...

ער האָט זיך פארטראכט, איטשעלע... א פּאָר שנײַדערלעך מיט מאשינען אף די פּלייצעס—אײַנגעהויקערט די קעפּלעך מיט די שפּיץ בערדלעך אויסגעשטעקט אונטער דער מאסע, און די עקן פּאָלעס פון די צעלאָזטע כאלאטלעך האָבן זיך ווײַטער און ווײַטער נאָכגעווישט אָן דער ערד. איטשעלע האָט דעם קאָפּ אויסגע־דרייט—ער האָט זיך דערמאָנט אָן מענאשע אײַזנקרעמערס טויט... ווען ער איז נאָך אף דער ערד געלעגן, האָבן שוין די טעכטער געגאנוועט, איינע אונטער דער אנדערערס וויסן—דאָס יאָנטעוו־דיקע געפעס פון בוידעם אראָפּ... נאָר אצינד איז ער שוין אף אלץ באשטאנען, אבי טעוולען זאָל גאָרנישט שאטן...

פארנאכט, ווען איטשעלע איז געזעסן אין שטוב, איבער־געביסן און א גלאָז טיי צוגעטרונקען,—ווײַל נאָך א טאָגעס וויל די מאמע, ער זאָל דאפקע טרינקען א גלאָז טיי,—זיצט ער אזוי, קומט ארײַן א קליין יינגל מיט פארפלאמטע בעקלעך און לויפט־צו צו איטשעלען:

— איטשעלע,—רוימט ער אים אײַן,—ווארשעווער זענען אראָפּגעקומען. ארבעטער... מיט רעוואָלווערן... אונטער דער שטאָט שטייען זיי!

איטשעלע האָט א וואָרף אנידער געטון דאָס גלאָז אפן טיש און איז אוועק מיטן יינגל.

באלד האָט זיך אין מארק אריין א שיט געטון אביסל בעורע, א מאן אכצן, און איטשעלע אינדערמינ, קאפעליושלעך מיט מאָדנע בלאסע פענימער און שטילע אויגן. ס׳איז נישט־היימלעך געוואָרן. דער מארק האָט אָנגעהויבן צו שווייגן און צו קוקן... קרעמערס און קרעמערקעס שטייען שויך א ין די טירן פון די געוועלבלעך, מיט א רעטעניש אין די אוי יגן, און האלטן שוין גרייט א פוס פון דער שוועל אראָפּ, נאָר די טירן צו פארקלאפּן.

נאָר דאָס מאָל איז שטיל אריבער. די לעווייע איז נאָך באַ־נאכט געווען, און די שלע׳ערס זענען זיך שוין פאנאנדערגעפאָרן. נאָר די ברידער — „זענען זיי דאָך ברידער״ — — האָט איטשעלע געזאָגט...

האָט זיך דאָס שטעטל אומ ויסט דערש ראָקן און פרי די לאָדנס פארמאכט. צומאָרגנס איז שוין זייער געוויין נישט געווען. מענטשן האָבן דערציילט, אז זיי האָבן ג אַר אויסגעשאָסן אין דער לופט, איידער זיי זענען ארוף אף דער פ ״ד...

אין שטעטל איז צוריק שטיל געוואָרן. און אלע האָבן שוין געוווסט, אז פון היינט אָן איז איטש יעלע די אָרגאניזאציע...

דאָווידל אדוואָקאט האָט זיך ווי טער ווי א יאָסעם ארומ־גערדרייט, און טיילמאָל, פאר בענקלעכ קייט, פלעג ער זיך צורוקן צו וועלכן עס איז פון די אכדעס־לייט און דערציילן אים פון די צייטונגען און לויבן די ביאליסטאָק ער שטרייקערס מיט די באַקוועד סדייפעס — ביז אין טאָג אריין.

און דער זומער האָט זיך געצויגן און ג יצויגן. די טעג האָבן אָנגעהויבן שוין קלענער צו ווערן, און די ר אוילעם — זיך צו פארטון. א שנאס מאטע־אומאטן *). אפילע אבי זל צערודערט, נאָר ארבעט איז דאָ: „וואָ׳ענע״ אר עט — איבערן קאָפּ. האָט מען נישט געפילט, ווי די טעג רוקן זיך, ווי די זון רוקט זיך וואָס

*) א יאָר פון מיסכער (רעד.)

א טאָג ווינקלדיקער אוועק. ווי דאָס ווינטל בײַט זיך, די לופט ווערט גרינגער, לויטערער. און בלאָזט שוין קיל, גלעטנדיק איבער די פּנימער, און רוימט עפּעס סוידעס אײַן... די שטראַלן ווערן רויטלעכער, צעגיסן זיך מיט אַן אָפּגעקילטער רויטלעכקײַט און עפּעס פרעמד, דאכט זיך, אַף דער קילער ערד. די זון ווערט וואָס א טאָג פאַרטראַכטער. עפּעס טוט איר באַנק און זי שווײַגט... טרויעריק, זײַטיק שאַרט זי זיך, און א האַלבער טאָג געדויערט איידער זי באַווײַזט א פּרײַ געמיט... און ווערט שוין האַלבער טאָג, שפּרייטן ערשט קאַם די פייגעלעך צו איינציקע פליגעלעך אויס, צופן עפּעס מיט די פּיסקעלעך אונטער א פליגעלע אַרונטער, גריבלען זיך מיט די בײַכלעך, מיט צעלאָזטע פליגעלעך, איבערן שפּיץ בעסמעדרעש־דאַך, און קאַם־קאַם וואָס זיי פּרוּוון איבער־היפּן פון איין שפּיץ שינדל אַפן אַנדערן, צופּישטשענדיק מיט ראַכמאָנעסדיקע קעלעכלעך. עפּעס בענקט און עפּעס קלאָגט זיך.

און די פאַרנאַכטן ווערן אַנדערש. וואָס א טאָג פאַלט די נאַכט געשווינדער צו. און איידער מע קוקט זיך אום הייבט זיך שוין די זון אָן אַראָפּצולאָזן אין אַנדערן ווינקל אונטער די רויטע וואָלקנדלעך, וואָס זוכן זיך א נאַכטלעגער הינטערן וועלדל. א רויטע ליכטיקײַט צעגיסט זיך דעמאָלט אַפן שפּיץ פון שול־דאַך. און קעגן אייבערשטן פענצטערל, וואָס קוקט פאַרזונקען ערגעץ ווײַט, ווײַט, שטיל און בענקלעך, לאָזט זיך די זון אַראָפּ. שטיל ציִען זיך די שאָטנס איבער די גאַסן אויס. מאַרק־געוועלבער זעען אויס, ווי פינצטערע, אויסגעלאָשענע בעקערשע אויוונס. די מאַרק־ייִדענעס מיט די קוישלעך און די בענקלעך אונטער די אָרעמס הייבן זיך שוין פאַמעלעך אָן פאַנאַנדערצוגיין און רוקן זיך טריט בא טריט מיט די געראונצלטע, אויסגעצויגענע פּנימער און בלאָע ליפּן, שפּירנדיק א קילקײַט אין די ביינער.

און נאָך קילער ווערן די נעכט.

שטילע פײַערלעך בלישטשען אין די פענצטער און אין די קראָמען. א קרעמער שטעלט זיך אַף דער שוועל אַרויס מיטן בלאַסן פּאָנעם, וואָס בלייכט זיך אין דער טונקעלער נאַכט אַרײַן, און טוט א גענעץ אין שטילן, ליידיקן מאַרק אַרויס, און דאָס צעקאָלערט זיך, ווי א הויל ווידערקאָל, און דער הימל אַרום

ליגט, ווי א קריסטאָלענע דעק, אויסגעפלאסטערט מיט שאַרפע, שנײַדנדיקע, בליצנדיקע שטערן, וואָס גראָבן זיך און גראָבן אין דער טיפער, בלאָער נאכט אַרײַן. קילע נעכט, די פּײַערלעך ווערן איינציקווײַז פארשוווּנדן. שווערע, לאנגווײַליקע טריט קלאַפּן אָפּ אין שטילן, אײַנגעשלאָפענעם מארק. דער סטרוזש דרייט זיך ארום די פארהעמערטע געוועלבער. זײַן בענקשאפט נאָך א פּעלץ גיסט זיך שוין אין מאָדנע קלאנגען אויס, נאָך מער—אין רעדן צו זיך אליין... די פארטאָגן זענען ווײַסע, א ווײַסע, דיקע טוי הילט דעם מארק מיט די דעכלעך אײַן פון קאָפּ ביז צו די פיס. קאַלטע, רויטע זון־אופגאנג, רויטלעך־קילע טעג, און דאָס ווינטל שמעקט שוין מיט שויפער־בלאָזן. יונגען און בעסמעדרעשניקעס הייבן זיך שוין אָן איבערן שויפער ארומצוזאָגן הינטער דער בעס־מעדרעש־וואנט... און אלע אינדערפרי, באם ערשטן דאַווענען, מאכט דער שאמעס געוואלדן, ווו דער שויפער איז אים אהינ־געקומען... אלע אינדערפרי פּײַפט א הייסע מיקווע. פארטאָג וועקט מען צו סליכעס. הילכט עס אין די לאָדנס — דער שאמעס פליט, ווי א שעד, איינער אליין אין פינצטערן פארטאָג איבער גאסן און הינטערגעסלעך, און אומעטום — א פּלוצלינגן פאל אַרײַן מיטן שול־קלאפער אין א לאָדן. און ווערט ווײַטער פארשווּנדן... יידן ווערן ערנסטער, טרויעריקער און מידער. יונגעלײַטלעך — בלאסער און אויסגעוויקטער. באטאָג איז אפן שולהויף שטיל. דאָס בעסמעדרעש שלאָפט, און די פארקראָכענע, גרינע שויבן בלינצלען קעגן דער זון מיט בלאָלעך־אויסשײַנענדיקע בלישטשען און פארזינקען אין א ראכמאָנעסדיקער שטילקײַט. — נאָר באנאכט ווערן זיי רויט־אופגעפלאמט. ליכט ברענען דאָרט. אן אוילעם רוישט, בעט מיט הארציקע קוילעס, זיפצן און קרעכצן, וואָס מישן זיך צונויף מיטן זיס־הארציקן ניגן פון צעבראָכענע הערצער און צעגיסן זיך יעמערלעך אין דער פארשוויגענער, דערשראָקע־נער פינצטערניש אַרײַן... און אז עס ווערט טעגעניש, דער הימל הייבט אָן צו בלאָען, ווערן די ליכט אויסגעלאָשן. אין דער פינצטער זעען זיך אויסגעבלייכטע פּענימער, וואָס קוקן דורך שויבן צום בלאָען, פארטראכטן מאָרגן ארויס, און קעגניבער רוישן דיביימער פון בעדנערס גאָרטן און שאָקלען שטום צו

מיט די שפּיצן צווייגן, ווי נאָך א סאָד, וואָס איז איבער נאַכט געשעען און איבער נאַכט פאַרשוווּנדן געוואָרן... דער הימל בלייכט זיך שוין אין מיזרעך־זײַט. א ליכטיקער וואָלקן־פּאַס האָט זיך ווײַט אויסגעצויגן, און דער מיטן הימל איז נאָך אש־קאָליר טונקל, און אין דער מאָרגנדיקער, קילער לופט פּילט זיך דער אײַנגעזאַפּטער זיפץ פון „זכור־ברית"... „זכור־ברית" האָט מען שוין אָפּגעזאָגט. און באַלד וועט ווײַטער קומען א נאַכט, א נאַכט...

און געקומען איז זי, די נאַכט פון „שלש עשרה מדות".

דעמאָלט האָבן זיך די הענער אויפגעכאַפּט פאַרטאָג נישט צום קרייען, נאָר צום שרײַען מיט ביטערע, יעמערלעכע קוילעס. מיט קוילעס פון „לית דין ולית דיין" *) האָבן די הענער געשריגן, ווען מען האָט זיי פאַרטאָג פון באַנט אראָפּגעשלעפּט, פון די ויסטע כאַלוימעס אויפגעריסן. דער שויכעט אין זײַן זשיפּעצע מיט די צוויי ברייטע אַרבל און מיטן כאַלעף אין מויל האָט זיך גע־רוקט פון הויז צו הויז. אין יעדן הויז האָט אים א קופּקעלע מענער און ווײַבער אַרומגערינגלט. דעמאָלט זענען פאַרבלוטיקטע פעדערלעך איבער די קעפּ אַרומגעפלויגן. פליגלען האָבן זיך אָן דער ערד געפּאַטשט... די לעצטע קויכעס אָן דער קאַלטער ערד צעשלאָגן, אָפּגעריסענע קוילעס זענען אין בלוט אַנטגאַנגען, און א לעצטער הויך, א לעצטער בליק איז אונטער א שטיוול פון א פוס צעטראָטן און אויסגעלאָשן געוואָרן.

א רויטער מאָרגן האָט אין מיזרעך־זײַט געציטערט. דער הימל האָט געבלוטיקט און געשראָקן. א שרעקלעכער מאָרגן. און דער פאַרנאַכט האָט נאָך מער איימע געוואָרפן. די געוועלבער האָבן זיך פאַרהאַקט, און וועקסענע ליכט האָבן פון די פענצטער אַרויס־געשײַנט מיט גרויס איימעדיקײַט. אן אײַנגעהאַלטן געוויין רײַסט זיך פון די שטובן אַרויס. קרעכצן און הֶעשען פון מענער און ווײַבער. און באַלד האָט מען די לאָדנס אויך פאַרהאַקט, און מענער און ווײַבער אין ווײַסן אָנטון און מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן האָבן זיך איבער די גאַסן געצויגן.

אין שול אַרײַן, אין שול אַרײַן.

---

*) (לעס דין וועלעס דײַען) — ניטאָ קיין געזעץ און ניטאָ קיין ריכטער. (רעד.).

א שרעקלעכע איימע טראָגט זיך אין דער לופטן, און אפן שולהויף האָט זיך דער טאָג מיט דער נאכט איינינעם צונויפגעגאָסן. דער הימל בלייכט זיך נאָך, און אין די פענצטער פון בעסמעדרעש און אין אָפענעם טויער פון דער שול צעגיסט זיך א רויטע ליכטיקייט פון דער מאסע ברענענדיקע ליכט. א שטיל, ציטערדיק געדויש האָט די לופט אָנגעפילט און האָט זיך מיט דער שטילקייט פון די לערע געסלעך צונויפגעמישט. א שטילע פורכט האָט זיך איבער זיי אויסגעגאָסן. א טיפער צאר האָט די דעכלעך ארומגעהילט, און געבענקט האָבן זיי צו דער שול. געבענקט און געשראָקן. און דער בלייכער הימל איז אלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן, די ליכטיקייט אין בעסמעדרעש — רויטער, פייערדיקער, און דאָס געדויש און יאָמערלעכקייט פלייצט אַף דער גאס ארויס. די שול און דאָס בעסמעדרעש האָבן זיך פלוצלינג אופגעכאפט, ווי א וואלד אין שטורעם, און די הימלען האָבן געשוידערט:

יאָמקיפּער, יאָמקיפּער !..

און באלד נאָך יאָמקיפּער האָט זיך דער הימל צעשפּילט: א ווינטל האָט אָנגעהויבן פייפן, און וואָלקנדלעך, ווי צעדונענער גראָער שימל, האָבן זיך איבערן הימל געיאָגט, און דער גאנצער הימל איז פארקראָכן געוואָרן. האָבן זיך פייגל אופגעכאפט, שטום, דערשראָקן און האָבן זיך צונויפגעבונדן און געפלויגן אונטערן הימל, ווי צוויי בענדער, וואָס האָבן זיך נאָכגעצויגן נאָך איין קעפל אין דער לענג און אין דער ברייט, און די פייגל זענען פארשוווּנדן געוואָרן צווישן די ווייַטע וואָלקן, און דער הימל איז פארשטומט געוואָרן.

און ווידער האָט א ווינטל א בלאָז געטון און דיביימער האָבן זיך דערשראָקן און זענען געל געוואָרן. א געדויש צווישן די ביימער — און די בלעטער פאלן מיט אנגסט צו דער ערד, און דאָס פעלד הילט זיך אין זיי איַין, ווי אין א געל טויטן־קלייד, די צווייַגן ווערן נאקעט, דער ווינט פייַפט, און זיי קרעכצן, שלאָגן זיך און קרעכצן אונטערן הוילן, גראָען הימל, וואָס איז פארשטומט געוואָרן פון קרעכצן.

פארשטומט איז אלץ געוואָרן, נאָר די לופט ציטערט.

מע קלאפּט שוין ברעטער צונויף ארום די אופגעשטעלטע דרענגער אונטער די פענצטער.

סוקעס גייט. און אַף דער בריק האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט די בויד. און די וואַרשעווער פאַצעטלעך מיט אופגעשטעלטע קעלנערלעך זענען פון דער פור אראָפּגעקראָכן מיט איַינגע־קאָרטשעטע קעפּלעך צווישן די אקסלען, געכאַפּט די פעקלעך אונטער די אָרעמס און אנטלאָפן מיט שטילע פּענימער, קוקנדיק אין דער פיַיכטער לופט אריַין איבער די דעכער פון מארק.

———

גאנץ יאָנטעוו האָט זיך דער הימל נישט אויסגעליַיטערט. עס האָט געקאַפּעט און געקאַפּעט, נאָר סימכעסטוירע איז געוואָרן אביסל פריילעכער. דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַף דער גאס ארויס־געריסן און געמאכט א קלאַפּ אין בעסמעדרעש בא די האַקאָ־פּעס—וואָס קלאַפּ הייסט... אָדער ווי איטשעלע זאָגט—א „זבענק".

דאָס איז געווען דער אָנהייב אַף א גאנצן ווינטער. אין א ציַיט פון אלגעמיינע שטריַיקן, אָדער ווי בא אונדז הייסט דאָס—„אלטע געמיינע שטריַיקן", פּאָרט מען צוריק נישט ארויס. די פּאַצעטלעך זענען געבליבן אינדערהיים, און דאָס שטעטל האָט געמאכט פאר זיך שאַבּעס: א שטריַיקל לויט יעכוילעס *)...

דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט פון די ניַיס־ציַיטונגען און פון די פּראָקלאמאציעס, אז דאָס הייסט א „גענעראל־שטריַיק"...

האָבן זיך אלע טאָג געזאמלט אַף דער גאס גאנצע קופּעס יונגען, ווי הונגעריקע וועלף, א גאנצן טאָג אריַין און ארויס פון טשיַינע, די טיר רוט נישט. יונגען פון אינעווייניק, יונגען פון אויסווייניק, מע דרייט זיך און מע קוקט זיך איינער דעם אנדערן אין די אויגן אריַין, עפּשער וועט מען קענען דערוויַיל עפּעס כאַפּן „גוטברודערשאַפט", אָדער ליַיען אַף דערוויַיל, אבי נישט ארומצוגיין אזוי טויט־הונגעריק... שפּעטער, אז עס וועט זיך מאכן ארבעט, לאכט זיך אזא שטייגער אויס... דערוויַי

*) לויט דער מעגלעכקיַיט (רעד.).

אָבער איז נישט גוט. מע מוז געפינען אן אייצע, א נישט איז א סאָף פון דער וועלט... גיט מען זיך א לאָז איבער דער גאס, א שטיק דרײַסיק יונגען, גלײַך צו ארן שויכעט.

דערזעט ער די בראָך, רוקט ער זיך אָפּ אין ווינקל ארײַן און קוקט מיט א בלאס פּאָנעם און דערשראָקענע אויגן... דאָס ווײַב ווידער, א דיקלעך מענטש, קריגט זי באלד דעם שלוקעכץ, הייבט זי אָן צו קרייען און כעוורע — נאָך, איז עס געווען ווי א האָן, אשטייגער, מיט מעשוירערים, און עס איז געוואָרן א געקרייערײַ אין שטוב, איז מען געקומען פון דער צענטער גאס צו לויפן, און קעפּלעך האָבן זיך אין די פענצטער באוויזן... דערווײַל גע־פינט א יונג א גרויס ברויט אין א שענקל, ווערט עס צעפּליקט ווי א שווארצער האָן, און שטייענדיקערהייט, פארפלאמט איז עס געוואָרן... „עס איז נאָך גוט, וואָס זיי טוען די היטלען נישט אויס צום עסן" האָט זיך דער שויכעט אין זײַן ווינקעלע גע־טראכט... און איז קאם אביסל צו זיך געקומען. ער האָט לײַכ־טער אָפּגעעטעמט און געפרעגט: קינדערלעך, וואָס איז אײַער באגער ?...

— אונדזער באגער, אונדזער באגער, — האָבן זיך עטלעכע א כאפּ געטון, — איר עסט קאָהאָלשע פּיפּקעס, דרויבעס, פּיסלעך מיט פליגעלעך, און אונדז ווילן מיר ברויט!...

— אבי נאָר ברויט, איז דאָך נאָך נישט אזא אכרײַעס... — האָט דער שויכעט געזאָגט און צוגעשאָקלט מיט די הענט. — הערט־זשע, קינדערלעך, — האָט ער זיך נעענטער צוגערוקט, — זאָגט מיר וויפל לעפּיערעך זאָל איך אײַך געבן געלט אף ברויט ?...

— צען רובל !.. — האָט זיך איינער א כאפּ ארויס געטון.

— צען, צען ! ! — האָבן אלע צוגעבאסעוועט.

— איך קען נישט... איר ווילט מיר ווײי טון. — האָט ער געענטפערט.

— וואָס פאר א ווײי־טון, וואָס פאר א ווײי־טון ! נישט מער ווי אף ברויט מיט א שטיקל הערינג פאר אונדז אלע !...

און דאָס ווײַב איז דערווײַל געשטאנען אין א ווינקל באם קוימען. דאָס געזיכט אירס האָט זיך מאָדנע געקרימט,

די ליפּן האָבן העפטיק געררודערט און די ברעמען האָבן גע־ציטערט.

— יויכעוועד, — האָט זיך דער שויכעט אָנגערופן, — מיילע, אז יידן ווילן ברויט, מוז מען זיי געבן... ברענג מיר אריין פון שאָכן צען רובל.

זי איז געגאנגען און, שטיין בלייבנדיק א ווײַלע אין דער טיר, האָט זי זיך אומגעדרייט און א צײַט לאנג נישט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פון מאן, דערנאָך האָט זי א בליק געוואָרפן אף דער כעוורע: צווישן וועמען זי לאָזט אים איבער!...

ער וואָלט שוין אפילע געפונען בא זיך אין שטוב א צען רובל, נאָר גיי, ווייז זיי א וועג...

כעוורע האָט געקריגן די צען רובל אף דער האנט און ארויס אף דער גאס מיט א „הורא!", אז יידן און ווײַבער זענען פון וועג אראָפּגעלאָפן און געשעדיקט זיך לויפנדיק.

דערנאָך האָט זיך ערשט געמאכט א לעבן אין דער טשײַנע. דאָרט איז איטשעלע אויך געווען. איז מען געשפּרונגען איבער טיש און איבער בענק, און איטשעלע האָט געשריען: לעבט, ברידער!! און געטיילט פּעטשלעך אין די פּלייצעס אריין: אז איר קענט זיך קערווען, זענט איר יונגען!...

אזוי האָט עס זיך שוין געפירט טאָג אף טאָג.

און דאָס שטעטל האָט זיך טאָג אף טאָג נאָך מער דערוווסט, וואָס די נײַס־צײַטונגען שרײַבן, און געהערט אלץ מער מײַסעס און כידושים פון די שטרײַקער אין די גרויסע שטעט. פון וויטעס פּאָליטיק האָט מען שוין גאָרנישט געוואָלט הערן — קיין רעטעכל וואָלט קיינער נישט געגעבן פאר איר. מע זעט דאָך, אז די באנען אפילע שטרײַקן!...

און פּלוצלינג קומט אָן א יעדיע פון פּאָגראָמען... גאנצע צעטלעך פון שטעט און שטעטלעך... שרעקלעכע מײַסעס פון „כוליגאנעס" און „שווארצע מייעס", וואָס האָבן בײַכער אופ־געשניטן... זויגנדיקע קינדער די קעפּלעך צעדריקט... א שוידער האָט אָנגעכאפּט. די פּענימער ווערן גרין און געל, די הויט — געגרינצלט. אן איימע באפאלט דאָס גאנצע שטעטל פון גרויס ביז קליין. מע שמועסט, אז די כוליגאנעס רוקן זיך... זיי זענען

שוין אין ווארשע. פיר טויזנט שטיק זענען אָנגעקומען מיט דער טערעספּאָלער באַן. רעבּ אווראָהאָם פײַנבערג האָט שוין געלאָזט צומאכן גראָבע פרענטן צו די טירן, און דער פּראָסטער אוילעם, וואָס האָט נישט קיין אייגענע טירן און נישט מער, ווי ווײַב און קינד און א צעבראָכן טישל, קלערט א טאָנעס צו מאכן, גייט ארום מיט פינצטערע פּענימער, שווארץ ווי די ערד. אפילע איטשעלע האָט שוין דעם קאָפּ אראָפּגעהאנגען...

פארנאכט, אפן בלײַערנעם הימל האָבן זיך וואָלקנדלעך, ווי גראָע ערדענע טעפּ אין טריבן וואסער, געטוקט, די פענצטער האָבן געקוקט מיט א שטילקײַט אין גאס ארײַן, און אומעטיקע ייִדן מיט בלאסע אראָפּגעלאָזטע פּענימער האָבן זיך גערוקט אין בעסמעדרעש ארײַן צו מינכע־מײַרעוו.

דער אוילעם איז פארטיפט געווען אין שמועסן פון הײַנטיקע צײַטן. דער רויך פון די פּאפּיראָסן האָט זיך אונטערן בעליק צעלייגט, די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך ווי אין נעפּל געטוקט, און דער באלטפילע איז געשטאנען מיט די פּלייצעס צום ברעטל און אפן אוילעם געקוקט. דעמאָלט האָט זיך אין בעסמעדרעש ארײַן באוויזן דער באָד־גוי, מיט דער פוטערנער קוטשמע אפן קאָפּ, צעקנעפּלט דאָס גראָבע, וואטענע לײַבל, פון אונטער וועלכן עס האָט ארויסגעקוקט א שטיקל „קארטשיק" פון ברודיקן העמד. ער איז געבליבן שטיין בא דער טיר מיט בלישטשענדיקע אויגן, ווי א קאָטער קוקט פון א פּיעקעליק אראָפּ, און האָט עפּעס גע־שמאָטשקעט מיט די ליפּן, וואָס האָבן אזוי אָפּט נאריש געשמייכלט אונטער די בלאָנדע, אָפּגעלאָזטע וואָנצעס. א פּאָר ייִדן, וואָס זענען הינטערן בעלעמער געשטאנען, האָבן אים אָנגעקוקט: צי מיינט ער נישט אמאָל, אז הײַנט איז פרײַטיק־צונאכטס... און באלד האָט ער געהאט א גאנץ רעדל ארום זיך. „סטאך" אָבער האָט נײַס צו דערציילן... און ער דערציילט, אז די „כוליגאנעס" זענען שוין אפן וועג, מע האָט זיי געטראָפן אפן ווארשעווער שאָסיי, נאָר א גליק וואָס זיי טרעטן דערווײַל אָפּ אין אנדערע, קליינע שטעטלעך... ייִדן האָבן מויל און אויערן אופגעשטעלט, געצאפּלט, געוואָלט אים אין די אויגן ארײַנקריכן, אף די אקסלען זיך אָנהענגען, געוואָר צו ווערן פון אים דעם גאנצן טאָך... און

סטאַך פוילט זיך נישט, מ׳ט יידן לעבט ער זייער גוט, און דער־ציילט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, ביז יידן זענען אין אצוועס אריינ־געפאלן, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזיפצט.

און שפּעטער איז כאנעלע בערטשעס, די טוקערן, געקומען צו פאָרן פון א דאָרף בא דער סטאנציע, וווהין זי האָט אָפּ־געפירט פון מיקווע א אין מאנס פעלץ איינגעוויקלטע יידענע... איז זי געקומען און דערציילט פאר די שאָכנטעס, אז די יידענע אליין האָט טאקע געזעען אינדערפרי א פּאָר קאצאפּן אין רויטע העמדלעך, און אין לייביקעס מיט פאלבן ביז צו די קני האָבן זיך ארומגעדרייט אף דער סטאנציע... דאָס זענען געווען די „כולי־גאנעס״ טאקע. און מי יעדייע, צי זענען שוין נישטאָ גאנצע הונדערט אזוינע...

די שאָכנטעס האָבן אויסגעהערט מיט זיפצן: „גאָט דער־בארעמדיקער״, און ווישנדיק די הענט איינע אָן די אנדערע, האָבן זיי זיך איינציקווייז פון שטוב ארויסגעשארט. זיי זענען שוין נישט גלייך אהיים, נאָר אָפּגעטרעטן צו אנדערע שאָכנטעס. די צווייטע צו די דריטע און אזוי איינע צו דער אנדערער, ביז מע האָט עס שוין אין בלענדיוער שטיבל דערציילט. און דער־ציילט האָט מען עס, אז האָר און נעגל האָבן זיך קאפויר גע־שטעלט: הונדערט „כוליגאנעס״ מיט שפּיזן און מעסער זענען שוין אף דער סטאנציע — א ליאדע מינוט קומען זיי אָן...

מע האָט אָנגעהויבן די לאָדן צו פארמאכן, אין גאס איז כוישעך, שטיל... מע האָט נאָר פישטשען אונטער די פארמאכטע לאָדן געהערט... און צייטנווייז האָט מען געקענט טרעפן לויפן א צעטומלטן יידן, וואָס האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט בא יעדן געסל, בא יעדן ווינקל און איז ווייטער געפלויגן מיט פּאָ־לעס, צעלאָזטע אין דער לופט, ווי די פליגל פון א וויעטראק*)... וווהין לויפט אזא שטייגער ייד, קען מען נישט וויסן, א כיבא אין באָד אפן בוידעם ארוף אונטער די בעזימלעך ארונטער...

אין דער טשיינע זענען געזעסן יונגען אפן טיש און אף די בעטן, נאָר אלע מיט ארויפּגעלאָזטע קעפּ: שטיל, קיינער רעדט נישט א וואָרט...

*) א „ווינטמיל.

פּלוצלינג האָט איטשעלע אין שטוב זיך אַרײַנגעבראָכן, ווי א דונער:

— וואָס זיצט איר? — האָט ער א געשריי געטון, — איר ווייסט בא וואָס עס האלט?

דער אוילעם האָט אים אָנגעקוקט.

— און אז מע ווייסט?...

— איר גייט מיט מיר?... ווער גייט נאָך קאָסעס צו עטלען אין אײַזן־געוועלב?...

דער אוילעם האָט זיך א הייב געטון און געקוקט אף איטשעלען איבערגעגעבן.

ער האָט אויסגעקליבן נאָר עטלעכע און איז מיט זיי אוועק.

אין א ווײַלע ארום איז איטשעלע מיט די אונטערהעלפער געקומען צוריק צו לויפן מיט בינטלעך קאָסעס אף די הענט. מע האָט זיי פאנאנדערגעבונדן און עס איז געוואָרן א געכאפּערײַ, די פּענימער האָבן זיך אויסגעלײַטערט, געשטראלט פאר פרייד, און די קאָסעס אין די הענט האָבן געבלאנקט מיט די אויסגע־בויגענע שפּיצן ארוף.

— צו ווייניק מענטשן, צו ווייניק... — האָט זיך ערשט דער אוילעם אומגעקוקט און מע האָט געשיקט רופן דעם גארבער־פּאך.

עס גייט נישט אוועק קיין רעגע, קומען די שילוכים צוריק צו לויפן, און נאָך זיי א מיידל מיט א דערעלע אפן קאָפּ און בלישטשענדיקע אויגן פון פרייד.

דאָס איז געווען יעקלס שוועסטער, וואָס האָט די בסורע געבראכט, אז יעקל איז געקומען.

— יעקל איז געקומען, יעקל! — ווערט א געדולע.

און דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטון אין גאס ארײַן מיט די קאָסעס אין די הענט, גלײַך ארײַן צו יעקל סטאָליער אין שטוב. האָבן זיי אים דערזעען, זענען זיי אים באפאלן ווי די בינען, מיט א פרייד און געפּאטשערײַ אין די הענט און קוילעס, אז ער, יעקל, האָט נישט געוווסט, אף וועלכער וועלט ער איז און איז געשטאנען אינדערמיט ווי צעמישט. זיי האָבן אים שיר אף שטיקער צעריסן. אז ער האָט ערשט אָנגעהויבן מיט די הענט צו מאכן, אײַנגעשטילט זיי אביסל, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט

צו די קאַסעס זייערע: וואָס איז דאָס? הא?—האָט ער געפרעגט. דער אוילעם איז עפּעס געבליבן ווי צעטומלט. זיי האָבן זיך ערשט דערמאַנט, אַז זיי האָבן קאַסעס, און דערציילט אים פון די „כוליגאַנעס".

— טפו — האָט ער אויסגעשפּיגן — פּראָוואָקאַציע. ס'איז ליגנט: איך פאָר דאָך ערשט פון דער סטאַציע?...

כעוורע האָט די קאַסעס געלאָזט און יעקלען אַרויסגענומען אין מאַרק אַרײַן מיט געזאַנג. אַ פּאָר יונגען האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער כעוורע „האַכנאָסעס קאַלע" נאָך די גרויסע לאַמטערן מיט די רויטע שויבן. מע האָט זיי געגעבן אַ צינד אָן. און אויף הויכע דרענגער זענען זיי געווען פאַרזעצט, האָט עס דעם גאַנצן מאַרק פאַרלויכטן. מיט אַ געזאַנג און מיט רויטע, באַלויכטענע פּנימער האָט די גאַנצע קופּע יונגען יעקלען אַרום די מאַרק-געוועלבער געפירט. אויף די ווענט פון די מויער האָט זיך אַ רויטע ליכטיקייט צעגאָסן. די שויבן פון די אייבערשטע פענצטער האָבן געבליצט, און אין דער פינצטערער נאַכט האָט עס אָפּגעשלאָגן, ווי אַ פייער פון אַ סרייפע. קוילעס און געזאַנג האָבן זיך אינײנעם צונויפגעמישט און איבערן גאַנצן שטעטל פאַנאַנדערגעטראָגן.

און איידער מע האָט זיך דערוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך, איז דאָס שטעטל שיר פון דער הויט אַרויסגעשפּרונגען. ערשט שפּע־טער האָבן זיך אַ פּאָר מענער צוגערוקט צום אוילעם יונגען, יעקלען שאָלעם-אַלייכעם אָפּצוגעבן, און אין איינוועגס זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז מיט די כוליגאַנעס איז ליגנט די גאַנצע מײַסע. מע האָט גאָט געדאַנקט פאַר דעם כעסעד און שלאָפן גע־גאַנגען.

נאָר סײַוויסײַ איז שוין דאָס שטעטל נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט.

און באַלד אינדערפרי איז שוין יעקל סטאָליער מיט דעם סטאַרשע סטראַזשניק געשטאַנען באַם סלופּ פון דער מאַרק־ברונע און האָבן צווישן זיך אַ קאַטאָוועסל געפירט... יעקל סטאָ־ליער האָט געקלעפּט פּראָקלאַמאַציִעס און דער סטאַרשע האָט זיי אַראָפּגעריסן, ווידער אַ נעץ אײַן מיט דער צונג און — אַ לייג

צו צום סלופּ, און ווידער — א נעם אראָפּ. און ווידער א קלעפּ אָן און ווידער — א נעם אראָפּ. זענען זיי זיך ביידע געשטאנען, אזוי האנט בא האנט, און געקוקט זיך אין די אויגן אריַין, עפּעס ווי אָפּגעשמועסט זיך, ביזוואנען דאָס גאנצע פּעקל פּראָקלאמאציעס איז איבערגעגאנגען פון יעקלס אין סטראזשניקס האנט אריַין. און ערשט האָבן זיי זיך אף דאָס ניַי אָנגעהויבן צו קוקן אין די אויגן אריַין, ווי איינער רעדט: נו... נו...

און ייִדן און וויַיבער זענען געשטאנען פון וויַיטנס און האָבן געשמייכלט: „וואָס א יונג קען"... — אפּאָנעם, אז ס'איז טאקע קאָנסטיטוציע...

דערוויַיל איז דער ראָוו אין קאָלפּעק, מיט די לאנגע פּייעס און אין דער וואטענער אטלאסענער זשיפּעצע, געגאנגען איבער דער גאס מיט זיַינס אן אוילעם אין בעסמעדרעש אריַין, טילים זאָגן. און ווי יעקל סטאָליער האָט דאָס דערזעען, האָט ער ווידער אויך צונויפגעקלאפּט זיַינס אן אוילעם אין בעסמעדרעש אריַין.

אין דער הייך איז שוין געוועזן א געזאָגעריַי... „מזמור לדוד" הערט מען דעם באלטפילעס קאָל, וואָס ער שאָקלט זיך פארן אָמעד מיט א רויטער פאטשיילע ארומגעגארטלט. דער גאנצער אוילעם ארום שאָקלט זיך מיט און זאָגט מיט, דעם ראָווס קאָל־פּעק שאָקלט זיך אין דער וואנט אריַין... און דער אוילעם ארום די טישן, נאָך אין די טאלייסים, זיצן אויך איבער די אָפענע טילימלעך און זינגען זיך וויינענדיק צו, שיר ווי די מיסנאגדים...

איז יעקל ארוף מיט דער גאנצער כעוורע זיַינער אפן בעלע־מער. א גאנצע מאכנע — שווארץ איז אזש געוואָרן. און דער ראָוו מיטן אוילעם האָבן זיך אומגעקוקט צערודערט.

— וואָס פאר א טילים?... — האָט יעקל סטאָליער א געשריי געטון און א פאטש אין שולכן אריַין, — היַינט איז נישט קיין ציַיט פון טילים!...

דער אוילעם איז פארשטיינערט געבליבן און אויסגעגלאָצט די אויגן.

— היַינט איז א ציַיט נישט פון קיין טילים, נאָר פון קעמפן מיט „בראָן"!..

— גוואַלד, בראָן!! — האָט זיך דער ראָוו אָן וואָרט אָנ־געכאַפּט, געריסן זיך בײַ די שלײפֿן און געשריגן, און דער גאַנצער אוילעם האָט געפּיי̆קלט מיט די אויגן — גוואַלד, בראָן... בראָן!... נישטאָ קיין בראָן... טילים איז דאָ! טילים!

— נישט קיין טילים, — שרײַט יעקל סטאָליער נאָך העכער, — נאָר בראָן, און טאַקע בראָן! רעוואָלווערן, פּיסטאָלעטן!..

— גוואַלד — פּיסטוילן!... — האָט נאָך אַ הייסער ייִד, מיט טיפֿע ברעמען און שכונע־ברענענדיקע אויגן אויסגעשריגן, אַרויף־שפּרינגענדיק אויפֿן ראָווס טיש, און דאָס פּאָנעם האָט געפֿלאַמט און די לאַנגע באָרד האָט געציטערט פֿון מעסירעס־נעפֿעש, שטייענדיק קעגנאיבער יעקל סטאָליער.

— איר זענט אַ גאַנעוו! — האָט יעקל אויסגעשריגן און גע־שפּילעוועט אים מיטן פֿינגער אין די אויגן אַרײַן. — איר... אַ פֿאַלשע וואָג... טרעט אָן מיטן פֿוס אויף דער ענגלישער וואָג. איר וועגט „זשעפּיק" די פּויערן...

— ייִדן, שעכטן!... ייִדן, „קידעש־האַשעם", — האָט דער ייִד מיט אַ וויינענדיק, ציטערדיק קאָל אויסגעשריגן און אויפֿגע־ריסן די מאַלבושים אויפֿן האַרץ און געקוקט מיט פֿײַערדיקע בליקן.

— אַראָפּ, אַראָפּ! — איז געוואָרן אַ געשריי פֿון איבערן בעלעמער.

די פּענימער האָבן זיך אָנגעצונדן. פֿויסטן האָבן זיך איבער די קעפּ געהויבן.

— טילים, טילים! — איז געוואָרן אַ געליאַרעם און אַ צערו־דערטקײַט צווישן אוילעם פֿאַרן אָמעד. און דער ייִד מיט די טיפֿע ברעמען האָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט געגעבן אַ גע־שריי אַרויס — „מיזמור לדוד בבר־ר־ר"...

— שאַ, שאַ, שאַ!! — איז געוואָרן אַ געפּאַטשערײַ מיט די הענט אויפֿן שולכן, און איינער האָט אַ ווײַז געטון אַ רעוואָלווער.

— גוואַלד! — איז אַ געטומל געוואָרן און אַ געשטרעקערײַ הענט צום ייִדן אויפֿן טיש און מע האָט אים אַראָפּגעכאַפּט, מיט צעמישטע פּענימער און אויסגעגלאָצטע בוילעטע אויגן, קוקנדיק אויפֿן בעלעמער אַרויף...

די כעוורע אפן בעלעמער האָט זיך א ריר געטון צו די טרעפּלעך, און דער אוילעם פארן אָמעד האָט די פענצטער אופגעריסן און ארויסגעשפּרונגען — ארויס, ארויס!...

צייט איין מינוט איז דאָס בעסמעדרעש אויסגערוימט געוואָרן. עס זענען מער נישט געבליבן, ווי עטלעכע אלטע ייִדן און דער ראָוו, וואָס איז געזעסן אין זיין ווינקעלע מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און געוויינט, ווי א קליין קינד, אָפּוואשנדיק זיך מיט טרערן. און עטלעכע ייִדן אין די טאלייסים, וואָס זענען געזעסן בא די הינטערשטע טישן, זענען געבליבן זיצן ווי פארגליווערטע און געקוקט מיט דערשראָקענע פּענימער צום ראָוו.

און א ווינט האָט זיך דורך די אָפענע פענצטער ארייַנגעריסן און געפּאָכט מיט דעם פּאָרויכעס פארן אָרנקוידעש... געפּאטשט אין די טירלעך ארייַן, פארוואָרפנדיק א פּאָלע מיטן אונטערשלאק ארויף. און ווידער צעפּאָכט דאָס פּאָרויכעס איינדערלופטן, און געפּלבלט האָט עס זיך און געצויגן, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אָפּרייַסן און זיך ערגעץ ארויספליִען דורך א פענצטער... און פון דרויסן האָבן זיך געשרייען, אויסגעמישטע קוילעס געהערט: „הורא! הורא!"...

— — — דאָס זענען די יונגען איבער דער גאס געפלויגן, ווי א צעלאָזטע סטאדע: הורא! הורא!... און איטשעלע אפילע האָט זיי שוין נישט געקענט אייַנהאלטן. מיט אופגעשטעלטע הענט האָט ער זיך אקעגן געשטעלט און געשריגן: גענוג, גענוג! און יעקל אויך דאָס אייגענע — נאָר כעוורע איז געווען צופיל צעהיצט... די געוועלבער האָבן זיך פארקלאפּט איינס נאָך דאָס אנדערע, און כעוורע האָט זיך ווייַטער און ווייַטער געלאָזט מיט קוילעס און געשרייען.

פלוצלינג קומען אָנצולויפן נאָך עטלעכע יונגען, אָפּגעסאפּעט און מיט פארפלאמטע פּענימער: כאוויירים, כאוויירים, — אראָפּ אין דער „סאָנד"-גאס ארייַן, מע טרייַבט ארויס דעם „סענדזשע"... אים — די „פּשאָריקעס" און נאָך און נאָך. געשווינד, געשווינד!

— קינדער א סאָף! — האָט יעקל סטאָליער אויך אויסגעשריגן!

— א סאָף, א סאָף!!..

— עס ל-ע-ב-ע — — —

— הורא!! הו־רא־א־א — — — —
און דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטון.

— —

און פארן „סאָנד״ האָבן זיי געגעבן א קום אָן, ווי א שווארצע, געדיכטע כמארע. א רעדל מיט גויִים איז שוין פון פריִער גע־שטאנען דאָרט, און פעגימער מיט פענימער האָבן זיך איניינעם צונויפגעמישט, אלע אף איין קופּע און אלע האָבן צו די פענצ־טער פון „סאָנד״ געקוקט...

פּלוצלינג האָבן זיך עטלעכע א ריר געטון פאָרויס, און דער גאנצער אוילעם איז נאָך אריַין אין „סאָנד״ — — — — — — — —

באלד איז פונדאָרט ארויס דער סודיא, א צעטומלטער, ווארפנדיק שרעקנדיקע בליקן אף אלע זיַיטן, נישט וויסנדיק אָן וואָס זיך אָנצוכאפּן, און ווי א שטורעמווינט וואָלט אים א כאפּ געטון, האָט ער זיך א לאָז געטון איבער דער גאס מיט צע־פלויגענע פּאָלעס פון מאנטל און אין גאָלן קאָפּ...

כעוורע האָט געמאכט א „הורא״, ביז ער איז פארשוואונדן אין עק גאס, ווו דער קאָמאָרניק וווינט...

אין דער אייגענער נאכט נאָך האָט מען זיי פון די בעטן ארויסגענומען. און באגינען, די דעכלעך האָבן זיך נאָך אין גראָלעכן נעפּל געהילט, און שטיל איז געווען, נאָר וואָס א קלאנג פון א פּרענט, וואָס איז אָפּגעשפּרונגען אָן א וואנט ערגעץ, האָט מען געקענט הערן, דעמאָלט האָבן זיך שוין באלעבאטים פון די שטובן ארויסגערוקט און דערציילט זיך נײַס איינער דעם אנדערן, וואָס די נאכט איז געשען. מאמעס מיט בלאסע פענימער און פארוויינטע אויגן האָבן זיך געוויזן אף דער גאס. און אפן פלאץ פאר דער קאנצעלאריע זענען געבונדענע זין געשטאנען, ארומ־גערינגלט מיט זעלנער... זעלנער אין גראָע שינעלן און קליינע רײַטער־ביקסלעך איבער די פּלייצעס. דאָ זענען איטשעלע און יעקל סטאָליער אויך געווען און קימאט אלע זייערע כאווירים. נאָר צווי, וואָס האָבן אהער נישט געפּאסט: איינער א ייִד פון א יאָר פערציק מיט א שווארצער באָרד און ערנסט בלאס גע־זיכט, וואָס מע האָט אים גלאט אזוי ארעסטירט, ווײַל ער האָט נישט געלאָזט א סאָלדאט, ער זאָל אָן דעם עלטסטן מאכן א

רעוויזיע בא זיך אין שענק, ווו דעם ווײַבס ביסל צירונג איז געלעגן. און דער צווייטער איז א פויער געווען — א פויער אין זײַן גראָען סוקמאַן, מיט זײַן פּראָסט געזיכט און אומשולדיקע טאמעוואטע אויגן. עס האָט זיך אים פארגלוסט שפּעט באנאכט אין שטאָט צו פארזוימען, און גייענדיק פון א שענק — נאָך א לידל צווינגנען זיך...

— „פּאוולע", — האָט אים א לאָבוסל א פרעג געטון, ווען דער פּאטרול האָט אביסל אָפּגעטראָטן, — „פּאוולע... אי ווי טאָ" ?..

— „נו פּאטש־ז'שע, קאָכאני"... — האָט דער פויער א צע־שפּרייט געגעבןביידע הענט און דאָס געזיכט האָט זיך אים העפטיק פארקרימט, — „זא סוואָי גראָס וויפּיטש — — — אי טאָ נע וואָלנאָ! !"

עס זענען געקומען אָנצולויפן נאָך עטלעכע צענדליק זעלנער אף די פערד און אן אָפיצער פאָרויס. א פּאָר וועגעלעך מיט פּוי־ערישע פורמאנעס זענען צוגעפאָרן, און דער אָפיצער האָט פון פערד אראָפּ א ווײַז געטון, אז די כעוורע זאָל אופזיצן.

זיי האָבן זיך אײַנגעזעצט אין די פורן, געדיכט איינער צום אנדערן. די פערד מיט די רײַטנדיקע זעלנער האָבן שוין פאר אומגעדולד אף קײַן אָרט נישט גערוט, געוואָרפן מיט די קעפּ און געקלאפּט מיט די קאָפּיטעס אָן דער ערד, ביז די וועגעלעך האָבן א ריר געטון פון אָרט און די זעלנער האָבן זיי א רינגל־ארום געטון, נאָכרײַטנדיק.

ארײַנפאָרנדיק אין עק גאס, האָט דער אָפיצער א מאך געטון מיטן קאָפּ צו די זעלנער. זיי האָבן זיך א כאפּ געטון פאר די שיידלען — און דאָס געקלאנג און געבלאנקערײַ פון די גאָלע שווערדן האָט אופגעבליצט... איבער דער שטאָט איז מען געריטן לאנגזאם... די געבונדענע זענען געזעסן אף די וועגן מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ און בלאסע געזיכטער און די זעלנער ארום זענען נאָכגעריטן, טריט בא טריט, קאם צושאָקלענדיק זיך איבער די זאָטלעך אוף און אָפּ. די גאס איז פארהעמערט. ווו עס איז שוין א לאָדן אָפן געווען, האָט מען אים געשווינד פארמאכט, ווו א געוועלבל — פארהאקט. שטיל איז געווען ווי אין אן אויער, די גאס האָט דעם אָטעם אײַנגעהאלטן... און עס האָט זיך נאָך

געהערט דאָס געקלאַפּעריי פון די פערדס טריט און דאָס געקלאַנג פון די שפּאָרן. עס וואַרפט אַן איימע, די גאַס, דאַכט זיך, ווערט אונטער די פאַרמאַכטע לאָדנס אויסשטאַרבן, און דאָ ציט עס זיך אַזוי לאַנגזאַם, ווי בײַ אַ לעווייַע.

אויף דער בריק האָבן זיי אַ נעם געטון אַביסל גיכער און זענען אַוועק איבערן שאָסיי...

דער גראָער מאָרגן־נעפּל האָט זיי פאַרהילט און אין זיך אײַנגעזאַפּט... און פונדערווײַטנס האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי אַ שוואַרצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואַנדערן אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן...

קרײנדעלע

א הייסער זומערטאָג. אין טיפן בּלאָען הימל פינקלט די זון און ציטערט־צו. דער פּלויט, וואָס איז שוין האלבּ אײַנגעזונקען אין דער ערד פאר אלטקײַט, איז העל בּאלויכטן. אף יענער זײַט פּלויט, אפּן בּייסאלמען, איז שטיל, די בּיימער דרעמלען אזוי ווי מיד און פארכאלעשט פון דער היץ. די אונטערשטע צווײַגן הענגען אראָפּ און קוקן שטום אף די בּאגראָזטע בּערגלעך ערד, וואָס ליגן אונטער די שאָטנס. אין ווינקל פון פּלויט שטייט א קליין הײַזל. דאָס טירל פון פּלויט איז אָפן, אף יענער זײַט שטייט א בּרונעם. די הויז־טיר איז צוגעשלאָסן, די לאָדן פון די צוויי קליינע פּענצטערלעך — פארמאכט, און די מיטאָג־ליכטיקײַט ליגט אויסגעגאָסן אף אלץ. אפּן וועג פינקלען קליינע שטיינדלעך און שטיקלעך גלאָז. דער וועג ציט זיך פון איין זײַט צו דעם הויכן שפּיץ פון קלויסטער, וואָס ארום דאָרט שטייען קליינע נידעריקע הײַזלעך, פון דער צווייטער זײַט — ליגט ער גלײַך איבּער דעם בּרייטן פעלד צו די ווײַטע בּיימער צו, וואָס מע דערזעט קאם מיטן אויג. אף דער לאָנקע שפּאצירט פּאמעלעך א בּאָציאן, שאָקלענדיק מיטן לאנגן האלדז און אויסציִענדיק דעם שנאָבּל בּא יעדן טריט. א טרויעריק אײַנגעהאלטן גערויש צעטראָגט זיך אלעמאָל פון דער שטילקײַט פון בּייסאלמען און די בּיימער האָרכן שטיל, ערנסט...

דאָרט, ווײַט אפּן וועג, זעט זיך א קליין פורל, קאם וואָס עס שלעפּט זיך, און די רעדער גלאנצן קעגן דער זון, איבּער דעם גליִענדיקן זאמד. פּאמעלעך־פּאמעלעך פּאָרט עס צו און שטעלט זיך אָפּ בּאם טירל פון פּלויט.

איצטער זעט זיך, אז איבער א העלפּט וועגעלע פונהינטן איז איבערגעצויגן א בײַדל און עס באַווײַזן זיך ארויס קעפּ פון עט־לעכע מענטשן. דער ערשטער קריכט אראָפּ א נידעריק פעסט ייִדל, מיט פעסטע הענט, ברייטע פּלייצעס און א קליינעם קאָפּ אף א דיקן, האָריקן און ברודיקן האלדז. א פּאָנעם — ווי א כּיַע, שווארץ באַוואַקסן, מיט שווארצע בלישטשענדיקע אויגן. נאָך אים — א דאַר ייִנגל, וואָס שפּרינגט אראָפּ פון וואָגן און בלײַבט שטיין באָרוועס, אין צעריסענע הויזן און צעשפּאָלטן היטל, פון וועלכן עס קוקט ארויס א נישט ריינער קאָפּ. ער לויפט־צו צו דער ברונע און קוקט אריַין... נאָך איינער — מיט א ברייט, פאַר־טויבט פּאָנעם, מיט א געלער באָרד, אָנגעטון אין א וואַטענער קאַפּאָטע און לאנגע ברייטע שטיוול, — קריכט אראָפּ מיט שווערע טריט און דערנאָך — צוויי ווײַבער, איינע א יונגע, מיט א בלאַס, נאָר פאַרברודיקט פּאָנעם, די צווייטע — אַן עלטערע, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט א קינד אף דער האַנט.

דער מיטן שווארצן בערדל קריכט ארונטער אונטער דעם וואָגן צווישן די רעדער, בינדט אָפּ דעם עמער, שעפּט אָן וואַסער פון דער ברונע און גיט דעם פערד טרינקען.

— מאַמזער, — ברומט ער דערוויַיל אפן ייִנגל, — זאָג דאָרט דעם בלינדן הונט — מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס ייִנגל רוקט אוועק וויַיטער די לײַוונטענע דעק און גיט דאָרט א פּעסטן זעץ עמעצן, וואָס מע זעט נישט ארויס, און שרײַט דערבײַ: גענוג שוין, בלינדער הונט, גענוג שוין צו זיצן, ווי א הון אף די אייער!

א דארער מענטש מיט פאַרמאַכטע אויגנלעדלעך קריכט ארויס פון וואָגן פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק און בלײַבט שטיין. ער גענעצט אָפּ מיט א ברייט געעפנט מויל, ווערט שטיל און ערנסט, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אף דער ברוסט.

פון איבערן פּאַרקאַן, לעבן הײַזל, באַווײַזט זיך א ייִד מיט א ווײַסלעכער באָרד און א יאַרמעלקע אפן קאָפּ. ער שפּאַרט זיך אָן מיט די הענט, אין די בלויזע העמד־אַרבל, איבערן פּלויט און זעט אויס, ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, רעדנדיק ווי גלאַט אין דער וועלט אריַין:

— אָ! נא דיר געסט! די אויגן זיך אויסגעקוקט! מ׳דארף פארשרײַבן אין קוימען...

— גאָט העלף, באַלעבאָס, — זאָגט דער גלעזער, מאכנדיק דערבײַ א מעשונעדיק כיינדל, און ציט די פלייצעס און קראצט זיך אפן אקסל.

דער שווארצער קומט אויך צו:

— גאָט העלף! — ברומט ער צו, גיסט אויס די רעשט וואַסער אף די פעדערשטע רעדער, בינדט ווידער צו דעם עמער צום וואָגן, ציט זיך אויס גלײַך און שטעקט ארײַן די האנט אונטער דער דעק. ער נעמט ארויס פונדאָרט א זעקל און עפּעס א פעקל און גיט עס דעם בלאסן ווײַבל.

— נא, קריינדעלע, גיי גיב אים דאָרט... — און ווײַזט מיטן פינגער צום פלויט, וווּ דער באַלעבאָס שטייט.

זי פאָלגט, טראָגט צו דאָס פעקל צום באַלעבאָס און דערלאַנגט עס אזוי ביז צו זײַן יארמעלקע.

ער נעמט עס אריבער צו זיך.

— ארבעס, — ברומט ער צו זיך און טאפּט דאָס זעקל, — ארבעס, א קאפּאָרע אף זייערע קעפּ.

— מאמזער, — שרײַט דער שווארצער אפן ייִנגל, — עפן דעם טויער אין פיר ארײַן דאָס וועגעלע.

דער וואָגן רירט זיך פון אָרט, און דער בלינדער פאלט אנידער אינמיטן וועג, בלײַבט ליגן אפן זאמד און זיפצט.

אין טויער פארטשעפּעט זיך דער וואָגן אין דער פיטרינע, און איין ראָד סקריפּעט שטארק.

— מאמזער דו! — קריצט דער שווארצער מיט די ציין און לויפט צו צום ייִנגל, — א ראָד צעבראָכן! הא?

און מיט איין האנט הייבט ער אים אוף און גיט אים א וואָרף אראָפּ אף דער ערד... מיט בלוט־פארלאָפענע און ארויסגעזעצטע אויגן קוקט ער א ווײַלע אָן דאָס ייִנגל ווי צעמישט, פלוצלינג גיט ער אים מיט ביידע פויסטן איבערן פּאָנעם און א קאָפּע־צו מיטן פוס. דאָס ייִנגל גיט זיך א דריי ווי א שלאנג און בלײַבט ליגן מיט א דערשטיקטן זיפץ. דעמאָלט ערשט לאָזט ער אים אָפּ, לויפט צו צום וואָגן, כאפּט אָן בא די הינטערשטע רעדער און

מיט איין נעם דערהייבט ער אים און שטופט אים אריין אין טויער. דערנאָך נעמט ער דאָס פערד בא דער צוים און פירט עס אריין אין בייסאלמען. די גאנצע קאָמפּאניע גייט אים נאָך. צולעצט פארשליסט זיך צוריק דאָס טויער און עס ווערט ווי־דער שטיל.

דער שווארצער שטייט שוין מיטן וועגעלע אינעווייניק פון בייסאלמען, שפאנט אויס דאָס פערד און לאָזט עס אפן גראָז, דערנאָך נעמט ער ארויס פון וואָגן א זאק קארטאָפל, שטעלט אים אנידער אף דער ערד און מעסט אויס די גאנצע כעוורע מיט א שטומען, בייזן בליק.

— שיילן, שיילן... — זאָגט אויך דער געלער און גייט צו מיט געזונטע טריט צום זאק, ווארפט אָן קארטאָפל אפן גראָז, קוקט אף קריינדעלען, שווייגט, אף דער עלטערער יידענע און ברומט:

— האָסט געהערט... שטיק שלאק? און דו, מאמזער? — ווענדעט ער זיך צום יינגל, וואָס איז שוין געזעסן באם טויער.

דאָס יינגל גייט צו צום זאק. די יידענע זעצט אנידער דאָס קינד אפן גראָז און גייט אויך צו העלפן. דער געלער נעמט ארויס פון קעשענע קליינע ציגיינערלעך *), און מע נעמט שיילן די קארטאָפל.

אין א ווייַלע ארום נעמט דער שווארצער ארויס פון ביידל א גרויסע, ליימענע שיסל און שטעלט זי אנידער אפן גראָז, אף אריינצולייגן די אָפּגעשיילטע קארטאָפל. ער בייגט זיך איין צו קריינדעלען, נעמט זי אָן פארן אָרעם. זי קוקט אים אָן מיט א שטומען בליק.

— קום!.. — זאָגט ער און טייַט מיטן פינגער אף אן אָרט צווישן די ביימער.

פאמעלעך און טרויעריק שטעלט זי זיך אוף און גייט אים נאָך מיט א פוילקייט, זיי ווערן פארשווונדן צווישן די ביימער, ווייַט, הינטער די קוואָרים.

---

*) מעסערלעך.

ערשט פארנאכט, אז די זון זעצט זיך און באלײַכט די שפּיצן פון די ביימער, קערט דער שווארצער מיט קריינדעלען צוריק צו דער קאָמפּאניע.

— שוין פארטיק עסן ?.. — פרעגט ער דעם געלן. דער גע־לער ענטפערט גאָרנישט, ער זיצט א בערויגעזער, נאָר פּלוצלינג גיט ער א שטויס מיטן פוס דאָס ייִנגל :

— גיי, מאמזער... שוין נאָכן שלאָפן... ברענג דעם טאָפּ.

דאָס ייִנגל הייבט זיך גיך אוף, לויפט ארײַן אין שטוב, און אין א מינוט ארום קומט ער צוריק און טראָגט א גרויסן טאָפּ קארטאָפל, ארומגעוויקלט מיט א שמאטע, אין די הענט. א פּארע גייט פון טאָפּ און פארציט דעם ייִנגלס מאָגער, שווארץ פּאָנעם. ער טראָגט צו דעם טאָפּ און שטעלט אים אנידער אינמיטן. דער געלער גיט אים א נעם און דרייט אים איבער אין דער גרויסער שיסל ארײַן, און כעוורע נעמט „ארבעטן" מיט אלע קויכעס. אלע כאפּן, בלאָזן מיט די ליפּן, שלינגען אײַלנדיק און בריִען זיך אָפּ די צונגען מיט די קעלן.

נאָר קריינדעלע זיצט אין דער זײַט, פארטראכט און קוקט מיט טרויעריקע אויגן אף די שפּיץ ביימער, וואָס לעשן זיך בא די לעצטע שטראלן. זעלטן־נאָר שטרעקט זי אויס די האנט צו נעמען א קארטאָפּעלע.

נאָכן עסן, ס'טונקלט, נעמט דער געלער ארויס פון בײַדל א בינטל שטרוי און שרײַט :

— א געלעגער !.. גיכער, מאכט א געלעגער... גיכער, מאמ־זער !..

— אזוי פרי ? — ברומט דער שווארצער.

— דו געשלאָפן !—בייזערט זיך צעהיצט דער געלער, — כאָ־לערע טרעפן ! איך נישט געשלאָפן !... איך געשיילט קארטאָפל. דו געשלאָפן !

— ווער איז געשלאָפן ? איך ? — קריינדעלע, קריינדעלע... איך בין געשלאָפן ? געלער הונט... — ער ווײַזט אף קריינדעלען, — זעסט, זי שווײַגט...

דער געלער כאפּט גיך פולע אָרעמס שטרוי און מיט א וויל־דער רעציכע לויפט דערמיט הינטערן הײַזל ארונטער.

דאָס ייִנגל נעמט אָן דאָס גאַנצע איבערגעבליבענע שטרוי און טראָגט עס אַהין, אַלע צוזאַמען מיטן בלינדן גייען נאָך מאַכן אַ געלעגער.

די זון איז לאַנג אונטערגעגאַנגען. דער הימל איז טונקל. צווישן די ביימער ליגט אַ פינצטערניש... כעוורע ליגט מיט די קאַפּאָטעס און די שטיוול אונטערן צוקאָפּנס, און מע שלאָפט איינגעדרייט, די קעפּ באַדעקט מיט יאַרמעלקעס און טיכלעך.

דאָס ייִנגל אַליין נאָר שלאָפט נישט. ער ליגט מיט אָפענע אויגן קעגן הימל. דאָרט, אויף יענער זײַט פּלויט, באַם ראַנד פון הימל אויף מיזרעח־זײַט, ליגט אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצער וואָלקן, אַזוי ווי אַ נאַכט־וועכטער איבער דער וועלט. אין טיפן הימל פינקלען די שטערן. אַ לײַכט ווינטל בלאָזט איבער די שפּיצן פון די ביימער, און די צווײַגן שאָקלען זיך און רוישן שטיל, פאַמע־לעך... מיד און פאַרשלאָפן בלאָנדזשען אַרום קליינע, שוואַרצע וואָלקנדלעך און זוכן זיך אַ נאַכטלעגער אין ווײַטן, פרײַען הימל... און מיד, פאַרשלאָפן הילט זיך דאָס בייסאַלמען אײַן אין דער נאַכט... אַלץ שלאָפט.

פרימאָרגן. די זון באַווײַזט זיך צווישן די ביימער, קוקט פאַר־טראַכטערהייט אויף די שטומע קוואָרים און וועבט איבער זיי אַ נעץ פון גאָלדענע שטראַלן. אַ שטיל פרימאָרגן־ווינטל גלעט דאָס גראָז מיט גרויס ליבשאַפט און בענקשאַפט... און שטיל און פאַר־בענקט קוקן די שטומע מאַצייוועס אויף די יונגע זון: „קוק כאָטש אויף אונדז שטיל... קוק, קוק, דו שיינע!" — — דאָס שטילע ווינטל בלאָזט אויף די צווײַגן, וואָס זענען באַלויכטן מיט אַ רויטן אָפּ־גלאַנץ, און האַלב נאָך פאַרשלאָפן שאָקלען זיי זיך, און די בלעט־לעך זיירע ציטערן... דער רויטער פאַס אויף מיזרעך־זײַט צעשפּרייט זיך, און די ביימער רויטלען זיך און מורמלען שטיל אַ געבעט... אין אַ ציטעריקער, קלאָרער שטימע צעגיסן זיך די ערשטע טרעלן פון אַ פייגעלע, וואָס האָט ערשט אויפגעוואַכט, און פון צײַט צו צײַט ווערן די טרעלן פאַרמישט מיט דעם שנאָרכן פון די מענטשן, וואָס שלאָפן האַלב־נאַקעט און ליגן צוזאַמענגעדריקט איינער צום אַנדערן הינטערן קליינעם הײַזל.

אפן וועג, פונוואַנען מ׳זעט ארויס די נידעריקע דעכער, זעט מען א גרופּע מענטשן, און שטיל, האַלב־לויפנדיק, דערנעענטערן זיי זיך אַלץ מער אהער.

פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר פון הײַזל, און דער באַלעבאָס איז ארויס אפן בייסאַלמען. ער לויפט צו גיך צו די אויסגעלייגטע שנאָרער, טופּעט מיטן פוס און שרײַט: „מ׳גייט... א לעווײַע גייט... הינט, שנאָרער! מ׳וועט אײַך זען ליגן צוזאַמען... גיכער... גיכער, — אין ווינקל ארײַן, הינט! צום פּלויט, גיכער, גיכער!״

דערשראָקן און צעמישט הייבט זיך אוף א גאַנצע שורע קעפּ: רויטע טיכלעך און יאַרמעלקעס... די קעפּ קוקן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אפן באַלעבאָס... ער שרײַט אַלץ:

— גיכער, גיכער, הינט! א לעווײַע... לעווײַע גייט! גיכער צום פּלויט!

זיי כאַפּן דאָס שטרוי און לויפן ארײַן אין ווינקל צווישן פּלויט און הײַזל.

פון הינטערן פּלויט הערן זיך טריט פון אסאך אָנקומענדיקע מענטשן... עס עפנט זיך דאָס טירל, און א שוואַרצע מיטע רוקט זיך ארײַן און ווערט פארשוווּנדן צווישן די ביימער.

אין ווינקל באַם פּלויט הייבט מען ווידער אָן צו שנאָרכן. נאָר דער שוואַרצער שלאָפט שוין נישט, ער זיצט מיט קריינדעלען און ברומט: „קראַנק צו שטאַרבן באַטאָג... דאַפּקע פאַרטאָג... באַגינען... באַגראָבן זאָלן זיי ווערן!״

ער קוקט אף קריינדעלען מיט א ווילדן שמייכל און מיט טײַוועלשפּראָצנדיקע אויגן... ער נעמט זי אָן פאַרן נאַקעטן אָרעם:

— האַ־האַ־האַ? — ברומט ער, צוטוליענדיק זײַן שוואַרצע באָרד. — כאַ־כאַ־כאַ... אַזוי... און ארײַנגראָבנדיק אין איר ברוסט ציטערדיק דעם קאָפּ, — אַלע צום טויט, דיר — צום לעבן... יאָ, קריינדעלע? כאַ־כאַ־כאַ — — הערסט? צווישן די ביימער... מע באַגראָבט שוין... אַלע באַגראָבן...

באַלד גייט פארבײַ דער באַלעבאָס מיט א לאָפּעטע אין דער האַנט... ער קוקט אף דעם אָרט, ווו די כעוורע איז פריִער געשלאָפן, און ברומט צו זיך:

— נו, נו... א שיינע כאסענע... זיי וואָלטן דאָס געזעען!

עס הערט זיך נאָך קאדעש זאָגן פון צווישן די ביימער. באלד גייט דער אוילעם צוריק פון דער לעוויע און דאָ ארום דעם הייזל ווערט ווידער שטיל...

א שטיק טאָג איז שוין א־יבער. כעוורע איז אופגעשטאנען פון שלאָף און זיצן ארום צוויי גרויסע, ערדענע בעקנס קאר־טאָפל און עסן. דאָס ייִנגל שטופט אָפּ יעדעס מאָל דעם בלינדנס האנט. אז ער דערגרייכט שוין מיטן לעפל צו דער שיסל. דער בלינדער זיפצט, דאָס ייִנגל לאכט, און אלע זענען בייז פון איי־לעניש באם עסן.

די שיסלען ווערן ליידיק. שטייט מען אוף פון די ערטער. די עלטערע ייִדענע טוט זיך אָן א טוך, האלטנדיק דאָס קינד אף די הענט. דער געלער שטעלט זיך אוף, ווישט אָפּ די באָרד מיטן ארבל און שרייט:

— העי, בלינדער! אין שטאָט אריין! פרייטיק, שוין שפעט!

די ייִדענע מיטן קינד שטייט שוין גרייט, דאָס ייִנגל נעמט אָן דעם בלינדן פאר דער האנט און צוזאמען מיטן געלן גייען זיי ארויס פון טויער.

קריינדעלע בלייבט איבער אליין. זי גייט זיך איבער אפּן גראָז אהין און אהער. גייט פארביי דאָס „אויהעל" און גייט ווייטער אריין צווישן די ביימער. אירע שטילע בליקן בלאָנדזשען ארום די שטומע, אלטע, פארגעסענע קוואָרים. זי זעט מאצייוועס, טייל איינגעזונקענע אין דער ערד, טייל צעבראָכן, טייל וואָס די אויסיעס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן, זיי זענען מיט דער צייט שווארץ געוואָרן און מאָך איז אף זיי אויסגעוואָקסן, און זיי פאלן „קוירים" איבער די קוואָרים. קריינדעלע זעצט זיך אונטער א בוים. ארום ליגט אויסגעשפרייט א טיפער שאָטן, ווי א שווארצע דעק, נאָר דאָ און דאָרט זעען זיך ליכטיקע שטראלן, וואָס שיסן דורך די דיקע צווייגן מיט די ציטעריקע בלעטער, און די שטראלן שפּרינגען ארום אף דעם ווייכן גראָז. זי זיצט שטום, אזוי ווי די שטומע מאצייוועס, וואָס רינגלען זי ארום. זי דערמאָנט זיך אָן

איר מוטער. זי איז געשטאָרבן און האָט זי איבערגעלאָזט ווען זי איז נאָך געווען א קליין קינד. זי געדענקט שוין נישט, אין וועל־כער שטאָט זיי זענען געווען און אף וועלכן בייסאַלמען ליגט איר מוטער באַגראָבן. זי געדענקט אסאך שטעט, פיל העקדעשן און בייסאַלמענס. און איינמאָל פאַרנאַכט איז איר מאַמע געלעגן אפן גראָז הינטער דער וואַנט פון העקדעש ערגעץ, וואָס איז זייער ענלעך צו דערדאָזיקער וואַנט פון היַיזל... די זון איז געווען רויט, ווי א פיַיערדיק ראָד, אף דער ערד זענען שוין געלעגן די שאָטנס, די שפּיצן פון דיביימער האָבן געברענט, און שטיל איז די מאַמע אירע געלעגן אפן גראָז... דאָס פּאָנעם בלאַס, די אויגן וויַיט גע־עפנט. זי האָט געקוקט אף די שפּיצן ביימער... דעמאָלט האָט איר די מאַמע געזאָגט, גלעטנדיק איר די האָר: „מיַין קינד... גיי נישט מיט זיי... בליַיב אין שטאָט, צווישן יידן"...

צומאָרגנס האָט זי שוין מער ניט געזעען איר מאַמען. דע־מאָלט האָט מען איר געוויזן א לענגלעך בערגל זאַמד... אַזוי שיין, אַזוי בלישטשענדיק איז געווען דאָס זאַמד.

און קריינדעלע גלאָצט מיט די אויגן לאַנג אף א בוים קעגנ־איבער. עטלעכע זומער־פייגעלעך יאָגן נאָך איין זומער־פייגעלע. דאָס לעצטע שטעלט זיך אָפּ אף א צוויַיגל, און די רעשט דרייען זיך דעריבער. קריינדעלע קוקט זיך איַין, און ווער ווייסט, פאַר־וואָס זי הייבט פּלוצלינג אוף א טרוקן שטיקל צוויַיגל און וואַרפט מיט קאַס אף די זומער־פייגעלעך. זיי פליִען וויַיטער און יאָגן איינס דעם צווייטן, דרייענדיק זיך אין דער לופט... קריינדעלע לייגט אָן דעם קאָפּ אפן גראָז און דרעמלט.

נאָך מיטאָג. די זון שטייט אף יענער זיַיט בייסאַלמען. אין עק, פאַרן קליינעם היַיזל, ליגן זיך דער שוואַרצער און געלער. אביסל אָפּגערוקט פון זיי זיצט די יידענע מיטן קינד. דער שוואַר־צער איז בייז און ברומט: „אַזאַ בלינדער הונט — ער האָט גאָר־נישט „געמאַכט" אין שטאָט"... ער וואַרפט א בליק אפן געלן: „העי, האָסט שוין א „פּלעט" אף שאַבעס?"

— פּלעט, — ברומט דער געלער, — א פּלעט, פאַרברענט זאָלן

זיי ווערן! דער גאבע, הא, א סרייפע! ער האָט מיך געוואָלט שיקן צום פעלצנמאכער, ווי דעמאָלט... האָב איך אליין געקריגן א פלעט, א נאָגיד... א גוויר! — ווו ביסטו געוועזן?

— געוועזן... כא־כא, — לאכט דער שווארצער אין זײַן באָרד ארײַן, — דאָ, אין א קליין דאָרף... א פוטערל... געהאנגען אפן פלויט... כא־כא.

— ווײַז נאָר...

— איך האָב עס באהאלטן אין „אויהעל".

ביידע ווערן שטיל און שלאָפן אײַן.

פארנאכט קריכט קריינדעלע ארויס פון צווישן די ביימער. זי גייט פארבײַ דאָס אָרט, ווו די ביידע שלאָפן. אז זי דערזעט זיי, גיט איר גאנצער קערפער א ציטער און אומגערן דערמאָנט זי זיך: „מײַן קינד, גיי נישט מיט זיי"... זי וויל זיך זעצן אפן גראָז, נאָר עפּעס א באהאלטענע מוירע שטופּט זי אוועק פונדאנען. זי קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט און גייט ארײַן אין הײַזל ארײַן. רעכטס ווינט דער באלעבאָס, זי עפנט די קעגניבערדיקע טיר.

א ליידיק פירקאנטיק צימער; צוויי קליינע פענצטערלעך מיט גרינע שײַבלעך, איינס גייט ארויס אפן וועג, דאָס צווייטע — אפן בייסאלמען. דער קאלך איז ערטערווײַז אָפּגעקראָכן פון די ווענט. דער באלקן איז שווארץ; אין די ווינקלען ציטערן שטיקלעך ווײַסליים, וואָס הענגען אראָפּ אף שפּינוועבס פון בעליק. בא דער טיר געפינט זיך אן אויסגעקרימט אויוונדל, עס איז שווארץ און טרויעריק און קלאָגט זיך, דאכט זיך, פאר די גרינע שײַבלעך פון פענצטערל. אין ווינקל, קעגן אויוונדל, ליגט דער בלינדער אף א בינטל שטרוי. ווײַטער, לעבן דער וואנט, ליגט א זעג, א גראָב־אײַזן און א לאָפּעטע, בא דער טיר — דאָס טארע־ברעט און קיבלעס.

קריינדעלע זוכט זיך אן אָרט צו זעצן, נאָר עפּעס א באהאלטענע קראפט שטופּט זי אוועק אויך פונדאנען. — „בלײַב אין שטאָט צווישן יידן"... — זאָגט איר דאָס הארץ. ווי פארגליווערט בלײַבט זי שטיין אפן אָרט, ווי אָן אָטעם. אין דערזעלבער מינוט דערהערט זי שווערע טריט פון פּאָדערהויז... זי גיט א ציטער מיטן גאנצן קערפער און ווארפט א דערשראָקענעם בליק צו דער

טיר־צו. די קליאמקע רירט זיך — עס עפנט זיך די טיר: זי דער־זעט דעם געלן, און א לײַכטער ציטער נעמט זי דורך. ער וואַרפט אויף איר א פײַערדיקן בליק, נעמט זי אין זײַנע אָרעמס און וואַרפט זי אנידער אין ווינקל לעבן בלינדן אויפן שטרוי. — —

אין א ווײַלע ארום איז דער געלער ארויס פון הויז און האָט גענומען גיין אין שטאָט אלס „אוירעך" אויף שאבעס.

קריינדעלע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און איז אויך ארויס פון שטוב. קוים האָט זי צוגעמאכט די טיר הינטער זיך, איז איר אנטקעגן געקומען דער שווארצער מיט א פארשלאָפן פּאָנעם און צעשויבערטע באָרד:

— וווּהין גייסטו, קריינדעלע?

זי איז געשטאַנען פאר אים שטום און האָט געציטערט.

— קום... קריינדעלע... אהער...

און ער נעמט זי אָן פארן אָרעם, ער שלעפּט זי אריַין צוריק אין שטוב און וואַרפט זי אויך אנידער אויפן זעלבן אָרט, וווּ דער בלינדער ליגט...

אין א ווײַלע ארום גייט אויך דער שווארצער אין שטאָט אלס „אוירעך" אויף שאבעס.

קריינדעלע איז ארויס אויפן בייסאלמען, אריַין צווישן די ביי־מער און האָט זיך געזעצט אויף א בערגל. זי זעט די נידעריקע הײַזער פונדערווײַטן, און צווישן זיי דעם קלויסטער, וואָס א פײַ־ערדיקער קופּעל בליצט אויף אים.

די זון זעצט זיך און צעשפּרייט די לעצטע שטראַלן אויפן בייסאלמען. די ביימער באָדן זיך אין א גינגאָלדענעם גלאַנץ. אויף מיזרעך־זײַט איז דער הימל רויט ווי פײַער. לאַנגע זײַלן פײַער גיסן זיך איינער אויפן אנדערן און מישן זיך אויס, אלע מיט ארויס־געשטעקטע לאַנגע פײַערדיקע צונגען, מיט פײַערדיקע מײַלער און פײַערדיקע קעפּ. ערטערווײַז בלאָנדזשען ארום קליינע וואָלקנד־לעך, וואָס האָבן זייער וועג פארלוירן און זייערע קאַנטן זײַנען ארומגעזוימט מיט שלענגלעך פײַער. ביסלעכווײַז צעגיסט זיך אויף מײַרעוו־זײַט א בלאסלעכער שטראָם, אזוי ווי קליינע צעשפּרייטע

וואָלקנדלעך, אזוי ווי די שופן פון ליוויאָסן, און צעלייגט זיך באלד איבערן גאנצן הימל, דער הימל ווערט טונקעלער און אויס־געזעצט מיט בלאנקענדיקע שטערן. די שטילע נאכט קומט אָן פאמעלעך־פאמעלעך און פילט אָן דעם כאָלעל צווישן הימל און ערד. אלץ ווערט פארשטומט און אלץ ווערט פארזונקען אין א זיסן שלאָף. פינצטער, שטיל, דאָס בייסאלמען שלאָפט... און קריינדעלע זיצט שטום, רירט זיך נישט און קוקט אף די ווײַטע, נידעריקע הײַזלעך, וואָס זײַנען אײַנגעהילט אין נאכט און וואָס פינקלען מיט די שאבעס־ליכט. קליינע נעשאָמעס, קאָשערע, שאַ־בעסדיקע נעשאָמעס. קריינדעלע פילט, אז זיי ווינקען צו איר, רופן איר נעשאָמע צו זיך און כאווערן זיך מיט איר... און א בענקשאפט פאלט איר אפן הארץ, ביז זי ווערט מיד און שלאָפט אײַן אפן גראָז.

שפעט באנאכט האָט די כעוורע צוריקגעקערט און זיך פאר־זאמלט ארום הײַזל, זיי זוכן קריינדעלען, שרײַען און געפינען זי נישט. ביז זיי גייען זיך לייגן אָן איר.

שאבעס אינדערפרי.

דער ברייטער, זאמדיקער וועג שלאָפט נאָך שטיל, כעוורע שלעפט זיך מיט שווערע טריט, פויל און פאמעלעך, און לאָזן איבער אין פײַכטן זאמד שפורן פון טריט. פוןביידע זײַטן שמעקן די פעלדער, און א לינד פרימאָרגן־ווינטל בלאָזט אוף די פאָלעס פון די בעטלער און פאָכעט מיט דעם שירץ פון דער יידענע מיט דעם קינד אף דער האנט, כעוורע גייט.

ארײַנקומענדיק אין שטאָט, צעגייען זיי זיך אין פארשיידענע זײַטן. דער געלער גייט אין דער באָד־גאס. דאָרט זעט מען יונ־געלײַטלעך מיט לענגלעכע בלאסע פענימלעך, פארשלאָפענע אויגן, צעפלאָסענע פייעס און פארפעדערטע יארמעלקעס אונטער די סא־מעטענע היטלעך, לויפן מיט א היסלאוועס, ווי קרוווימלעך פון הימל — אין מיקווע ארײַן. עלטערע־ באלעבאטים גייען זיך בעני־מעסדיק, שטעלן קליינע טריט און גענעצן ברייטלעך, קענטיק, זיי פילן זיך נישקאָשעדיק אף גאָטס וועלט. אנדערע לויפן שוין צוריק

פון מיקווע, פון אונטער די היטלען קוקן ארויס די יאר־מעלקעס מיט דער פּאַטשעווקע איבערגעדרייט... פון פיל פּענצטער הערט זיך דער ניגן פון מאווער־סעדרע זײַן. דער געלער גייט אין בעסמעדרעש אַרײַן.

דאָ איז א געלויפערײַ און א גערודערײַ, ווי צווישן בינען. מע לויבט גאָט מיט ארומלויפן אהין און צוריק, די עקן פון דעם גארטל אראָפּגעלאָזט און שלעפּן זיך נאָך אף דער פּאָדלאָגע, די אויגן פארגלאָצט און איין האנט רײַבט דעם שטערן. איינער דרייט די פּייע, איינער ברומט, און אלע לויפן, לויפן און קלאפּן אָן איינער אָן אנדערן.

דער געלער אין דער וואטענער קאפּאָטע זיצט אף אן עק באנק בא דער טיר. פון צײַט צו צײַט וואַרפט ער א בליק אפן ליידיקן אָמעד, אף די אלע ארומלויפנדיקע ייִדן און קוקט מיט קאַס: — „פארברענט זאָלן זיי ווערן!..״

נאָכן דאַוונען שטייט דער געלער אפן הויף און קוקט מיט צעמישטע אויגן. ער זעט, אז פון אוילעם שיידט זיך אָפּ א קליינע קנופּיע און גייען צוזאמען, דער געלער שלעפּט זיך נאָך.

מע קומט אַרײַן אין א שטוב. א געדעקטער טיש, בראָנפן און לעקעך. דער געלער ווערט אופגערוימט, דאָס הארץ ציטערט אזש. ער שטעלט אָן א בעטנדיק, ראכמאָנעסדיק פּאָנעם פאר דעם ייִד, וואָס טראָגט ארום א טאַס מיט לעקעך, און דער ייִד דערלאנגט אים א כיילעק, אן אנדערער גיסט אים אָן א גלעזל בראָנפן.

ווײַבער קומען אָן שטילערהייט, ווי אַרײַנגעגאַנוועט, און גייען אין דער אנדערער שטוב אַרײַן. דער אוילעם נעמט אויך צו גלעזלעך בראָנפן, ער ווערט היימלעך, רוישנדיקער, און דער גע־לער כאַפּט דערווײַל אײַן גרויסער גערודער איין גלעזל נאָכן צווייטן, כאַפּט פון רעכטס און פון לינקס און טרינקט און שלינגט אײַלנדיק, ווי א ווילדע כײַע.

— באַלעבאָס לעבן, — בעט ער זיך, — גיט אביסל בראָנפן.

דער באַלעבאָס נעמט שוין דאָס פלעשל אין דער האנט אַרײַן אײַנצוגיסן, נאָר איינער פון די געסט באמערקט דאָס און זאָגט:

— וועמען דאָס גיסטו?

— לאָז, דעם אָרעמאַן דעם...

— וואָס? אים? ער טוט נישט מער נאָר זופט. אזא שנאָרער! שטעל אנידער דאָס פלעשל.

דאָ ווערט דער געלער אופגעבראכט, קריצט מיט די ציין, דאָס פּאָנעם צעפלאָמט זיך אים, די אויגן בלישטשען און א שוים באדעקט אזש די ליפּן. מיט איין ריס פּראלט ער אוף ביידע האלבע טירן, לויפט ארויס מיט א געשריי:

— א בראנד! פארברענט ווערן! א בראנד אף אייך מיטן מאזלטאָוו.

אזוי לויפט ער איבער דער גאס און שעלט און פלוכט, פון איין גאָס אין דער צווייטער אריין. אז ער ווערט אביסל רויִקער, דערזעט ער פון אן אָפן פענצטער אן איידע ייִדן. די טיר איז אָפן, גייט ער אריין. דער באלעבאָס דערלאנגט אים אף גיך בראָנפן און לעקעך און הייסט אים, ער זאָל זיך גיכער אָפּטראָגן... דער געלער קוקט אין א זייט, גלייך ווי ער וואָלט נישט געהערט, וואָס מע זאָגט אים. ער בעט נאָך א גלעזל בראָנפן, און דאָס מאָל טרינקט ער אויס און לאָזט דאָס בעכערל אריין אין טאש. אין דער זייט זעט ער שטיין א מולטער מיט כאלעס — לאָזט ער איינע אראָפּ אין דער אויסגעריסענער קעשענע, און זי גליטשט זיך אראָפּ אין דער פּאָלע־טאָרבע.

איצט גייט ער ערשט עסן „שאבעס".

ער קומט אריין אין א שטוב, ווו א יונג פּאָרפאָלק מיט א קליין ייִנגל זיצן באם טיש. דאָ טרינקט ער זיך אויס נאָכאמאָל בראָנפן, וואשט זיך און זעצט זיך באם טיש. דאָס יונגע ווייבל דערלאנגט אים פיש, דער יונגערמאן מיטן ייִנגל זינגען דערווייל זמירעס. דער געלער נעמט זיך דערווייל צום בראָנפן, גיסט זיך איין א גלעזל, נאָך איינס, און דרייט איבער מיטן ארבל און פארגיסט דעם טישטעך. דאָס יונגע ווייבל קוקט אָן דעם מאן און גייט אליין אוועק פון טיש. אז זי דערלאנגט פליישׂ, ברומט דער געלער:

— און קוגל, קוגל? גאָרנישט?

ער איז האלב שיקער, און ווארפט אָן אן איימע אף אלע אין שטוב. דער יונגערמאן גייט אויך צו אף א ווײַלע צום פענצטער און קוקט אף דער גאס ארויס, דאָס ייִנגל לויפט־צו צו דער מוטער:

— מאמע, איך האָב מוירע פאַר דעם ייִד.

דערווײַל כאַפּט דער געלער אַראָפּ אַ גאָפּל און לאָזט אים אין אַרבל אַרײַן, דערנאָך הייבט ער אויף די האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסגלײַכן...

— באלעבאָס לעבן, באלעבאָס לעבן, — זאָגט ער, — אײַער כיילעק ווערט קאליע — זאָל איך עס אופעסן?

דאָ ווערט דער יונגערמאַן שוין בייז, וויל צולויפן, נאָר בלײַבט שטיין:

— ארויס פונדאנעט, שנאָרער! ארויס, ארויס פון מײַן שטוב!

דער געלער כאַפּט זיך אוף פון טיש, לויפט ארויס מיט א קלאָלע:

— א בראַנד אײַך כאַפּן!

ער הייבט באַלד אָן פון צווייטן הויז און גייט פון שטוב צו שטוב, און די פּאָלעס ווערן וואָס אמאָל פולער. אין איין פּאָדערהויז דערזעט ער א קליין מיידל, אפן קאָפּ טראָגט זי א זײַדן טיכל. מיט איין ריס מיט דער האַנט רײַסט ער איר עס אַראָפּ פון קאָפּ. דאָס מיידל הייבט אָן וויינען און ציטערן פאַר שרעק — דאָ עפנט זיך די טיר און די מוטער און מיידל באַווײַזט זיך, זי פּאַלט אָן אפן געלן און וויל ארייסרײַסן צוריק דאָס טיכל, ער גיט זי א שטויס צוריק און אנטלויפט. זי לאָזט זיך נאָך, עס ווערט א געלויף, א געשריי: וואָס איז געשעען, ווייסט קיינער נישט. נאָר א כעוורע קונדייסים לאָזן זיך נאָכלויפן נאָך דעם געלן, וואָס לויפט און די שווערע פּאָלעס קלאַפּן אים אָן אף די פיס; כעוורע נעמט ווארפן שטיינער אפן געלן, און ער לויפט און לויפט ביזן עק שטאָט. וואָס אמאָל, אז ער זעט, אז כעוורע לאָזט אים נישט אָפּ, ווערט ער אלץ מער אין קאַס, צעררייצט ווי א מעשוגענער הונט, זוכט אויך שטיינער אפן וועג און נעמט צוריקווארפן. אָט איז ער אָנגעקומען צו אן אײַנגעפאלענעם קויבען פון אן אָפּגעברענט הויז, ציגל — וויפל דאָס האַרץ גלוסט. ער נעמט ווארפן די ציגל מיט א שנעלקײַט און לײַכטקײַט, ווי ניס. די קונדייסים לאָזן אים אָבער נישט אָפּ, דער ציגל פליט נאָך אין דער לופט, און כעוורע דערזעט שוין, ווו ער וועט פאלן, און בייגט זיך אוועק. א האָגל שטיינער פאלט פון זייער זײַט. די

לופט סווישטשעט און קרעכצט פון די לויפנדיקע שטיינער, און דער געלער פאלט אנידער צעבלוטיקט אף דער קופע ציגל.

כעוורע צעלויפט זיך באלד אין אלע זײַטן, און דער געלער בלײַבט ליגן, דאָס פּאָנעם — באשפריצט מיט בלוט. ער ווארפט זיך ווי א שלאנג, בײַסט די פינגער פאר ברענענדיקן צאָרן... צום סאָף ווערט ער מיד און שלאָפט אײַן.

ארום איז שטיל. דער גאנצער פלאץ איז באוואָרפן מיט שטיי־נער, און דער האלב־אײַנגעפאלענער קוימען קוקט ווײַט־ווײַט ארויס אף דעם גרינעם פעלד מיט די זאנגען, וואָס שאָקלען זיך. די זון שײַנט אף דעם געלנס קאָפּ, וואָס איז באפלעקט מיט בלוט, און ער ליגט און שנאָרכט. נישט ווײַט פונדאנען הערן זיך די קלאנגען פון א קוזשנע, און די קוילעס ווערן פארשטומט אונטערן ווײַסן, ברייטן, בלאָען הימל.

פארנאכט, אז די זון האָט זיך שוין געזעצט, האָט זיך דער געלער ערשט אופגעכאפּט און געגאנגען צוריק צו יענעם וועג, וואָס פירט צום בייסוילעם.

שפּעט באנאכט איז דער געלער אהיימגעקומען, באַם קליינעם הײַזל ליגט כעוורע און שלאָפט. אפן בייסוילעם הערשט א שטיל־קײַט, מע הערט נאָר דאָס גערויש פון די ביימער און דאָס שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע. פינצטער איז. דער געלער ווארפט אראָפּ פון זיך די קאפּאָטע און שטופּט זיך ארײַן צווישן כעוורע. איצט איז שטיל, אלץ שלאָפט.

קעגן מיטן נאכט איז די לעוואָנע אופגעגאנגען, פּאמעלעך־פּאמעלעך האָט זי זיך ארויסגערוקט איבער די שפּיצן פון די ביי־מער. פארטראכט קוקט זי אפן בייסאלמען, ווו די ביימער שטייען אײַנגעהילט אין דער פינצטערניש, און באגיסט מיט א בלייכער שײַן די וואנט פון דעם הײַזל, ווו כעוורע ליגן צעלייגט אף דער ערד. פון איין זײַט ליגט דאָס ייִנגל מיט דעם שווארצן, מאָגערן פּאָנעם, פון דער אנדערער זײַט — די ייִדענע מיטן קינד, ווײַטער — קריינדעלע, דעם קאָפּ אין א טיכל אײַנגעוויקלט... אָט האָט זיך דער געלער א ריר געגעבן. ער עפנט די אויגן און הייבט אוף

דעם קאָפּ, ער קראַצט זיך מיט ביידע הענט זײַן באָרד און רעדט צו זיך: „קריינדעלע שלאָפט, שלאָפט". ער רוקט זיך צו צו איר און רירט זי אָן מיט דער האַנט באַם לײַב... קריינדעלע עפנט אויף די אויגן דערשראָקן און רוקט זיך אָפּ ציטערנדיק... דער געלער וויל זיך נאָכרוקן נאָך איר, נאָר האַלט זיך צוריק און וואַרפט אַ בליק אויפן שוואַרצנס באָרד. דער שוואַרצער מאַכט עפּעס אַ באַוועגונג, לייגט ער צוריק דעם קאָפּ און מאַכט זיך שלאָפן. קריינדעלע דערהייבט דעם קאָפּ און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן. באַלד דערהייבט זי זיך און אַנטלויפט צווישן די ביימער. — דער געלער קוקט איר נאָך. ער הייבט זיך שטיל אויף, לאָזט דערווײַל נישט אַראָפּ קיין אויג פון שוואַרצן און גייט אויף די שפּיץ פינגער צו קריינדעלען. ער גייט אַרײַן אין „אויהעל" און געפינט זי דאָרט.

— אַרויסגעגאַנוועט זיך, קריינדעלע, אַזוי? אַרויסגעגאַנוועט זיך"? — זאָגט ער און וואַרפט זי אַנידער אויפן קייווער פון „אויהעל".

דער געלער באַמערקט גאָרנישט, אַז אין דער טיר שטייט שוין דער שוואַרצער הינטער זײַנע פּלייצעס. מיט אַ דערשטיקט ברומען וואַרפט ער זיך אויפן געלן און כאַפּט אים אָן מיט ביידע הענט באַם האַלדז. דער געלער וואַרפט זיך, רײַסט זיך, אַז ער ליגט שוין אויף דער ערד מיטן פּאָנעם אַרויף. ער זוכט צו בײַסן מיט די ציין דעם שוואַרצנס האַנט. נאָך אַ מינוט, בלײַבט ער ליגן אָן אַ ריר, נאָר די פינגער זײַנע גראָבן זיך און קראַמפּן אײַן אין דער ערד, די פיס ציטערן...

דערווײַל איז שוין קריינדעלע אַרויסגעלאָפן פון „אויהעל". דער שוואַרצער לאָזט אָפּ דעם געלן און לויפט איר נאָך.

— שטיי! — שרײַט ער, און דאָס ווידערקאָל ענטפערט אָפּ פון די ביימער.

זי איז געבליבן זיצן אויף אַ קייווער, ווי אַ דערשלאָגן הינדל, וואָס נעמט צוזאַמען די פליגלען און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דער שוואַרצער גייט צו:

— אַנטלויפן? נישט אַנטלויפן — הערסט? קיינמאָל נישט אַנטלויפן.

פון צווישן די צווײַגן פאלט א בינטל שטראלן פון דער לעוואָנע און באלײַכט די מאצייווע מיט די גרויסע לאנגע אויסיעס: „הגאון אב״ד דק״ק״...*) און צוויי קעפּ, — א יארמעלקע מיט א טיכל — אפן בערגל גראָז, ארומהאלטנדיק זיך אין די נאקעטע אָרעמס.

זונטיק נאָכמיטאָג. אן אָפענע, פרײַע וועלט פון אלע זײַטן. איבער דעם בייסאלמען ליגט אויסגעשפּרייט דער הימל ווײַט ארום. די זון שײַנט העל, דער ברייטער זאמדיקער וועג בלישטשעט. א לײַכטער ווינט דערהייבט אביסל שטויב... פאורן הײַזל שטייט ווידער דאָס בײַדל, כעוורע מאכן זיך גרייט אין וועג ארײַן. פויערים און פויערטעס גייען צוריק אין די דערפער ארײַן פון שטאָט. די רויטע פענימער אין די רויטע טיכלעך אף די קעפּ פינקלען קעגן דער זון; גראנאטענע היטלעך גלאנצן אראָפּ פון פריילעכע פענימער, און די אַלטע מענטשן גייען, רעדן און לאכן, אופגערוימט, פריילעך. פונדערווײַטן קוקט זיי נאָך דער שפּיץ פון קירכע און ווינקט צו זיי לוסטיק. אָט טראָגט א פויער א פּאָר נײַע שטיוול אפן אקסל, א צווייטער — א פּאָר הויזן און א וועסט, און א דריטער האלט א פּײַפל אין מויל און פּײַפט־צו לעבעדיק צום טאקט פון גיין...

— זעט, ברידער! וואָס מע באקומט אין שטאָט פאר פיר גראָשן... אין שטאָט באקומט מען אלץ, נו, אדערעבע, זאָל עמעץ פון אײַך פּרובירן צו מאכן אזא פּײַפל! קײַלעכיק, הויל, לעכעלעך — אלץ איז דאָ...

עס קומען אָן אנדערע צוויי פויערים, זיי זײַנעןביידע שיקער און האלטן זיך ארומגעארעמט און וואקלען זיך צוזאמען.

— זעסט, אָט דאָ דאָס בײַדל?

— כ׳זע.

— ווער זײַנען די ציגײַנער דאָ? אָט איז דער מיט דער שווארצער באָרד, זעסט?

— דאָס זײַנען ייִדן, נישט ציגײַנער...

---

*) ראָוו פון דער שטאָט...

— א פּעלץ פּעלט מיר. אפן פלויט געהאנגען...

— ווו וועסטו גיין? פּאַרפּאַלן, ברודער.

כעוורע האָט שוין איַינגעפּאַקט אלץ אפן וואָגן, שטייען שוין גרייט איַינצוועצן, נאָר זיי וואַרטן נאָך אף קריינדעלען. נאָר אָט קומט אָן דאָס אייגענע ייִנגל און זאָגט, אז ער האָט נישט געקאָנט געפינען קריינדעלען. די עלטערע ייִדענע דערציילט, אז זי האָט געזעען קריינדעלען אינדערפרי גיין אין שטאָט אריַין. דער שוואַרצער נעמט אָן דעם געלן פאַרן אַרבל און גייען צעטראָגן ארוף אפן בייסוילעם.

באַלד קומען זיי צוריק, רעדן צווישן זיך קיין וואָרט נישט, נאָר די אויגן זייערע בלישטשען און זיי קוקן איינער אפן אנ־דערן צעמישט און בייז.

— קום! — שרייַט דער שוואַרצער.

— קום! — ברומט צו דער געלער און לויפט דער ערשטער, דער שוואַרצער — נאָך אים, ביידע לויפן אין שטאָט אריַין צעהיצט און צעמישט.

זיי לאָזן זיך איבער דער שטאָט, לויפן אויס אלע גאַסן און זוכן אין אלע באַהאַלטענע ווינקעלעך, אין מיקווע—נישט געפונען. זיי לויפן אין דער וויַיבער־שול אריַין, זיי זוכן, קלאַפּן, דרייען אום אלע בענק און אמודים, פּלוצלינג דערזעט דער געלער — אין ווינקל רירט זיך עפּעס די קופּע „שיימעס", טאַפּט — קריינדעלע! ער כאַפּט זי אָן פאַרן אָרעם מיט א געשריי. זי ציטערט אינ־גאַנצן, הייבט אוף דעם קאָפּ און קוקט אים אָן מיט א בליק פון א הון, ווען דער שויכעט פליקט די פעדערן איר פון האַלדז.

דער שוואַרצער שפּרינגט אויך צו, זיַינע אויגן בליצן פאַר פּלוצלינגער פרייד.

— דו ביסט דאָס קריינדעלע? דו? אנטלויפן?

ביידע נעמען זי אָן, דערהייבן זי אין דער לופט און לויפן מיט איר ארויס אף דער גאַס.

— ייִדן, געוואַלד! ראַטעוועט, ייִדן! — הייבט זי אָן צו שריַיען. מע קומט זיך צונויפלויפן פון אלע זיַיטן, מענער, וויַיבער און קינדער. עס ווערט א רעדל ארום זיי.

— ראַטעוועט! — שריַיט זי. — ראַטעוועט א זינדיקע נעשאָמע...

דער אוילעם וויל זי ארויסצי̤ען פון זייערע הענט, נאָר דער שווארצער לאָזט נישט, ער שלאָגט, סאָפּעט און ברומט, ווי א ווילדער אָקס.

דער אוילעם ווערט וואָס אמאָל גרעסער, ביז צום סאָף שלאָגן זיי אָפּ קריינדעלען פון זייערע הענט.

— מײַן ווײַב! — שרײַט דער שווארצער און פאר קאס צע־רײַסט ער מיט די ציין זײַן היטל, — מײַן ווײַב — מײַנע...

— ניין, יי̤דן, יי̤דן, — בעט זי זיך, — ניין, גלאט אזוי א זינ־דיקע נעשאָמע...

— א קסובע האָסטו? — פרעגט איינער פון דעם רעדל.

— איך האָב נישט, איך האָב נישט, — קריצט ער מיט די ציין, — מײַן ווײַב, מײַנע.

— גיי פונוואנען דו ביסט געקומען, — שרײַען עטלעכע פון די פארזאמלטע.

— מײַן ווײַב! מײַן ווײַב!

— א פאספאָרט האָסטו? — פאלט איינער ארײַן אינמיטן.

דער שווארצער ווערט פלוצלינג אנשוויגן, דער געלער זוכט זיך א לויז אָרט צו אנטקומען.

— רופט א סטראזשניק, א סטראזשניק! — שרײַט מען פון אלע זײַטן.

דער געלער נעמט לויפן, דער שווארצער — נאָך אים, און ביידע ווערן פארשווונדן אפן וועג, וואָס פירט צום בייסאלמען.

פון דעמאָלט אָן האלט זיך קריינדעלע דאָ אוף. יאָרן קומען, יאָרן גייען, קריינדעלע ווערט עלטער און איז צופרידן פון איר לעבן און פון איר ווינקל אין דער ווײַבער־שול. א שאבעס, אָדער א יאָנטעוו, ווען עס קומען אסאך אויסגעפּוצטע ווײַבער, ווײַזט זי זיך נישט, נאָר אינדערוואָכן, אז קיינער איז נישטאָ, זיצט זי זיך אף א באנק אין א ווינקל, אָנגעטון דאָס אלטע טיכל אפן קאָפּ, זומער ווי ווינטער... טיילמאָל הייבט זי זיך אוף פון אָרט, גייט ארום צווישן די שטענדערס און גייט צוריק אין איר ווינקל ארײַן און זיצט. גאנץ אָפט שטייט זי שאָענווײַז באם פענצטערל פון דער ווײַבער־שול און קוקט אראָפּ אין בעסמעדרעש צום אָרנקוידעש.

אמאָל מיטאָג־צײַט נעמט זי כײלעוונע ליכט, צעשטעלט זײ אױף אַלע שטענדערס, צו עטלעכע אױף יעדן, און צינדט זײ אָן. זי נעמט ארױס דאָס פּעקל מיט טאכריכים, װאָס זי האָט זיך צוגעגרײט, טוט זײ אָן און שטײט אַזױ צװישן ברענענדיקע ליכט, װי א װײַס מארמאָר־בילד.

כעװרע קלײנװארג לאָבעסעװעט ארום אין בעסמעדרעש און דערזעען קרײנדעלען אין איר װײַסן אָנטועכץ. אלע לױפן ארױס צוזאמען פון בעסמעדרעש אפן כאזער־מארק ארױס, דאָרט כאפּן זײ דעם װײַסן באָק, װאָס שטײט בא א קלאָץ און שײלט די שאָל. זײ נעמען אים אָן פאר די הערנער און פירן אים צו דער װײַבער־שול צו. דערנאָך נעמען זײ מיט געװאלד קרײנדעלען אין די טאכריכים און זעצן זי ארױף רײַטן אפן באָק. כעװרע פירט דעם באָק פאר די הערנער, אנדערע האלטן אונטער קרײנדעלען אפן באָק, זי זאָל זיצן גלײַך, און מע פױקט צו אין א בלעך מיט גװאלדן און געשרײען, פירנדיק קרײנדעלען איבער אלע גאסן.

טײלמאָל גײט קרײנדעלע ארױס פון דער װײַבער־שול, בײגט זיך אײַן אונטער די טרעפּ און נעמט אפּער א קריגל מיט א פּעקל שטריק און לאָזט זיך גײן אין גאס ארײַן. אין טיפן, בלאָען הימל שײַנט די זון און װינקט אראָפּ אױף די אױסגעטריקנטע דעכער פון די נידעריקע הײַזער. אין עטלעכע הײַזער שטײען די לאָדן האלב אָפן און זעען אױס אַזױ װי פארכאלעשט פאר היץ. די, װאָס שטײען אין שאָטן, קוקן דורך די אָפענע פענצטער אױף דער ברײטער, װײַטער װעלט ארױס. פון אײן אָפן פענצטער זעט מען א ייִד, װאָס שאָקלט זיך, מיט א בלאס פּאָנעם, מיט א יארמעלקע אפן קאָפּ, רעכטס און לינקס זעט מען אָפּגעברענטע פּענימלעך פון קינדער, װאָס שאָקלען זיך מיט. און אין לופט ציטערן קינ־דישע קעלעכלעך: כי — װען, תשא—װעסט ענטפאנגען, את... אױף אן ערשטן שטאָק זעט מען א געזיכט פון א מײדל און עס הערט זיך דאָס רודערן פון א נײ־מאשין, מיט א זינגעדיק קאָל:

„אז דו װעסט קומען אױף א „זשערב" אהײם —
א טאָמער װעסטו מיך נישט װעלן...
לאָמיר בײדע קײן אמעריקע
װעל' מיר דאָרטן א כופּע שטעלן".

ווײַטער אביסל אונטער א פענצטער זיצט א הון און גריבלט זיך אין דער ערד, ארײַנגראָבנדיק דעם בויך אין דעם זאמד... א האָן לויפט צו איר צו מיט אײַלעניש, לויפט ארום איר, מיט אן אראָפּגעלאָזטן פליגל שארנדיק אָן דער ערד. בא א וואנט ליגט אן אָפּגעשניטענער, פרישער קלאָץ פון וואלד, און די זון היצט אים, צעלאָזט די זשיוויצע אף אים, און ער זעט אויס, ווי א ראָשע, וואָס ווערט געבראָטן נאָכן טויט אין גענעם. דערנאָך גייט דער מארק אָנגעשטעלט אינגאנצן מיט פויערשע וועגן, אונ־טער זיי ליגן גויִים אין שטרויענע קאפעליושן. קרײנדעלע גייט דורך מיט דעם קריגל אין דער האנט, קומט צו דער ברונע אינ־מיטן מארק און שעפּט אָן א קריגל וואסער. פּאמעלעך, מיט דעם טיכל אפן קאָפּ, גייט זי צו צו די זיצערקעס, וואָס זיצן אין מארק, און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, דערלאנגט זי יעדערער דאָס קריגל. די ווײַבער טרינקען, בענטשן זי מיט גאניידן, און קרײנדעלעס אויגן לײַכטן פאר גליק.

אז דאָס קריגל ווערט לער, גייט זי נאָכאמאָל צו דער ברונע.

ווײַסע כעווראניקעס לויפן איר נאָך, בא דער ברונע ווילן זיי איר צונעמען דאָס קריגל אָנצושעפּן וואסער, נאָר זי וויל נישט געבן. איינער רײַסט איר אראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ, אן אנדערער נעמט אָן דעם קריגל פארן הענטל, ביז דאָס קליינע קריגל פּלאצט און די שארבנס צעפליִען אף דער ערד. קרײנדעלע פּראָטעסטירט נישט, זי שטרעקט נאָר אויס איר שווארצן דינעם האלדז, שאָקלט אביסל מיטן קליינעם קאָפּ און לאָזט ארויס א מאָדנע געשריי, ווי פון א קראָ. כעווורע צעלויפט זיך, און קרײנדעלע בלײַבט שטיין און קוקט שטום אף די שארבנס. דערנאָך גייט זי אוועק מיטן שטריק אין דער האנט.

זי גייט ארײַן אין א געוועלב, די קרעמערן לייגט איר אַני־דער אפן בופעט א שטיקל צוקער, קרײנדעלע נעמט נישט און רירט זיך נישט פון אָרט.

— פארוואָס נעמסטו נישט, קרײנדעלע? — פרעגט די קרע־מערן און שמייכלט צו א צווייטער ייִדענע, וואָס שטייט אין געוועלב.

— א גראָשן... — זאָגט קרײנדעלע.

— א צאָרע אף אלע מײַנע סאָנים...— נאָר גראָשנס, וואָס טויג די גראָשנס?

— א סײפער שרײַבן... א זינדיקע נעשאָמע...— ענטפערט ווידער קרײנדעלע.

— מע ווייסט שוין — א „סייפער" שרײַבן, — בייזערט זיך די קרעמערן און קוקט אף דער צווייטער ייִדענע. — שטענדיק דאָס אייגענע — א סייפער שרײַבן, אבי אויסצונאַרן גראָשנס.

— מע קען נישט וויסן, — זאָגט די צווייטע ייִדענע, — א ייִדישע קישקע קען מען נישט אָפּשאצן.

די קרעמערן גיט איר א גראָשן. און קוקנדיק אף דער ייִדענע, זאָגט זי:

— אנדערש קען מען פון איר נישט פּאָטער ווערן.

קרײנדעלע גייט פונדאנען אין אן אנדערער שטוב. אין קיך שטייט א מיידל מיט ארופגעשארצטע ארבל און שווענקט דאָס געפעס. די טיר עפנט זיך, און צוויי ווײַבער אין לײַכטע, שיינע טיכלעך אף די קעפּ קומען אנקעגן פון דער ווײַטערער שטוב. אין איין האנט האלט איינע פון זיי א רויט טיכל. זיי קוקן נאָך אף הינטערווײַלעכס צוריק אין שטוב ארײַן, ווי אין דער אָפענער טיר שטייט די באלעבאָסטע, סאָרעלע, און זיי ווינטשן איר צניִעס־דיק: א גוטן טאָג, סאָרעלע, האלוואַי דו זאָלסט שטענדיק קענען געבן מיט דער פולער האנט.

— א גוט יאָר, — ענטפערט סאָרעלע, שטייענדיק אין דער טיר פון דער צווייטער שטוב. זי דערזעט קרײנדעלען און ווארט ביז די צוויי ווײַבער וועלן ארויסגיין. דעמאָלט רופט זי זי ארײַן צו זיך.

— נו, וואָס, קרײנדעלע? האָסט עפּעס געוואָלט?

אָנשטאָט אן ענטפער נעמט קרײנדעלע ארויס דאָס קניפּל פון בוזעם און דערלאנגט עס איר. סאָרעלע נעמט דאָס קניפּל, בינדט עס אוף און צעשפּרייט אפן טיש. קרײנדעלע שטייט שטום, סאָרעלע ציילט... דערנאָך בײַט זי איר אויס די קאָפּיקעס און גראָשנס אף זילבערנע מאטבייעס און לייגט זיי צוזאמען מיט דעם איבעריקן זילבער־געלט, בינדט עס צונויף, גיט צוריק קרײנדעלען. זי לייגט עס צוריק אין בוזעם.

— האָסט קיין העמד נישט אפן לײַב? — פרעגט סאָרעלע, זעענדיק דאָס נאקעטע לײַב, וואָס זעט זיך ארויס.

— יאָ, א העמד... רוקט קריינדעלע ארויס א מין אלטע שמאטע.

— און מער האָסטו נישט קיין וועש?

— געהאַט, איין וועש די ייִנגלעך צעריסן, און נאָך איין וועש — דאָ...

סאָרעלע גייט־צו צו דער קאָמאָדע, נעמט ארויס א ווײַס, ריין העמד און גיט איר...

— לאנג לעבן, לאנג לעבן, — בענטשט קריינדעלע און גייט ארויס.

און אָט גייט קריינדעלע ארײַן אין א שטוב אין עק שטאָט, צו עפראַיִמלען, וואָס קויפט טיילכאָל א זעקל טווע אפן מארק. זײַן ווײַב גיט איר א טעלערל איבערגעשטאנען געקעכץ, נאָך פון נעכטן, און קריינדעלע שטייט אין א ווינקל און עסט מיט א שטיקל דאר ברויט, וואָס זי האָט מיטגעבראכט. דערווײַל קומט אָן עפראַיִם פון גאס.

— זעסט, מאשע... — שמייכלט ער, קוקנדיק דאָ אף זײַן ווײַב, דאָ אף קריינדעלען, — זי איז דאָך א גאסט בא אונדז.

— יאָ, יאָ, א גאסט, איך האָב איר געגעבן אביסל געקעכץ, און ברויט האָט זי געהאַט אירס.

— א מיצווע געטון, ווי א שיקערן גוי אונטערגעפירט... — זאָגט ער, צוגייענדיק צום טיש, וואָס שטייט באַם פענצטער צווישן די בעטן, — אזוי לעבט זי ווי א בעהיימע.

— עפראַיִם, דו ווייסט? זי לאָזט דאָך שרײַבן א סייפער.

— המ... פארוואָס נישט? דאָ א שטיקל ברויט, דאָרט געקעכץ, אזוי קען זי אָנזאמלען א שפּאָר ביסל געלט.

קריינדעלע שטייט אין ווינקל, האָרכט וואָס זיי רעדן און קוקט אף מאשען.

— נו, און וואָס האָסטו עפּעס געהאנדלט אין גאס? — פרעגט מאשע איר מאן.

— וואָס קען מען אופטון? קענסט נישט פּיאָטר קזשיזשינס־קעלע? ער לאָזט נישט רעדן צו זיך...

מאשע זעצט זיך באַם טיש אָנגעלענט מיט דער האַנט אויפן בעט.

זי איז אַ הויכע, דאַרע ייִדענע, אַ שוואַרץ געזיכט, טריבע, בלאָע אויגן און אַ שאַרפע נאָז, ברייטע, דינע ליפּן, פון וועלכע עס קוקן אַרויס צוויי גרויסע פאָדערשטע ציין. די שאַטקענע קאָפּקע אויפן קאָפּ גיט איר צו אַ באַזונדערן כיין.

זי זיצט און באַטראַכט איר מאַן, וואָס זיצט אַנקעגן איר אויף אַ בענקל. ער קוקט דורכן פענצטער אויפן שטיקל פלאַץ, ווו ער האָט אָפּגעלייגט אַביסל געהילץ צום בויען, און ער בייסט זיך די נעגל פאַר קרענקונג.

מאַן און ווייַב שווייַגן. די זון קוקט אַרייַן דורכן פענצטער און די שייַן ליגט אויפן טיש צווישן זיי. די שייַן לאָזט זיך דער־נאָך אַראָפּ אויף דער ערד און דערגרייכט אַזש ביז צו קריינדעלעס פאַרבלאָטעטע שיך. אויף דער פאָדלאָגע אינמיטן שטוב זיצט אַ קינד מיט בלאָנדע האָר. מיט פאַרטראַכטע אויגן קוקט דאָס קינד אויף די טויזנטער שטויבן און פעדימלעך, וואָס לויפן אַרום אין דעם פּאַס ליכט.

מאשע שווייַגט און קוקט אויפן מאַן מיט אויגן פון נע־קאָמע: „זאָל ער וויסן, ווי צו געבן געלט פאָרויס״ — טראַכט זי.

ער זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, טיף פאַרטראַכט. ער בייַסט די נעגל, באַטראַכט די צוויי געלע פלעקן אויף די ערשטע צוויי פינגער בא די שפּיצן נעגל פון פּאַפּיראָסן רויכערן אָן מונדשטוקן און זיפצט שטיל: פאַר זיך פאַרגינט מען נישט קיין גראָשן, און פאַרן טייַוול איז שטענדיק דאָ.

זייַן בליק פאַלט אויף קריינדעלען, זי קייַעט אַלץ נאָך דאָס טרוקענע ברויט.

„וואָס פעלט אַזאַ באַשעפעניש? וואָס האָט זי צו זאָרגן? אָנשנאָרערן אַזויפיל געלט! אַ סייפער שרייַבט עס! ווער ווייסט, וויפל געלט זי האָט!״

— מאשע, — ווענדעט ער זיך פּלוצלינג צום ווייַב, — פרעג נאָר קריינדעלען, ווו זי נעכטיקט.

מאשע קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט. און קריינדעלע קוקט אָן זיי ביידע, דערהערנדיק איר נאָמען.

— וואָס האָב איך זי צו פרעגן? די ווײַבער־שול איז נישט פארשלאָסן.

— דו מיינסט, אז אף אזא נעשאָמע דארף מען נישט ראכ־מאָנעס האָבן? פאָרט גאָטס באַשעפעניש.

— ראכמאָנעס? — ווונדערט זיך מאשע נאָך מער און קוקט אַף אים, גלײַך ווי ער וואָלט עפּעס אן אנדער מענטש געוואָרן.

— וואָס קוקסטו אזוי, נארישע ייִדענע!.. מיסטאָמע אז איך זאָג ראכמאָנעס, איז ראכמאָנעס.

— מיילע, זאָל אזוי זײַן. וואָס גייט דאָס מיך אָן.

— אוואדע גאָרנישט! און דו מיינסט, מע וועט האָבן אן אויירע, אז מע וועט איר געבן צו נעכטיקן בא אונדז?

— פארוואָס אן אויירע? — זאָגט מאשע און לאָזט אראָפּ די אויגן — „ער איז מעשוגע געוואָרן...“ — טראכט זי — עפּעס צום גוטן זאָל עס מיר זײַן...“

— וויסטער־זשע וואָס איך וועל דיר זאָגן? זאָג איר, זי זאָל הײַנט קומען נעכטיקן צו אונדז.

מאשע הייבט זיך אוף, גייט־צו צו קריינדעלען און זאָגט איר דאָס — זי ווײַזט איר אָן אן אָרט אונטערן אריון, ווו צו שלאָפן.

קריינדעלע גייט באלד ארויס. דערנאָך נעמט עפראִים טײַנען מיט זײַן ווײַב:

— צי קען א ווײַב וויסן, ווי דעם מאנס קאָפּ פלאצט פאר זאָרג!

— און וואָס קען איך דיר העלפן, איך זאָל יאָ וויסן?

— אויב דו זאָלסט וויסן, אויב דו זאָלסט וויסן, זאָגסטו? איך מיין, דו ווייסט נישט. עס ארט דאָך דיך גאָרנישט — זאָגט ער און נעמט אָן דעם שפּיץ פון זײַן געל בערדל מיט די פינ־גער. — הער־זשע, מאשע, הער... אזויפיל געלט איז ארײַנגעלייגט געוואָרן אין דעם פלאץ... נאָך מער געצאָלט פאר האָלץ. איצט, וואָס וועט איצט זײַן דער טאכלעס? די שכיינים וועלן נאָר דאָ אָנגווארפן מיסט, און דאָס האָלץ וועט פארפוילט ווערן פון רעגן, און קיין שטוב וועט נישט זײַן...

— וואָס־זשע קלערסטו צו טון?

— דאָס פרעג איך דאָך דיך.

— מיך? דו זאָגסט דאָך, אז איך בין א נארישע ייִדענע.

— דאָך...

— ווייס איך? עפשער ווילסטו צוריקנעמען פון יאלאָווער פּאָרעץ די פינף הונדערט רובל?

— אזוי, אזוי? — זאָגט ער מיט א צופרידן שמייכעלע. — א גוטע אייצע געגעבן. און פארוואָס, מיינסטו, וועט ער מיך דאָס האלטן פאר זײַן סויכער. איך האָב אים א שיינע דראָשע גע־דארשנט? ער האָט אזא גרויסע זאָרג מיט זײַן טוווע? ער האָט נישט וועמען צו פארקויפן? הא?

— אזוי, אזוי, פרעג מיך ווידער נישט קיין אייצעס, — בייזערט זיך מאשע.

ביידע שווײַגן און קוקן ארויס דורכן פענצטער. דער בלינדער פײַטל טאפּט מיטן שטעקן בא דער וואנט פון זייער שטוב, — „ער שלעפּט זיך שוין צו דער טיר פון פּאָדערהויז...״

עפראַים קוקט אָן זײַן ווײַב, זי שפּרינגט־צו צו דער טיר און לייגט ארוף אף איר דעם קייטל. באלד דערהערט זיך א טאפּן אָן דער טיר, א רודערן בא דער קליאמקע, נאָר דאָס ווערט באלד פארשטומט, ווי דאָס שאָרכן פון א מײַזל...

דערנאָך גייט עפראַים ארויס אף דער גאס. ער טרעפט אן אלטן פויער א באקאנטן און רעדט מיט אים וועגן טוווע, וויפל בא דעם פּאָרעץ געפינט זיך האָבער, ווייץ. אָפּגעפּ־עגט, גייט ער זיך ווײַטער בעניִמעסדיק, מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם, ווי איינער וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק. אז ער דערזעט א פויערישע פור, גייט ער צו מיט פאמעלעכע טריט און באטאפּט די זעק. און טוענדיק אין האנדל, פארגעסט ער דערווײַל צו עסן, צו טרינקען און איז יויצע מיט א פאפּיראָס אף א גאנצן טאָג.

פארנאכט, אז ביידע ייִנגלעך קומען פון כיידער, נעמט מאשע אפּער א פּלאכטע פון אונטערן איויון און גייט ארויס פון שטוב, איבערלאָזנדיק די קינדער אכטונג צו געבן אפן ביסל „פּארמעגן״.

אין א פערטל שאָ אַרום קומט זי צוריק מיט א פולע פלאַכטע שפענער אַף די פּלייצעס. זי וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם פּאַק אינמיטן שטוב, בינדט אים אויף און נעמט מאַכן פייער. די קינדער לויפן דערווײַל אַרויס אין דרויסן. די שפענער פלאַקערן, קנאַקן, פונקען שפּרינגען, באַלד איז דאָס געקעכץ פאַרטיק. זי רופט אַף דער שוועל פון דער אָפענער טיר:

— כאַימל, דאָווידל! — — —

— וואָס, מאַמע, וואָס? — לויפן די קינדער צו.

— נאַכט־עסן!

די קינדערישע אויגן לײַכטן פאַר פרייד. זי שטעלט זיי אַנידער אַפן טיש צוויי קליינע שיסעלעך. די קינדער עסן אָפּ. און די מוטער לייגט זיי שלאָפן.

קריינדעלע קומט אַרײַן.

— עס זעט אויס, זי האַלט וואָרט... — ברומט מאַשע אונטער דער נאָז און גיט קריינדעלען א שיסעלע שיטערס*).

ע:ראַים קומט אויך. דערזעענדיק קריינדעלען, לאָזט ער אַראָפּ די אויגן אַף זײַן געל, קליין בערדעלע. ווער ווייסט פאַרוואָס.

מאַן און ווײַב זעצן זיך באַם טיש עסן. קריינדעלע קריכט אַרונטער אונטערן אויוון.

אין שטוב הערשט אַ שטילקײַט. עס הערט זיך דאָס לײַכטע עטעמען פון די קינדער און א שטיל געמויש פון אונטערן אויוון. זיי זיצן ביידע שטום, ווי פאַרטראַכט. דאָס לעמפּל, וואָס הענגט אַף דער וואַנט, וואַרפט א טונקל־רויטע שײַן אַף די קינדערישע שלאָפנדיקע פּנימער, אַף מאַן און ווײַב און אַף אַלץ אין שטוב, און אַלץ צוזאַמען מיט דעם פלעמל פון לעמפּל גיסט זיך צונויף אין איין שטילן סאָד. פון אונטערן אויוון דערהערן זיך שטילע צוריקגעהאַלטענע קלאַנגען, אַזוי ווי מע וואָלט געציילט זילבערנע מאַטבייעס... די בליקן פון מאַן און ווײַב טרעפן זיך... און ער לאָזט די אויגן צוריק אַראָפּ און ציט מיט איין האַנט זײַן קליין בערדל. זי דערקענט עפּעס א באַהאַלטענעם סאָד אין זײַנע אַראָפּגעלאָזטע אויגן און נאָך מער — אין דעם צופּן באַם בערדל. זי דערמאָנט זיך פלוצלינג זײַנע רייד פון באַטאָג...

*) פּאָלעווקע.

ער הייבט זיך אויף און גייט ארויס צומאכן די לעדן. באלד קומט ער צוריק און לייגט זיך שלאָפן. מאשע דרייט זיך נאָך א ווײַלע ארום אין שטוב און לייגט אלץ אפן אָרט. — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צומאָרגנס איז קריינדעלע ארײַנגעגאנגען צו סאָרעלען, האָט איר ווי געוויינלעך איבערגעגעבן איר קניפל צום צולייגן דאָס נײַ־צונויפגעקליבענע און איבערציילן אינגאנצן. סאָרעלע האָט עס אופגעבונדן און אפן טיש זענען צעשיט געוואָרן שטיקלעך שערבעלעך און שטיקלעך גלאָז...

— זעט אויס, דו ביסט שוין טאקע מעשוגע געוואָרן, קריינ־דעלע, א גוט יאָר אף דיר... — בייזערט זיך סאָרעלע, אָנווײַזנדיק אף די שארבנס.

קריינדעלע קוקט צומישט אף סאָרעלען, אף די שארבנס. זי ציטערט. דאָס פּאָנעם איז איר געל, ווי א בלאט אין יעשען, זי לאָזט פלינק ארײַן די האנט אין קלייד ארײַן, טאפּט און נעמט ארויס מיט ציטעריקע הענט נאָך עפּעס א פארבונדן טיכל... זי בינדט עס אוף — פּאפּיר פון קארמעלקעס...

קריינדעלע נעמט ביטער ווײנען און גייט ארויס פון שטוב.

„הײַנט איז זי שוין בעעמעס מעשוגע געוואָרן" — רעדט סאָ־רעלע צו זיך.

און קריינדעלע לויפט איבער די גאסן מיט א געשריי, שווארץ ווי די ערד, און אירע הייזעריקע קוילעס ציטערן אין דער לופט... ווײַסע כעוורעניקעס רינגלען זי ארום, און צוזאמען מיט זיי לויפט זי צו עפראִימס הויז. זי פאלט אָן מיטביידע הענט אפן פענצטער, האקט אויס איין שויב נאָך דער אנדערער: „מײַן געלט! מײַן געלט!" — ציטערט איר הייזעריק געשריי.

עפראִים לויפט ארויס פון שטוב מיט א גראָבן שטריק אין דער האנט, און מיט א ווילדער רעציכע לאָזט ער דעם שטריק אראָפּ עטלעכע מאָל אף אירע דארע פלייצעס.

זי ליגט אף דער ערד און ווארפט זיך ווי א שלאנג.

ווײַסע כעוורעניקעס נעמען זי פאר די הענט און שלעפּן זי איבער דער גאס מיט א „הורא!"

הורא! הורא! — קלינגט עס אין דער גאנצער גאס. און דאָס לעבעדיקע באשעפעניש שלעפּט זיך נאָך אַף דער ערד, דער קאָפּ קלאפּט זיך אָפּ אָן די שטיינער. כעוורע שרייַט אַלץ „הורא" און באמערקט נישט, אז זי איז שוין לאנג שטיל געוואָרן.

מע האָט זי אָבער נאָך דערמינטערט, גוטע מענטשן האָבן געברענגט וואסער צו באנעצן איר די ליפּן... אָך, וואָס לאָבעסעס קענען! — ווונדערן זיך אַלע.

קריינדעלע עפנט די אויגן, קוקט צעמישט אַף די מענטשן ארום איר און ברומט מיט א שוואך קאָל: „מאמע... מאמע.. כ'גיי צווישן יידן..."

דער אוילעם ארום שיסט אויס מיט א געלעכטער און גייען יעדער אהיים.

פון יענער צייַט אָן האָט מען זי נאָך טיילמאָל געזעען אין א ווינקל, ווי א שאָטן. גאנץ אָפט פלעגט זי זיצן אונטער עפראַימס פענצטער, שווארץ, דאר און איַנגעשרומפּן, ווי א שטענגל פון א געוויקס צום סאָף זומער, ווען אפן פעלד איז א קאלט לופט און א דינער רעגן, וואָס מאכט פארגליווערט.

ס'איז שוין פארנאכט. זי זיצט אונטער עפראַימס פענצטער איינמאָל. די שויבן איבער איר צוקאָפּנס זעען אויס ווי באדעקט מיט פייַער. די זון גייט אונטער. אין גאנצן הימל ליגן צעשפרייט קליינע רויטע וואָלקנדלעך. אַף דער גאס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסציִען לאנגע שאָטנס פון די נידעריקע הייַזלעך. אַף דעם שפּיץ קירכע פינקלט דער קופּאָל, און א צעוויגט קלינגען האָט אָנגעפילט די לופט מיט א טרויעריק ברומען. קאלטבלוטיק קוקט די זון פון עק הימל אַף דעם שטראל־באלויכטן שטעטל און ווארפט א פארטראכטן, קאלטן בליק אַף קריינדעלען. קריינ־דעלע קוקט אַף דער זון מיט בענקשאפט און פארלאָשנקייַט אין אירע אויגן, ווי עס קוקט אן אלטער מאן אַף זייַן יונג בליִענדיק ווייַב אין לעצטן טאָג פון זייַן לעבן. ביידע, די זון און קריינדעלע, קוקן זיך שטום אָן, ביז די זון פארגייט אונטערן בארג.

די שוואַרצע נאַכט איז געקומען פּאַמעלעך און פאַרגליווערט דאָס שטעטל אין אַ טויטער שטילקייט, באַהאַלטנדיק קרייבּ־דעלען אונטער אירע שוואַרצע פליגל און איינגעזאַפּט אין זיך איר לעצטן אָטעם־הויך, וואָס איז געבליבן ציטערן אונטער עפראימס פענצטער.

א טאטע מיט באָנים

שלוימע דער גראָבער קאָפּ — אזוי האָט אים כאנע־לייע, זײַן ווײַב, א צונאָמען געגעבן. ווײַל פּרײַטיק פארנאכט, ווען ייִדן גייען אין שול ארײַן, נעמט ער מיט זײַנע צוויי באָנים ערשט דעם טאָפּ צימעס צווישן די פּיס ארײַן, און אלע דרײַ מיט די קעכער־לעפל אין די הענט און מיט רויטע דערהיצטע פּענימער, ווי די טערקן, רײַבן לעפל־אײַן און לעפל־אויס אין די „פּיסקעס" ארײַן, ביז עס בלײַבט קיין סאָריד־אופּאָליט נישט איבער פאר כאנע־לייעס וועגן אף שאבעס אינדערפרי, — אָט דער שלוימע דער „גראָבער קאָפּ" נעמט זיך זונטיק באגינען דאָס זעקל מיט דעם שטעקל אין האנט ארײַן, — ער האָט זיך די נעגל אפילע נישט אָפּגעגאָסן, — און מארש אין דאָרף ארײַן, ער מיט דעם ייִנגערן זון מוישעלע בריטאן, און דעם עלטערן, פּינכעסלען, האָט ער מוירע צו טשעפּען. ווי אן עמעסער „סאָלדאט" — די מוטער רופט אים טאקע „זעלנערטשיק" — ליגט ער זיך אויסגעלייגט אף זײַן טאפּטשאן פון לאָקשן־ברעטער אף שטולן מיט איבערגעקערטע מולטערס צוקאָפּנס און מאכט פול מיט זײַן כראָפּען דאָס קליינע שטיבל מיט די גרויע ווענט, ליגנדיק מיט די נאָזלעכער צום בעליק אָנגעשטעלט און מיט די נאקעטע עלנבויגן פארוואָרפן אונטערן קאָפּ.

— זאָל ער שלאָפן, דער יונג, — גיט שלוימע צום ייִנגערן זון א זאָג, אף די שפּיץ נעגל צולייגנדיק א פינגער צום מויל, ווי איינער רעדט: האָב אים א שווארץ יאָר, און לאָמיר זיך ארויסכאפּן און אנטלויפן אין דאָרף ארײַן, וועסטו האָבן דאָס „אָנרײַסעניש"...

און מע גאנוועט זיך שטיל מיט דעם זעקל אף די פלייצעס און מיט דעם שטעקל אונטערן אָרעם פון שטוב ארויס, אז כאנע־לייע

אין דעם ווײַסן שלאָף־קאָפּקעלע, וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן מיט קאָפּ אין קישן אַרײַן, הייבט גאָר נישט אָן צו הערן אפילע דעם סקריפּ פון דער טיר, ווען אירע צוויי פאַרנאָסע־געבעדרס שאַרן זיך אַרויס אין דרויסן.

אין שטוב ווערט שטיל. דער ווײַסלעכער טאָג לײַכט שוין דורכן פענצטער אַרײַן און ווײַסט דאָס שטיבל אויס. נאָר שלוימע מיט דעם זון זענען שוין אַצינד צוויי פרײַע פייגל.

— זעסט, טאַטע, — ווײַזט אים מוישעלע בריטאַן אַ ציקאַ־ליעטשעטן באָרוועסן פוס, הייבנדיק אים אין דער הייך און אונ־טערטאַנצנדיק דערוווײַל אַפן צווייטן, — זעסט, דאָס האָב איך מיר אָן אַ שטיין אָפּגעכמאַלעט... — ער ווײַזט אים אַ רויטע ווונד פון רויטפלייש אַף אַ שוואַרצן פאַרבלאָטיקטן פוס.

— אַ קאַפּאָרע פאַר אַ הונט! — ענטפערט אים דער טאַטע מיט אַ זײַטיקן קוק, — איך קען אַף אײַך מײַן קאָפּ נישט אַרופ־זעצן, יונגען זאָלן זיך טאָג און נאַכט אַרומיאָגן.

און מוישעלע בריטאַן פאַרשנירט זיך שטאַרקער די הויזן און מאַרשירט מיט דעם טאַטן גלײַך, פילנדיק, אַז נישט פּינכעסל, נאָר ער איז דעם טאַטנס רעכטע האַנט. אין דער וועסטל־קעשענע האָט ער אַ נאָדל־טעשל מיט נאָדלען, דאָס, וואָס געהערט צו אַ מיטהעלפער, צו אַ האַנט־יונג, און דער טאַטע האָט באַ זיך אין זעקל דאָס, וואָס געהערט צו אַ מײַסטער — אַ שלאַך אַ מאָס צו נעמען, אַ קויל ווײַס־ליים צום צייכענען און אַ שער צום שנײַדן.

און זײַן בען, מוישעלע בריטאַן, איז אים מעקאַנע, ער וועט נאָר כאַפּן דעם שניט פון טאַטן — וועט ער זיך אויפכאַפּן אין אַ זונטיק באַגינען און אַוועקלויפן אין דאָרף אַרײַן איינער אליין, אַזוי אַז מע זאָל נישט וויסן, ווו ער איז אַהינגעקומען; די מאַמע וועט אַרומלויפן, ווי פאַרסאַמט, און ברעכן די הענט: ווער ווייס, עפּשער איז איר זון דערטרונקען געוואָרן, אָדער עפּשער האָבן אים טײַוואָלים אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד און כאַסענע געמאַכט מיט אַ קאַלבֿ... עפּשער אַזוי... — און ער, מוישעלע בריטאַן, וועט זיך זיצן ערגעץ אין אַ דאָרף אַ גאַנצע וואָך, עסן געבראָטענע קאַרטאָפלעס מיט זויערמילך, און פרײַטיק פאַרנאַכט וועט ער ערשט געבן אַ קום צוריק אין שטעטל אַרײַן, — די ברענענדיקע

בענטשליכט וועלן שוין פון אלע פענצטער ארויסשייַנען און ווײַ־בער וועלן אים נאָכקוקן, וואָס פאר אן אײַנרייַסער (א פארדינער) פון א יונג, ער גייט א דערהיצטער פון וועג, א פארשטויבטער...— און דעמאָלט וועט ער געבן א קום אריַין צו זיַין מאמע כאנע־לייען, א וואָרף־אראָפּ דאָס זעקל פון זיך און געבן איר א גיב־אוועק א גאנץ פינפער־קערבל, אכוץ א „קאלענדע", וואָס ער האָט אין זעקל געבראכט: אָט־אָ דאָ האָסטו — נא, מאמע!...— וועט ער איר געבן א זאָג: — אָט־אָ דאָס האָב איך פארדינט, און אָט דאָס נא דיר!..

און ער שטעלט זיך פאָר, וואָס פאר א שאבעס עס וועט דע־מאָלט זייַן, ווי די מאמע וועט אים רוקן שיסלען, איינע נאָך דער אנדערער, און ער וועט זיך מאכן דעמאָלט פאר אן איידעלן, פאר א שטילן און א קליינעם עסער...

פאר גרויס פרייד גליִען בא מוישעלע בריטאַן די באקן און ער קוקט מיט גלאנץ אין די אויגן אפן זאמדיקן וועג ארויס, שוין ארויסקומענדיק מיט דעם פאָטער אפן בארג הינטער דער שטאָט. דאָס גרינע פעלד מיט דעם ווייַטן בלאָען וואלד שפרייטן זיך פאר זייערע אויגן אויס, ערגעץ אין דער ווייַטער וועלט אריַין.

מוישעלע קוקט, ווי אין מיזרעך־זייַט פאר זונען־אופגאנג שפילט דער הימל אין אלערליי פאסן, פייַער־רויטע און ברוין־רויטע, און ער בלאָזט אָן די באקן און פרעגט דעם טאטן, צי עס האָט נישט אמאָל געברענט די נאכט אין דאָרף, ווו זיי גייען ערשט?..

— גראָבער קאָפּ, — זאָגט דער פאָטער, — דו זעסט נישט, אז די זון גייט אוף?

און מוישעלע קוקט זיך נאָכאמאָל איַין אף יענער זייַט, זעט, ווי די זון שטייט טאקע אין לאנגן טכיילעסענעם וואָלקן־פאס ארונטער פארוקט און שייַנט אפער פונויבן מיט שפיצן ליכטיקייַט אין הימל אריַין, ווי מיט לאַנגע הערנער — און פארשטייט ערשט, אז דער טאטע איז גערעכט...

ער זעט, ווי פרי ס'איז נאָך... אין טיפן פעלד, ווייַט אין טאָל, שטייען א פּאָר אָקסן און א פויער מיט דעם העמד איבער די הויזן און א ברייטן שטרויענעם קאפעליוש אפן קאָפּ, און אף

אלץ ארום ליגט נאָך די נאכטיקע שטילקײַט, און א טונקעלע רויִקײַט רוט הינטערן ווײַטן, בלאָען וועלדל, — אזוי אז די אָקסן און דער פויער זעען דאָ אויס, ווי פארסוידעטע ארויסגעשטעלט אונטערן בלאָען הימל.

נאָר אין דער לופט קעגן דעם לאנגן בלאָען וואָלקן־פּאס, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט איבערן מיזרעך־ראנד צווישן הימל און ערד, דערהייבט זיך שוין אן איינציקער פויגל, הויך און גלײַך איבער איין אָרט, און דאָס שארפע מאָרגן־געשוויטשערײַ פון דעם קליינטשיקן באשעפעניש־ל, וואָס טונקט זיך מיט פלאטערדיקע פליגעלעך אוף און אָפּ אין דעם וואָלקן־פּאס — פילט אָן די לופט מיט א זיס געשפילערײַ, און א זיסקײַט צעגיסט זיך אין דעם מאָרגעדיקן ליכט, ביז דער פויגל קומט אלץ העכער און העכער, ווי א שווארץ פּינטעלע אין וואָלקן ארײַן, און דאָס פּישטשען זײַנס הערט זיך קאָם, ווי פון הינטער א ווײַטער וועלט אפער. און אָט הינטער יענער ווײַטער וועלט, ווו דער פויגל איז שוין איצט, וועט מוישעלע זײַן שפּעטער, ערשט אין צוויי שאָ ארום, ער מיט דעם טאטן זײַנעם. דער פויגל מוז שוין אוודע ארויס־זען, קוקנדיק פון דער הייך אראָפּ, יענע ווײַסע שטרויענע דעכלעך מיט די אָפּגעווײַסטע ווענט, מיט די איינציקע פענצ־טערלעך, וואָס קוקן אפן זאמדיקן וועג ארויס, — און ער, מוישעלע, וועט ערשט זײַן שפּעטער דאָרט.

ווי גוט וועט דאָס — טראכט ער — זײַן... דער טאטע וועט זיך שטעלן דאווענען אין פּאכטערס טאַלעס און טפילן, אין פּאכטערס שטוב בא דעם פענצטער, ער וועט זיך אויך שטעלן דאווענען, — און דער פּאכטער וועט דערנאָך געבן אָנבײַסן א שיסל צוואָרעך מיט א שטיק שווארצן „אָקריל״ — אז דער רויעך וועט עס נעמען.

נאָר דער טאטע שלאָגט אים איבער. און מיט א וויש פון זײַן ארבל אָן מוישעלעס, ווי ער וואָלט אים געוואָלט עפּעס א טשעפּע טון, גיט ער אים א פרעג:

— צי דו, מוישעלע, האָסט נישט געהערט: די מאמע האָט עפּעס געקרעכצט?..

— וואָס געקרעכצט? — פרעגט מוישעלע בריטאן, אָנקוקנדיק דעם טאטן מיט א האלב אָפן מויל און אופגעבלאָזענע ליפּן.

— צי זי האָט נישט געקרעכצט?...
— וואָס געקרעכצט?
— גיי, דו בעהיימע דו! — גיט דער פאָטער אים צוריק, ווי א וואָרף אָפּ פון זיך. און ווייַטער מיט א זײַטיקן קוק: — דו פאַר־שטייסט נישט, וואָס מע רעדט צו דיר?...

נאָר מוישעלע מאכט זיך גאָר נישט פארשטיין... ער ווייסט, אז דער אלטער מאכט נאָך א בריס, און די מאמע, כאנע־לייע, ריכט זיך א ליאדע טאָג ארויסוואַרפן נאָך א בען פון די געדע־רים ארויס... נאָר וואָס ארט דאָס אים? לאָז דער אלטער מיינען, אז ער פארשטייט זיך גאָרניט אף אזוינע געשעפטן...

און אזוי נארנדיק זיך איינער דעם אנדערן, הייבן ביידע די „לעפל", שטעלן וואָס אמאָל געשווינדערע פיס אין דאָרף אריַין.

— רודער־צו מיט אן אייוועך! — טײַנעט דער טאטע צום זון. — איך בין מיט א יאָר עלטער ווי דו — טײַנעט ער — און זע, באָרעכאשעם, ווי איך גיי!

און אזוי גייענדיק מאכט ער וואָס אמאָל גרעבערע שפרײַזן, שאָרכנדיק מיט די כאָליאוועס אָן די פאָלעס. און ווען ער שטעלט זיך אָפּ א מינוט אפן גראָז בא דער זײַט וועג און ווארפט נאָך די שטיוול אראָפּ פון זיך — דעמאָלט לויפט שוין מוישעלע אונטערטאנצנדיק א גאנצן וועג אף דעם צעקאליעטשעטן פוס — און קען אים דעם גאנצן וועג נישט דערכאפן, ביז זיי ווערן פארשווונדן ווײַט איבערן פעלד אוועק...

ערשט דעמאָלט כאפט זיך כאנע־לייע אוף פון שלאָף. דאָס ערשטע זעט זי, אביסל אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ פון געלעגער, אז דאָס צווייטע בעט איז שוין לאנג אויסגעליידיקט. און דער־נאָך, ווען זי גיט א קוק אין פענצטער אריַין און זי דערזעט, ווי הויך די זון שטייט שוין אין בלאָען הימל, שטעלט זיך איר פאָר דאָס פעלד מיט אירע צוויי פאַרנאָסע־געבער; זיי ביידע באָרוועס־טערהייט, די היטלען פארקאשערט איבער די שטערנס, די פעני־מער דעריאכמערט, און ער, דער אלטער, טראָגט די שטיוול אף דעם אקסל. זי גיט א קוק צום זון אפן געלעגער, ווי שנאָרכן ער

שנאָרכט מיט זײַן געזונט, רויט געזיכט, ווי די ליפּן בלאָזן און די נאָזלעכער הייבן זיך, עפּעס פּונקט ווי א גאנצע פּארע־מאשין וואָלט דאָ געארבעט — טראכט זי זיך: ריבוינעשעלוילעם, וואָס פאר א נעוווזאראדן האָסטו דאָס דאָ אָנגעשיקט אף מיר?... — נאָר אז זי דערזעט ווידער זײַנע צוויי פארמאכטע אויגן, טראכט זי שוין אביסל שטילער, אז ס'איז נאָך פאָרט גוט, וואָס דער ראָשע שלאָפט אמאָל... און דעמאָלט פילט זי ערשט, וואָס פאר א מעכײַע ס'איז פאר דער וועלט, ווען דער ראָשע שלאָפט.

וואָרעם פינכעסל טוט נישט מער ווי אזוי: פּאקט זיך איינדערפרי אָן צוויי קעשענעס מיט פּלעץ — און הײַדא ארויס אפן פלאץ צו א כעוורע יונגען, צו א כעוורע טויבן. אָדער ער גיט גאָר א כאפּ אינמיטן העלן טאָג א פערדל פון מארק אראָפּ, נישט קיין נאפקעמינע, ווער עס האָט עס אנידערגעשטעלט — און אנטלויפט דערמיט צום טײַך באָדן עס אף א גאנצן טאָג און פּאשען עס א גאנצן טאָג אפן „פּאסטערניק" הינטער דער וואסער־מיל. און טאָמער וויל ווער קומען פון שטאָט דאָס פערד אָפּנעמען, אָדער א פּאָר יונגען מיט טײַטלענדיקע הענט לויפן פאָרויס: אָט־אָ דאָ איז ער, — שטייט ער די גאנצע צײַט, מיט איין אויג קוקנדיק אף יענער זײַט לאָנקע... און ווי נאָר עס מאכט זיך עפּעס א שטיקל מעהומע, ער זעט, אז דער „שטימפּ" קומט אָן, — גיט ער זיך א וואָרף אף דעם פערד ארוף, און — „פּאָשאָל און פּאָשאָל" — גאָר מיט א הינטערוועגל הינטערן סמענטארזש, גלײַך אפן שאָסיי ארוף. דאָרט איז ער שוין ווידער א פרײַער פויגל, — און גייט טוט אים עפּעס, ווען ער זיצט אפן פערדל... דאָס פערדל שטעלט ער צוריק אָפּ אף דעם אָרט, ווו ער האָט עס גענומען, ווען זײַן הארץ גלוסט און ווען דאָס גאנצע שטעטל ריכט זיך שוין נישט דערוף, און אין אַלע ווינקעלעך קאָכן רעדלעך מענטשן, אז פינכעסל האָט געגאנוועט א פערדל...

נאָר איינמאָל האָט ער טאקע אָפּגעטון א מ׳עסע מײַסע: ער האָט בא א שיקסע, וואָס איז געגאנגען פון „טומע" צווישן נאָך פויערים און פויערטעס, ארויסגעכאפּט א בינטל שפּראָצונגען, — די ערשטע שפּראָצונגען פון זייערע גערטנער, צונויפגעקליבן פון אלע מינים, וואָס זיי ברענגען דער גאלעך זאָל זיי באשפּריצן,

אז ס׳זאָל הײַיאָר גראָטן, — האָט ער אזא בינטל ארויסגעכאפּט און די שיקסע נאָך גאנץ גוט אָנגעהארגעט. דעמאָלט האָט מען געשמועסט, אז: אָ־האָ! פינכעסל וועט שוין די ליכטיקע שײַן נישט אָנקוקן. און דער טאטע האָט אם פאַרגעוואָרפן, וואָס ער כאפּט שיקסעס אינמיטן דער גאס. נאָר פינכעסל האָט דעם טאטן געגעבן צוריק אן ענטפער, אז ער ווייסט נישט, וואָס ער האָט געטון באַכערווײַז, איידער ער האָט מיט זײַן מאמען כאסענע געהאט... אזוי האָט ער אים געענטפערט, און דער טאטע מיט דעם זון האָבן זיך דעמאָלט געפילט אָנגעשטויסן איינער אף דעם אנדערן, ווי צוויי ציגן, אָנטרעפנדיק זיך הערנער אין הערנער אף איין ברעט...

נאָר פינכעסל האָט שוין געוווּסט ווי אזוי דעם טאטן איבער־צובעטן... פון דער מאמען האלט ער נישט, נאָר מיט דעם טאטן וויל ער נישט פירן קיין ברוגזן.

האָט גאָט געהאָלפן, און אין שטאָט ארײַן איז פארבלאָנדזשעט א קאראזעליע מיט קונצנמאכערס. פינכעסל איז דערפרײַשט גע־וואָרן, און ווי נאָר דער עלטסטער קונצנמאכער מיט דעם גאנצן געזינדל שיקסלעך און שווארצן ווײַבערל, וואָס האָט אויסגעזעען ווי א ציגײַנערן מיט צעפּ, — ווי נאָר זיי האָבן דעם מיטלסטן סלופּ אופגעשטעלט אינמיטן מארק, האָט שוין פינכעסל געהאָלפן די שטריק מיט די פלאכטעס אופציִען, די הילצערנע פערדלעך צו די געפארבטע בריטשקעס צוטשעפּען און אף די דרענגער אָנטון. און דעם ערשטן זונטיק, ווען די שיקסעס מיט די שקאָצים פון די ארומיקע „פּאראפיעס" זענען געקומען אין שטאָט ארײַן מיט די גלאנציקע דאשקעס, מיט די ווײַסע אופגעשטעלטע פּיי־עלעך, און די שיקסעס מיט די ווײַסע פאטשיילעכלעך אף די קעפּ, — האָט די קאראזעליע אָנגעהויבן צו רודערן.

פינכעס האָט שוין שטארק געהאט נויסעכיין געוווען בא דעם עלטסטן קונצנמאכער; ווען ער וואָלט מיט אים מיטגעפאָרן, וואָלט ער אים עפּשער אויך א שיקסל געגעבן פאר א ווײַב — מי יעדייע וואָס פאר א לײַט, וואָס פאר א קונצנמאכער, מיט אן אייגענער קאראזעליע, ער וואָלט שוין הײַנט אליין געווען פאר זיך... נאָר עפּעס האָט אים דאָס הארץ נישט געלאָזט מיטפאָרן, כאָטש דער

אלטער האָט אים צוגערעדט, און דאָס עלטסטע שיקסל, א שווארצע מיט קאָראלן־ליפּן, האָט אים, דאכט זיך, צוגעווונקען און געקוקט אין די אויגן אריַן, ער זאָל באשטיין... נאָר ער האָט נישט געוואָלט... האָט ער גענומען דערמאָלט דעם טאטן זייַנעם, וויַזן כאָטש, וואָס פאר א קאָוועד ער האָט בא דעם עלטסטן קונצנמאכער — און ארויסגעפירט אים אין מארק אריַן.

און ווי שלוימע האָט דערזען דעם קייַלעכדיקן דאך, א קאפּל פון פלאכטעס אופגעצויגן מיט א רויט פענדל אין סאמע שפּיץ, און ווי ארום און ארום שטייט א האלבע שטאָט יונגען און מיידן און וויַבער אויסגעמישט מיט שיקסעס און שקאָצים פון די דערפער, — און ווי איבער זייערע קעפּ, פון אונטערן דעכל אפער, מיט וואָס פאר א סאמעט און פארשידענע צירונגען פון אלערליי פּאטשערקעס דאָס מיטלסטע בידעלע איז עס באקליידט — און וואָס פאר א מינע מעשענע טרומייטן עס שטייען עס מיט די אָפענע מייַלער גלייַך אין מארק אריַן אָנגעשטעלט — האָט עס אים אזש בא דעם הארץ פארכאפּט, נאָך מער ווי דעם זון, אז אזא שיינקייַט זאָל זיך גאָר קענען געפינען בא קונצנמאכער אין דער וועלט. און ער האָט זיך גערירכט, אז קונצן זאָלן דאָ פּאָרקומען, האָ, האָ, קונצן!... און ער האָט א פרעג געגעבן דעם זון:

— וואָס פאר א קונצן וועלן עס דאָ פּאָרקומען?

— הילצערנע פערדלעך וועלן אליין לויפן. און ווער עס וועט באצאָלן א זעקסער — וועט רייַטן, ווער א פירער — וועט פאָרן...— האָט דער זון צוריק געענטפערט קורץ און שארף.

שלוימע האָט זייַנע אויגן נישט געגלויבט: פאָרן און רייַטן אף הילצערנע פערדלעך?... און ערשט אריַנשטופּנדיק זיך צווישן אוילעם און דערזעענדיק די פערדלעך געזאָטלט, הינטן בריטשקעס און נאָך די בריטשקעס וויַטער פערדלעך — האָט ער מויל און אויערן אופגעמאכט...

— און דאָס אלץ, — האָט אים דער זון דערציילט מיט גרויסקייַט, — האָב איך געהאָלפן צונויפשטעלן. דו מיינסט, אָן מיר וואָלטן זיי שוין אזוי גיך צונויפגעשטעלט?... און אז דו ווילסט, טאטע, וועסטו קענען רייַטן אף א פערדל אויך, אומבאצאָלט, ווי דו זעסט מיך לעבן, אומבאצאָלט.

שלוימען דעם גראָבן קאָפּ האָבן זיך אזש די באקן צעשמייכלט און די אויגן זײַנע האָבן געקוקט מיט גלאַנץ אף דעם געבעטן סאמעט און צירונג פון אלערליי פּאטשערקעס...

— ווארט, וועלן מיר זען... — האָט ער זיך א גלעט געגעבן איבער דער באָרד מיט א בליק אפן זון.

און ווי נאָר די מעשענע אָפּגעפּוצטע טרומייטן האָבן געגעבן א זעץ ארויס: טאַ־טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! — האָט זיך שוין שלוימע נישט געקענט אײַנהאלטן און אין זיך אָנגעהויבן מיטצוזינגען דעם מארש, וועלכן ער האָט זיך באלד אויסגעלערנט און זינגט נאָך אדײַעם מיט אים די שאבעסדיקע זמירעס, אזוי אז זײַן ווײַב כאנע־לייע זידלט אים אזש: ווי האָט עס א מענטש נישט קיין כארפּע טאָג מיט נאכט דעם אייגענעם ניגן? — נאָר דאָס איז נישט שלוימעס דײַגע, נישט שלוימעס אייסעק: טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! — האָבן די טרומייטן געקנאַקט, און ער האָט אונטער־געהאָלפן: טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! — און אָנגעבלאָזן זיך מיט דעם קארק, ווי ער וואָלט געוואָלט בעשאס־מײַסע מאכן פון אים א טרומייט. און די קאראזעליע מיט די פערדלעך, מיט די בריטשקעס און מיט דעם דעכל, — אלץ איז שוין געפלויגן אין א ראָד, און דערהיצטע פּענימער מיט בליצנדיקע אויגן פון שיקסעס און שקאָצים האָבן געמידניעט פארן אויג, אזוי אז שלוימע האָט זיך שוין לענגער נישט געקענט אײַנהאלטן און האָט צום זונדל אלעמאָל געוואָרפן א פארליבטן בליק, — ביז די קאראזעליע האָט זיך געשטעלט, און פּיניכעסל האָט געכאפּט דעם טאטן און געגעבן א וואָרף ארויף אים אף א פערד און א ווונק זיך איבער מיט דעם קונצנמאכערס ווײַבל, אז דאָס איז זײַן פאָטער — און אליין איז ער ארויף אין דער הייך אונטער דער פּלאכטע פון דעכל, דרייען דעם דראָנג און פירן די גאנצע קאראזעליע.

שלוימעס אויגן האָבן געבליצט מיט פײַער אף די אלע מיידן און ווײַבער, וואָס זענען דאָ געשטאנען ארום און צוגעזען, וואָס פאר א גדולע ער האָט דורך זײַן זון דערגרייכט. און ער האָט א פײַף געטון אין דער הייך: — פּיניכעסל, פּאָר!...

באלד האָט זיך דערהערט א קלינגען אף א גלעקל פון הינ־טער דעם סאמעטענעם בודקעלע אפער, וואָס איז געווען

אויסגעהאָפּטן מיט אלערליי ווייַסע און בלאָע פּאטשעריקעס. די פּאסאזשירן האָבן גיך געכאפּט די בילעטן, ארויף אף די פערדלעך, און די פּאסאזשירקעס אריַין אין די בריטשקעס, און די טרומייטן האָבן ווייַטער געגעבן א זעץ ארויס: טא־טא־טא־ר־ר־רא! און שלוימע דער גראָבער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו פליִען, ער מיט דער גאנצער קאראזעליע. אלץ האָט זיך געדרייט און געפלויגן, נאָר צווישן די אלע רויטע דערהיצטע פּענימער איז שלוימעס רויט דערהיצט פּאָנעם געווען דאָס איינציק יִידישע. און כעוורע יונגען, וואָס זענען געשטאנען ארום דער קייט, ווי צוגעקלעפּט, מיט שטעקנס אָדער באטישקעס אין די הענט, האָבן זיך מעיא־שעוו געווען און אָנגעהויבן אונטערצושמייַסן שלוימעס פערדל. ארום און ארום זענען א וואכט יונגען געשטאנען, און פון אלע זייַטן איז געוואָרן א געקאָכערייַ מיט א מין הילכעדיק געלעכ־טער: וויאָ, וויאָ! — און געהאלטן נאָר אין איין אונטערפּאטשן און אונטערשמייַסן. שלוימען האָט זיך דער קאָפּ פארדרייט, די באָרד איז זיך צעפלויגן אף ביידע זייַטן לאצן, ווי א צעוואָרפענער בעזעם, די אויגן האָבן געבליצט און געבליצט, און יונגען האָבן געקאָוועט און געכמאליעט איבער דעם פערד. און פלוצלינג, מע גיט זיך א קוק אום, יאָגט שלוימע נאָך א שיקסע, — די שיקסע, וואָס איז געזעסן פאָרויס אים אף א בריטשקע, און ער הינטער איר אף א פערד; זי, די שפּיצן פאטשיילעכל צעפלויגן איבערן קאָפּ, מיט די ציטער־שפּילקעס, און ער מיט דער באָרד צעפלויגן אף די לאצן, — האָט עס אויסגעזעען, ווי ער יאָגט זי קעסיידער אָן אופהער... און עס האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען און דאָס געפייַפערייַ, וואָס די יונגען האָבן שלוימען אויסגעפייַפט, — שלוימע האָט געהאלטן אין איין נאָכיאָגן די שיקסע, ביז דעם זון האָט זיך דאָרט אין דער הייך דער קאָפּ פארדרייט און ער האָט פריִער געגעבן א בראָך אראָפּ דעם טאטן אפן קאָפּ, מיט וואָס ער האָט פאר צען יאָר געגעסן, און אָפּגעוואשן אים, אז עס האָט גערונען איבערן פּאָנעם און איבער דער באָרד, און דערנאָך געגעבן א פאל אראָפּ צו דער שיקסע אין דער בריטשקע ארייַן. ס'איז געוואָרן א געקלינגערייַ, און די קאראזעליע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דעמאָלט איז דער טאַטע מיט דעם זון אַנטלאָפן, ווי צוויי אָפּגעשמיסענע, איבערן מארק — און כעוורע יונגען נאָך זיי מיט א געטומל און א געלויף. עס האָט געקאָכט, ווי צווישן די בינען: שלוימע דער גראָבער קאָפּ האָט געיאָגט א שיקסע!... נאָר ייִדן האָבן זיך ניט געשראָקן פאר דעם כעט. אלע האָבן גע־ ווּסט, אז דאָס מיינט מען אַף דער קאַראַזעליע, און קרעמער, פּאַרקערט, האָבן זיך נאָך מיט פאַרגעניגן געשטעלט אַף די שוועלן פון די געוועלבער און מיט א שמייכעלע אין דער באָרד ארײַן נאָכגעקוקט שלוימען ווי ער איז געלאָפן מיט צעפלויגענע פּאָלעס איבערן מארק פּאָרויס, ווי אן אלטער אשמעדײַ *), דאָס זונדל נאָך אים און א כעוורע יונגען — ווי א מאַכנע צונויפגעקליבענע פייגל צום אוועקפליִען — פונהינטן.

כאַנע־לייע איז ארויס מיט אויסגעשפּרייטע הענט, דעם מאַן און דעם זון צו באַשיצן. זי האָט געמיינט, מי־יעדייע בא וואָס פאר א גנייווע מע האָט זיי געכאַפּט... און ארײַנכאַפּנדיק זיי גיך אין שטוב ארײַן, איז זי געוואָר געוואָרן, אז דער אלטער אשמעדײַ איז גאָר געפאָרן אַף דער קאַראַזעליע...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אַף שלוימען מיט ראַכמאָנעס: ווי פאַרגינט זיך דאָס א טאַטע פון קינדער זיך אַזוי נאַריש צו מאַכן.

שלוימע האָט געפילט, אז זי איז גערעכט, אז ער האָט געטון א נארישקײַט — האָט ער אָפּגעלייגט דעם גאַנצן בייגל אפן זון. נאָר מיט דעם זון האָט זי גאָרנישט געקענט מאַכן. זי האָט גע־ זעען, וואָס א טאָג ווערט אלץ ערגער, און פון הײַנטיקן טאָג אָן האָט זי זיך שוין אײַנגאַנצן מעיאעש געווען פון אים און פעסט באַ־ שלאָסן, אז פון דעם יונג וועט שוין קיין גוטס נישט ארויסקומען...

און אַציִנד, ווען זי זעט אים ליגן אפן געלעגער, פאַרקאַשערט די ארבל פון העמדל, זעט זי בעכוש, ווי דער „זעלנער" שפּילט אים פון פּאָנעם אראָפּ. און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס דער ראָשע שלאָפט כאָטש און וואָס די וועלט איז זיך גאָר מעכײַע מיט זײַן האַלטן צו די אויגן...

*) שער (רעד.).

כאַנע־לייע שטייט אויף פון געלעגער, נעמט די פאַטשיילע אַפּן קאָפּ און גייט צו דער שאָכנטע אַרײַן מיט אַ שטאַרק אין דער האַנט נאָך אַ קויל פײַער.

די שאָכנטע שאַרט איר צו אַ פּאָר לעבעדיקע קוילן, און דערפון הייבט זיך אָן אַ שמועס. כאַנע־לייע רעדט פאַר איר אויס דאָס האַרץ, אַז זי האָט נישט קיין נאַכעס פון קינדער. די שאָכנטע פרעגט זי, ווי זי האַלט שוין מיט דעם איצטיקן אין דער וועלט... ענטפערט זי איר צוריק, אַז זי ריכט זיך אַ ליאַדע שאָ אין בעט אַרײַן.

און עס טוט איר באַנק די גאַנצע מײַסע... בײַ מוישעלע ברײַטאַן האָט זי זיך פאַרשוואָרן... זי געדענקט, וואָס פאַר אַ שווער האָבן זי האָט געהאַט. זי האָט געהייסן דעם מאַנס אַ פּאָר הויזן אַראָפּרײַסן פון דער וואַנט, ווײַל זיי זײַנען געהאַנגען קעגנײַבער איר, אַזוי פאַרמיִעסט איז ער איר געווען, און געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס, — צום סאָף האָט זי זיך ווײַטער געלאָזט אַרײַנאַרן...

די שאָכנטע טרייסט זי, אַז אַדעראַבע, גאָט קען העלפן גאָר מיט אַ גרינג האָבן, און עס קומט ווײַטער אַרויס אַ שמועס, ווי קינפּעטאָרנס דאַרפן שמירע.

און כאַנע־לייע דערציילט, אַז נישט הײַנט געדאַכט, אויף אַלע ווּיסטע וועלדער, האָט זי געהאַט אַ קינד צווישן דעם עלטערן און יינגערן, אַזוי ווי איינס פון אַ האַלב יאָר...

און די שאָכנטע דערציילט איר צוריק, ווי טשייטל די קאָפּקעמאַכערן איז איינמאָל געזעסן אין אַ שאַבעס־צונאַכטס און האָט גענייט אַ קאָפּקעלע בײַ אַ לעמפּל, און דאָס פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שטשאָנקעלע — האָט זי דערזען, ווי פאַר דעם פענצטער איז פאַרבײַגעפלויגן אַ „נעקייווע" מיט צעלאָזטע האָר און צום בוזעם האָט זי געהאַלטן צוגעטוליעט אַ קינד... דאָס איז געווען פון איטע מאָטלס שנור, משטיינס געזאָגט...

כאַנע־לייע שפּײַט אָפּ דרײַ מאָל און גייט אַהיים.

און זי בעט פינכעסלען, ווען ער שטייט אויף, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען די מעזוזעס און גיין צום סויפער זיי איבערזעען.

זי האָט זיך וויקעלעך אָנגעגרייט, העמדעלעך, א קלאָר לײַלעך דאָס בעט צו פארהענגען, און באנאכט איז זי שוין נישט געגאנגען שלאָפן אָן א כומעש צוקאָפּנס. דאָ האָט שוין נישט געטויגט איר טײַטש־כומעש, נאָר דאפקע דעם מאנס.

און וואָס קלערט איר? אין דער אייגענער נאכט האָבן זי שוין א פּאָר שאָכנטעס געוואַרטעוועט און ארום דרײַ פאַרטאָג אָנגעקלאפּט בא דער „באָבע"...

זי האָט געבוירן א יונג, און באלד מיט א שווארצן קענזשער האָר, ווי נאָר ער איז אַף דער וועלט געפאלן... נישט אומזיסט האָט שלוימע איבערגעטראכט, ארויסגייענדיק הינטער דער שטאָט צי האָט זי שוין נישט געקרעכצט. ער האָט זיך געריכט אַף א פריילעכן שאבעס, ער וועט אימירצעשעם אהיים קומען, און זײַן כאנע־לייע וועט שוין האָבן בעשאָלעם איבערגעקומען.

אצינד איז זיך שוין כאנע־לייע געלעגן אין בעט, ווי א גרעפן צעלייגטערהייט, פארהאָנגען מיט א פאָרהאנג, אַף א שנירל אונטערן בעליק אופגעצויגן, באקלעפּט מיט שירהאמײַלעס־בריוולעך. פון צײַט צו צײַט, אז זי האָט געדארפט מע זאָל איר וואָס דער־לאנגען, האָט זי דעם קאָפּ מיט דעם שלאָפקאָפּקעלע אפערגעשטעקט פון הינטער דער פאָרהאנג. — — אַף איר פּאָנעם האָט זיך שוין אָנגעזעען אן איבערגעלײַטערטקײַט. זי האָט גערעדט ווייכער און צארטער, ווי שוין אן איבערגעקומענע, נאָר איין זאך האָט זי גאָך געהאט אפּן זינען: דאָס קינד צו היטן, עס זאָל כאָלילע נישט טרעפן ווי מיט יענעם, אָדער מיט דעם, וואָס די שאָכנטע האָט דערציילט. זי האָט באשלאָסן דאָס קינד פון דער האנט נישט ארויסצולאָזן, פון אונטערן אָרעם נישט אפּערצורוקן, און אין שלאָף צו האלטן עס מיט אלע קויכעס, צו ליגן דעריבער, ווי א טרײַע מאמע.

און אָט איז געקומען דאָנערשטיק באנאכט, זי ווערט אנשלאָפן מיט זיסע געדאנקען: מאָרגן וועט שלוימע אהיים קומען און וועט דערזעען, וואָס פאר א יונג זי האָט אים אָנגעגרייט, גאָר אָן זײַן ויסן... — שוין אצינד דעם דריטן...

און זי שלאָפט — —

און עס דאכט זיך איר, אז די אייגענע „געקייווע", די

מאלקע־שוואָ מיט די נאקעטע בריסטן, מיט די לאנגע צעלאָזטע צעפּ, אין עפּעס א פארצײַטיש קײַלעכדיק קלייד — א קרינעלינע פון טערקישן סיץ מיט אזוינע בלימעלעך און אייגעלעך — פּאקט זיך צו איר דורך א האלבער קווארטיר אין פענצטער ארײַן, און פּאקט זיך און פּאקט זיך — אזא גראָבע און אזא שווערע — אז כאנע־לייען כאפּט אָן א פּאָרכט, און מיט פארדומפּטע קוילעס שרײַענדיק אין זיך ארײַן, דריקט זי דאָס קינד צו זיך, אזוי אז עס האָט שוין טאקע קיין בעסערע מאלקע־שוואָ נישט געדארפט, ווי עס האָט געהאט...

עס איז קאם טאָג אין דרויסן, עס בלאָט דורכן פענצטער. שלוימע קלאפּט שטיל אָן אין דער טיר, און פינכעסל, צונויפ־געמישט אין דער גראָקײַט פון דער נאכט און יונגן מאָרגן, וואָס פאלט אין שטיבל ארײַן, לויפט פון געלעגער אראָפּ די טיר אופמאכן. שלוימע קומט ארײַן אף די שפּיץ נעגל, מוישעלע נאָך אים. עס האָט אים די נאכט נישט געלאָזט רוען אין דאָרף, און ער איז געקומען צו לויפן מיטן טאָג צוגלײַך. און אצינד, דער־זעענדיק די אופגעצויגענע פאָרהאנג איבערן בעט, לײַכט א שטי־לער בלישטש אין זײַנע אויגן אוף און, ווענדנדיק זיך צום זון, גיט ער אים א צופּ באם ארבל, אף שטיל געהאנדלט, ווי־צווישן זיך:

— וואָס האָט זי געהאט?...

— א ייִנגל, — ענטפערט פינכעס.

— א ייִנגל? — צעגיסט זיך אים א ליכטיקער שמייכל איבערן גאנצן פּאָנעם. מוישעלע בריטאן כאפּט באלד אונטער, אונטער־טאנצנדיק:

— וועט זײַן א שאָלעם־זאָכער, וועל איך האָבן א פולן קויש מיט ארבעס!...

— שא, דו בענקארט! די מאמע שלאָפט, — טוט אים דער טאטע א שטורך.

— שא, א רועך אין דײַן!... — קומט פינכעסל אויך צו הילף.

— די מאמע האָט אוואדע געמוזט ערשט אנשלאָפן ווערן? — מאכט דער פאָטער.

— ניין, זי שלאָפט א גאנצע נאכט... — האָט פינכעסל געענטפערט.

— א גאנצע נאכט?...

בא שלוימען האָט זיך עפּעס אין הארץ אָפּגעריסן. מיט שטילע, פּאמעלעכע טריט האָט ער אָנגעהויבן צוצוטרעטן צו דעם פּאָרהאנג:

— כאַנע־לייע, כאַנע־לייע... — רופט ער שטיל מיט אן אָנגעצויגענעם בליק אין זיך אריַין, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס קאָל נישט לאָזן גיין צו וויַיט. — כאַנע־לייע...

כאַנע־לייע שלאָפט.

— לאָז, טאטע, וועל איך זי אופוועקן, — רופט זיך אָן מוישעלע בריטאן מיט א גראָב קאָל.

— שטיל, בענקארט, — פארבייַסט שלוימע מיט א פינגער אין די ציין צו אים, — דו וועסט זי איבערשרעקן...

— כאַנע־לייע, כאַנע־לייע...

— האָ־אָ־אָ... — הערט זיך א לאנגער אויסגעצויגענער מרוטש פון הינטער דער פּאָרהאנג.

— כאַנע־לייע, ווו האָסטו דאָס קינד?...

— געוואלד, דאָס קינד... — טוט זי א געשריי מיט אימפּעט, אָן אופגעכאפּטע פון שלאָף, און שלוימע טוט זיך א וואָרף, נישט טויט — נישט לעבעדיק, הינטער דער פּאָרהאנג ארונטער. ביידע זין בליַיבן פארשטיינערט מיט גלעזערנע, אויסגעזעצטע אויגן אף דער פּאָרהאנג.

— געוואלד, דאָס קינד! — טוט זי נאָכאמאָל א געשריי אויס און א הייב עס אינדערלופטן בא איין הענטל, ווי א טויט גענדזל. דאָס קינד טוט א פארדריי דאָס קעפּל, טוט זי עס א כאפּ מיט דערשראָקענע, ארויסגעזעצטע אויגן באם פּענימל און הייבט עס אָן צו רייַסן.

— און לאָז דיך שוין די ערשטע כאָלערע טרעפן! — גיט שלוימע איר א בענטש מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ. — כאַנע־לייעלע די קעלבאשניצע, האָסט מיר שוין געהארגעט א זון אף טויט, — שריַיט ער אויס, דערזעענדיק, אז דאָס קינד האָט קיין אָטעם נישט און איז שוין קאלט, ווי א שטיק טייג. מיט

אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ רוקט ער זיך צוריק אפּער פון הינטער דער פאָרהאנג...

כאנע־לייע מאכט א געוואלד, די זין נאָך — שלוימע לויפט־אום אוף און אָפּ איבער דער שטוב, ווי א בערן־טרייבער, מיט גע־זונטע, גראָבע שפּריַזן און ווארפט גלאנצנדיקע אויגן אף דער פאָרהאנג. באלד קומען צו לויפן א פּאָר שאָכנטעס און מע ווערט געוואָר, אז דאָס קינד איז טויט.

דעמאָלט ערשט נעמט כאנע־לייע זינגען א קלאָג־לידל:

— איך האָב דאָך אן אומגליק געהאט, די מאלקע־שוואָ האָט זיך דאָך געפּאקט צו מיר דורכן פענצטער, דורך דעם פענצטער... אזוינע צוויי גראָבע ציצן האָט זי געהאט, האָט זי דאָך מיר דאָס קינד דערהארגעט מיט די ציצן...

— ציצן?! — שריַיט שלוימע, — מע דארף גרעבערע ציצן, ווי דו אליין האָסט? — גיך צום ראָוו, געט, טרעפט דיך די ערשטע כאָלערע.

— שלוימעשי... וואָס ווילסטו?... — האָט זי געוואָלט אָנהייבן פאר אים צו וויינען. נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די צוויי זין האָבן זיך ווי איַינגעקאָרטשעט אין א ווינקעלע און געדאנקט גאָט, אז זיי זענען אין דעם גישט שולדיק... און שפּעטער, ווען א כעוורעמאן האָט דאָס קינד צוגענומען אין בוזעם אריַין, האָט די מאמע געמוזט צוריק דאָס בעט פארבעטן, צוריק די פאָרהאנג אראָפּנעמען און גיין מיטן טאטן צום ראָוו.

— גוטער ראָוו! — האָט שלוימע א צעקאָכטער און מיט הארץ געטיַינעט, — זי האָט דאָך מיך בעדאלעס געשטעלט, זי האָט דאָך מיר שוין צוויי זין דעם טויט געמאכט! צוויי זין! — —

— און וואָס זאָגט איר, זיַיט־זשע מויכל, יידענע? — האָט דער ראָוו געפרעגט.

— צוויי זין, נעבעך, — גיט זי א וויין ארויס מיט א צע־שיטנדיק מאמע־קאָל...

— וואָס ווילסטו פון איר, שלוימע? א יידענע... זי האָט אוואדע געוואָלט זיי זאָלן לעבן, — בעט זיך בא אים דער ראָוו.

— טאטע, דו גייסט אהיים? — פאלט אריַין פּינכעסל צום ראָוו אין שטוב אריַין מיט א קנאק אף דער טיר, ווי א דונער, און נאָך אים מוישעלע בריטאן מיט א ריטש: מאמע!

דער ראָוו כאפּט זיך אוף א דערשראָקענער, מיט בײדע הענט אויסגעשטעלט צו פּינכעסן.

— דו וועסט געטן מײַן מאמען? — טוט ער א קנאק מיט א פויסט אין טיש אריַין, — אהיים, וואָרעם איך האק דיר א זײַט אונטער... — —

— אָט האָט איר, רעבע, גייט נעמט אײַך אָן פּאר קינדער! — גיט שלוימע א ווײַז אוף אף פּינכעסלען און אף דער מאמעס בויך, און גיט א לויף ארויס, פארהאקנדיק נאָך זיך די טיר.

— און דו, מאמע, — נעמט פּינכעס ארויס א מאטבייע פון קעשענע, — נא דיר א פּערציקער און גיי אהיים און קאָך אָנבײַסן!

צוריקגייענדיק פון ראָוו, דורך א הינטערגעסל פארבײַ א פּלויט, עס זאָלן איר נישט קומען קיין היימישע אין פּאָנעם אריַין, וואָס איז איר אזוי אויך פארשעמט געוואָרן געגנוג פון גאָט אליין, — האָט איר מוישעלע א גאנצן וועג גערדרייט דאָס פארטעך, זי זאָל צושטעלן דעם גרעסערן סאגאן צום קאָכן, נישט דעם קלענערן, און פול זאָל ער זײַן אָנגעפּאקט מיט קארטאָפּלעס, וואָרעם ער האָט שוין נישט געגעסן פון דאָרף אָן...

אזוי איז זיך כאנע־לייע צוריק אהיים געגאנגען. אפן אנדערן פרײַטיק איז שוין שלוימע געזעסן מיט דעם טאָפּ צימעס צווישן די פיס, און די צוויי באָנים ווי די ביקעס ארום אים, אלע מיט די קעכער־לעפל אין די הענט, מיט דערהיצטע פּענימער, ווי די טערקן. און כאנע־לייע האָט ווײַטער געהאלטן אין איין שרײַען, פארוואָס זיי לאָזן נישט איבער קיין סאָריד־אופאָליט אף שאבעס אינדערפרי.

נאָר פרײַטיק־צונאכטס, ווען די ליכט אין די לײַכטער האָבן געברענט און שלוימע מיט די צוויי באָנים זענען געזעסן באַם טיש און געהאלטן בא „בנים ובני בנים", האָט זיך כאנע־לייע פארקוקט מיט ליכטיקע אויגן אף די צוויי זין. זי ווייסט אליין נישט, עפּעס פּינכעסל איז איר גאָר ליבער געוואָרן, און זי האָט אליין נישט געפילט, ווי א טרער האָט זיך איר אראָפּ־

געקײַקלט איבער דער באַק און אַרײַן אין שיסעלע באָבעלעך מיט יויך. נאָר דעמאָלט האָט ערשט שלוימע געקוקט אָף איר מיט נעקאָמע: האָב איר אכט און אכציק שווארץ יאָר, דער קלאפּ־טשיסקאָ!! *)... מיט אזוינע פיר זין וואָלט ער געקענט א וועלט מיט א מעדינע אײַנעמען. און נישט וועלנדיק שוין מער קוקן אין איר זײַט, האָט ער צו די באָנים א מאַך געטון מיט דער האנט, און אלע דרײַ האָבן געגעבן א זעץ ארויס דעם מארש פון דער קאראזעליע מיט די שאַבעסדיקע זמירעס־ווערטער! — —

*) פון וואָרט קלאפּטע, קעלעוועע.

פון רעבנס שטוב

ייִצכאָקל האָט ער געהייסן. זײַן אופירונג באַם רעבן אין שטוב איז שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן דעם רעבן. שוין א צײַט לאַנג, ווי ער קומט אַלע אינדערפרי אין אויסגעפוצטע שטיוול, אונטערן קעלנערל פון העמד געפעלט אים שוין א שוואַרץ בענדעלע אונטערצובינדן, די פייעלעך קרײַזלט ער מער ווי געוויינלעך און שטייט טיילמאָל אָפּ בא דער רעבעצן אין כיידער באַטאָג, ווען קיינער איז דאָרט נישטאָ, גאַנצע שאָענווײַז אין שפּיגל. איבערהויפּט דאָס אויסגעלייגטע קעלנערל געפעלט נישט דעם רעבן, און ער טראַכט, אַז עס איז נישט אַנדערש, נאָר אין דעם ייִנגל דערוועקן זיך שוין יויסעפּס שפּילערײַען און מײַסע־טײַרעס. און טיילמאָל גיט ער אָף אים א קוק פון אונטער די ברעמען. עפּשער, אַז ווען ייִצכאָקל זאָל עס זען, וואָלט אין אים דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן. ייִצכאָקל אָבער ווייסט נישט און גייט זיך זײַן וועג. טיילמאָל זינגט ער זיך אונטער שפּאַצירנדיק אוף און אָפּ איבערן רעבנס בעסמעדרעשל עפּעס א נײַ זעמערל; טיילמאָל גייט ער גלאַט אַזוי אַרום פאַרטיפט אין מאַכשאָוועס און שוין א צײַט לאַנג ווי ייִצכאָקל נעמט נישט קיין ייִדיש וואָרט אין מויל אַרײַן.

פון דעם בעסמעדרעשל גייען אַרויס די פענצטער און די גלעזערנע טיר אין רעבנס גאָרטן אַרײַן, און דאָרט האָט ער ליב אָפּצוליגן גאַנצע טעג אָפן ווייכן פרישן גראָז אונטער די געדיכטעביימער, וואָס פאַרשטעלן אַפילע דעם הימל מיט זייערע געדיכטע צווײַגן. און פון לערנען ווערט גאָר קיינמאָל בא אים אין קאָפּ נישט געדאַכט, כאָטש דאָס בעסמעדרעשל איז אַלע אינדערפרי פול מיט דיוורע־טוירע פון יונגעמאַנטשיקלעך, פון

שטאָט־גווירימס איידעמלעך, וואָס קומען זיך אהער מעפּאלפּל זײַן ביז ארום צוויי דעם זייגער. ער ליגט זיך און ס׳איז נישט זײַן דײַגע.

— צי ס׳איז גלײַך אזוי?... — האָט דער רעבע שוין נישט איינמאָל א טשעפּע געטון, אזוי פארבײַגייענדיק.

ייִצכאָקל ענטפערט נישט. ער ווייסט טאקע, אז עס דארף נישט אזוי צו זײַן, נאָר עס ציט אים פאָרט נישט צו דער גע־מאָרע, און דער רעבע שאָקלט אף אים מיטן קאָפּ: אוי, אוי, בטיילע... צו וואָס דאָס קען ברענגען...

ייִצכאָקלען ווערט אומעטיק אפן הארצן, אז ער הערט דעם: „אוי, אוי, צו וואָס דאָס קען ברענגען", און בלײַבט טיילמאָל שטיין מיט א שווערער כאראָטע אין הארץ, פארוואָס ער שטארקט זיך נישט עפּעס צו טון דערצו... נאָר וואָס זאָל ער טון, אז דאָס פוילקײַט איז אזוי גרויס און דער לוסט צום לער־נען — אזוי קליין, און ווילנדיק—נישט ווילנדיק מוז ער זיך צו־ריק ארײַפּלאָזן אף דעם ווייכן שמעקנדיקן גראָז.

און וואָס א טאָג ווײַטער באמערקט דער רעבע שוין א גראָבּ־קײַט אף זײַן געזיכט. אָט ערשט ניט לאנג האָט ער נאָך געהאט די ייִנגלשע לויטערע איידלקײַט אפן געזיכט און הײַנט איז עס שוין אזוי פארגרעבט, די שטריכן אזוי גראָב און אזוי מאסיוו אפן שטערן אזא אויסגעשמירטע פעטקײַט און אין די אויגן דעסגלײַכן — אז דער רעבע טראכט: ווער ווייסט, צי אין דעם ייִנגל דערוועקן זיך נישט די זיבעצענער־אכצענער יאָרן...

בא דעם געדאנק זיפצט דער רעבע אָפּ: הײַנט־זשע וויפל „מאשכיסים ראָיִם" באשאפט ער שוין... (די מאשכיסים ראָיִם, וואָס דער „מדרש תלפיות" רעכנט אויס, דאָס איז א געוויסער מין, וואָס ווערן באשאפן נאָר פון איין זאך...).

און אָט דעם פארפייסעך האָט דער רעבע פון אים געזעען אזוינס, וואָס ער וואָלט עס קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט געגלויבט, ווען ער איז געגאנגען נאָך מאצע־וואסער אף מאצע־שמורע צום סטעקל, וואָס פליסט אונטער דער שטאָט, און דער רעבע איז זיך נויעג אלע יאָר דאָרט אליין צו שעפּן דאָס וואסער מיט נאָך עטלעכע פון זײַנע כסידים — איז געשטאנען א שייגעץ און

צעמישט דאָס וואסער מיט דער בלאָטע, אז דער רעבע זאָל עס נישט קענען נעמען, און ווי יִיצכאָקל האָט דאָס דערזעען איז ער געגעבן א פאל ארוף אף דעם שייגעץ מיט אזא גווורע און א שמעטער אוועק אים געטון אינמיטן פעלד אריין, אז אלע זענען געבליבן שטיין ווי פארגאפט.

און דעמאָלט ערשט האָט דער רעבע טרויעריק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: צי איז דאָס מעגלעך, אז פון מײַסים טויווים זאָל עס קומען — אָדער, יִיצכאָקל, עפשער וויסטו שוין גאָר פון אן איישעס איש?...

א גאנצן וועג גייענדיק צוריק האָט ער שוין פון אים קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט, אז בא אים אין שטוב, אין זײַן הויז, אונטער זײַן דאך...

און איינמאָל האָט ער זיך באשלאָסן דאָס צו דערגיין בא אים... מיט וואָס? — מיט קוקן אין די אויגן ארײַן — זאָל ער אים נאָר נישט קענען גלײַך קוקן אין פּאָנעם ארײַן, וועט ער וויסן א סימען, אז ער איז טאקע זינדיק... נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן פונקט פארקערט, יענער האָט נאָך צו שטארק אָפּן געהאלטן די אויגן, ווײַל שוין א צײַט לאנג ווי יִיצכאָקלען גייט אויף עפּעס נאָך א געדאנק, אז דער רעבע איז אים אין עפּעס כוישעד, האָט ער אים געגעבןביידע אויגן אינגאנצן אָפּן: נאט אײַך, רעבע, קוקט און זעט, אז איך בין ריין... און דער רעבע האָט אצינד נאָך מער געדרונגען זיך דאָס אייגענע: הייסט עס, אז אצינד איז שוין אפילע גאָר קיין טרופע נישטאָ פאר זײַנעטוועגן? די קליפּע האָט זיך שוין אף אזויפיל מיסגאבבער געוועזן, אז זי קען שוין קוקן דעם צאדיק גלײַך אין די אויגן ארײַן?... און דער רעבע האָט זיך געשטארקט און אײַנגעהאלטן נישט צו געבן א געשריי ארויס:

— דו ראָשע בען ראָשע!...

דאָס הארץ האָט אים שוין געהאט געגעבן א צאפּל דערויף, נאָר מיט אײַזערנע קויכעס האָט ער זיך אײַנגעהאלטן: ווײַל א ראָשע בען ראָשע איז ער טאקע... און דאדורך איז נאָך גרעסער די סאקאָנע צו טשעפּען מיט אים...

א טאטן האָט ער געהאט — נישט געדאכט זאָל ער זײַן — א

פישער, וואָס פלעג די ווײַבער פּאַטשן איבער די הענט אינמיטן מאַרק, ווײַל זיי זײַנען אים געקראָכן אין דער קויקע פיש אַרײַן און אים צעפּאַטשקעט די בײַכלעך פון די פיש, נישט צו קיין גנײַ זאָל עס אים זײַן... נאָר דערנאָך, נאָך זײַן טויט, האָט זי, דאָס ווײַב, אהער אַרײַנגעבראַכט דאָס זונדעלע, אַז ער זאָל דאָ קאַדיש זאָגן, ווען מע וועט דאַווענען מיט מנין, קעדיי עס זאָל זײַן אַ דערגרינגערונג פאַר דעם פאָטער דאָרט אויף יענער וועלט — און אַזוי פון דעמאָלט אָן איז ער שוין דאָ געבליבן. אַ ייִדענע, זי האָט געוואָלט, איר זונדעלע זאָל דאָ אויפוואַקסן צווישן די ווענט, קעדיי דאָס אויער זײַנס זאָל אײַנזאַפּן אין זיך אַביסל דיוורע־כוירע, און ער זאָל טאַקע אַליין אויך לערנען, זי זאָל אויך זוכע זײַן צו האָבן אַ גוט קינד, ווי אַנדערע מאַמעס... און דער רעבע האָט אים געהייסן בלײַבן. ער האָט אַמאָל צוגעהאָלפן מיט אַ שליכעסל, ווײַל די ביידע שאַמאָסים זײַנען שוין אַלט און גראָ באַוואָקסן, ווי די בערן, און קענען זיך שוין נישט רירן. האָט ער אַרײַנגעכאַפּט אַמאָל אַ פרישן טרונק וואַסער פון דעם ברונען, באַטאָג ווען דער רעבע שטייט אויף פון שלאָף נאָך דעם אָנבײַסן, מאַכמעס ער אַליין איז שוין אויך נישט קיין יונגערמאַן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, שאָקלט זיך באַ אים שוין די אונטערשטע ליפּ פריִער עפּשער אַ האַלבע שאָ, איידער ער קען זי דערכאַפּן און אָנקערעווען זי וווּהין ער וויל... און אַז ער האַלט עפּעס אינמיטן אַ שמועס מיקויעך וויכטיקע איניאָנים, קען ער שוין אײַנדערמיט אַנשלאָפן ווערן מיט דער לולקע אין מויל, און דאַדורך האָט ער דעם רעבן שטאַרק געניצט — טיילמאָל אַרײַנצוגיין אויף אים אָנגעלענטערהייט אין זײַן שלאָף־כיידער, טיילמאָל אים אָנצופּאַקן אַ לולקע טוטין, טיילמאָל די פּאַנטאָפּעלעך צו שטעלן צום בעט און דערלאַנגען אים דעם שלאָפראָק, אַז ער זאָל קענען אַרויסגיין אין „בייס־האַקאָוועד" אַרײַן.

אָט דערויף האָט ער אים געדאַרפן, און געהאָפּט, אַז פון דעם ייִנגל זאָל אַמאָל אויסוואַקסן אַ „לײַט".

און נישט נאָר ער אַליין, דאָס גאַנצע שטעטל האָט אין דעם, וואָס דער רעבע האַלט אים צו אַזוינע נאָענטע און לײַבלעכע באַדינגונגען, אײַנגעזען אַ סימען פון גוטס...

און נישט איינמאָל האָט די מאמע, די וויסטע אלמאָנע, וואָס האָט זיך מעפּארנעס געווען פון דעם טײַט־העלצל מיט דעם סידערל, מיט וועלכן זי פלעגט אַרומגיין איבער די שטובן און אָפּלערנען מיט מיידלעך, נעמענדיק צו האלבן גילדן פון א קעפּל און האָט פונדעסטוועגן אָנגעקליבן שיינע עטלעכע הונדערט גילדן אין שמאטקעלעך ארײַן צו פארשטאָפּן זיי אין אלע לעכער — אָט די וויסטע זינדיקע מאמע, נעבעך, פלעגט שוין אויך אף דער קאַנטאָ ארומגיין צו אלע שכיינים און שכיינעסטעס דערציילן די גוווּרעס פון איר יִינגל און ווי דער רעבע האלט זיך מיט אים נאָענט...

נאָר די גדולע איז געווען נישט אף לאנג. יִיצכאָקל האָט אָנגעהויבן אויסצוּוואקסן און דער רעבע האָט אָנגעהויבן נאָכצוקוקן מיט אלע ביידע אויגן, פארוואָס בא אים אין שטוב זאָל אויסוואקסן עפּעס שלעכטס. און איינמאָל טאקע באנאכט, עס האָט שוין געמוזט זײַן ארום צוועלף דער זייגער, דעם רעבנס גאנצע הויז איז שוין געשלאָפן, אויסער פון דער רעבעצנס ביידערל האָט זיך דורכן פענצטער ארויסגעלײַכט א ברענענדיק ליכטל און די שײַן איז געפאלן אין גאָרטן ארײַן, ווי אן אויסגעצויגענער פּאס, איבער די גראָזן אראָפּ. דער גאנצער גאָרטן איז שוין געווען פארזונקען אין פינצטערניש. ארום איז געלעגן אויסגעשפּרייט א א שטאָק־טויבע נאכט — און אין דער נאכט־שטילקײַט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אן אויסגעשריי פון א דערשיטערנד קאָל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון צווישן די ביימער ארויס איבערן פּלויט אריבער: האלט זיי, האלט זיי!... עס האָט זיך דערהערט א רוישן און אנטלויפן צווישן די ביימער און באלד אן אונטערגעדריקט קאָל, ווי פון שרעק און ציטערניש, מיט איין און איינציק געשריי: אוי!...

מע האָט עמעצן אָנגעכאפּט און דאָס געשריי „אוי" איז געווען א מיידלש קאָל.

צוויי יונגעמאנטשיקלעך, דעם רעבנס קרוויוים, וואָס האָבן שוין אויך געהאט אן אויג אף יִיצכאָקלען, נאָר גאָר אן אנדערס ווי דער רעבעשי, א מער פּראַקטישעס און מער גלוסטיקעס אף נאָכצוקוקן אין אזוינע זאכן, וואָס אנבאלאנגען צווישן יִינגלעך

מיט מיידלעך, האָבן שוין נישט געקוקט יִיצכאָקלען אין די אויגן אריַין, ווי דער רעבע, נאָר איינפאַך נאָכגעקוקט אים זײַנע טריט.

און אָט איז ער אריַינגעפאלן. מיט א שטוב־מענטשס א מיידל, א מעשאמעשס און איידעמס א טאָכטער פון א יאָר זיבעצן, האָט ער געמאכט באַשטעלונגען אף אלע נאכט צו זען זיך מיט איר דאָ אין גאָרטן, וויַיל אין דעם גאָרטן איז אים געווען בעסער צו דער האנט צו זען זיך מיט איר, און איר דעסגלײַכן, נאָר אין דער נאכט האָט עס שוין געפלאצט:ביידע יונגעמאנטשיקלעך, וואָס האָבן זיך פארשטעקט צווישן די ביימער צו לאָקערן אף זיי, האָבן זי אָנגעכאפט, ווען זי איז שוין געהאט צוגעשפרונגען צום פלויט, און זיי האָבן זי, בא דער קליידל פעסט אָנהאלטנדיק, צוריק געשלעפּט און אומגעוואָרפן, טאקע דעמאָלט ווען זי האָט געגעבן דעם געשריי: אוי, און יִיצכאָקל האָט נאָך געקענט איַילן איבערן פלויט אריבערצושפרינגען, איבערלאָזנדיק אף דער זײַט א לאטש אין די גראָזן, ווען ער איז צום פלויט געלאָפן.

עס איז זיך צונויפגעלאָפן דאָס גאנצע הויז, אפילע דעם רעבנס אייניקלעך מיט די קאפּעלעך מיט שפּאניע האָבן זיך פון שלאָף אופגעכאפּט, יעדערער האָט געקוקט דעם מיידל אין די אויגן אריַין, וועלכע האָט אויסגעזען ווי א ווילדע סארנע מיט צעשראָקענע אויגן, ווען זי קוקט אף אלע זײַטן ארומגערינגלט פון יעגערס.

און עס איז געוואָרן א געקאָכערײַ פון דעם גאנצן אוילעם, באטראכטנדיק זי פון אלע זײַטן, און זי האָט זיך געשעמט, דאָס פּאָנעם האָט געפלאמט פאר בושע, אז זי, דעם רעבנס מעשא־מעשס אייניקל, א שטענדיקע אײַנגייערן... זאָל אזוינס טון?

און מע האָט זי צום רעבן אין שטוב אריַינגעפירט, האלטנ־דיק זי בא די אקסלען, טאקע פון די יונגעמאנטשיקלעכס שטארקע הענט — האָט דער רעבע געגעבן א שפרונג אוף מיט א קרעכץ:

— הולטײַקע, וואָס האָסטו געטון?...

נאָר דאָס מיידל האָט געציטערט און געפלאטערט פאר שרעק און נישט געקענט ענטפערן, פאר די אויגן איז איר א טונקל־בלאָווע פּאָן געשטאנען, פײַערדיקע פינטעלעך זײַנען ארומגע־פלויגן, אינגאנצן האָט זי נישט געהערט און נישט געזען, נאָר ווי

דורך א זיפּ אדורך, אלע פּנימער האָבן זיך געדרייט פאר איר, אויך אזעלכע טונקל־בלאָע, ווי די פּאָן, נאָר וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט מיט א בוילעטערע ליכטיקייט, אָבער זי האָט זיי ניט פארשטאנען. אלץ, וואָס האָט זיך געטון מיט איר, איז געווען ווי דורך א קישעף, אלעס רעדן, אלעס שרייַען איז געווען ווי פון אונטער יענער וועלט אפער.

אין דער מיט נאָר האָט זיך איין קאָל ארייַנגעשניטן שארף:

— שיקט נאָך דעם פּאָטער אידן...

דאָס איז געווען דאָס שארפסטע קאָל, וואָס האָט איר מיט א מעסער א שניט געטון איבערן מויעך. און די רעשט איז זי שוין געלעגן אין כאלאָשעס.

וואָס עס האָט זיך נאָך מיט איר געטון אין יענער נאכט געדענקט זי שוין נישט, נאָר צומאָרגנס אינדערפרי, ווען זי איז נאָך געלעגן אין בעט מיט א נאס טוך דעם קאָפּ צוגעבונדן, און זי האָט קאם די אויגן אופגעמאכט, פילנדיק אין זיך אן אָפּגעשוואכטקייַט אפילע צו קענען זיך איבערדרייען — האָט זי שוין ווי דורך א לייַכטן געוועב, וואָס האָט געדרימלט אין איר מידן קאָפּ, געזעען דעם פּאָטער ארומגיין אוף און אָפּ איבער דער שטוב מיט א בלאס פּאָנעם, ארויפגעלאָזטע ברעמען צו דער ערד און טיף פארקנייטשטן שטערן.

דערנאָך האָט זיך איר געדאכט, ווי דער פּאָטער איז געבליבן שטיין פאר דער מוטערס בעט, וואָס איז געשטאנען אנטקעגן איבער אירס, און האָבן ביידע עפּעס געשמועסט, זייער איינציקע, געציילטע ווערטער וועגן איר, אָנגעזאפּט פול מיט טרויער. אין דער מוטערס קאָל האָט זיך געהערט דאָס דערשטיקטקייַט פון טרערן. עס האָט זיך איר געדאכט, אז זי זעט אויך איר בלאס פּאָנעם, און א שטארק ראכמאָנעס, אזעלכעס, וואָס קען נאָר קומען א מאָל אינמיטן שלאָף, האָט איר הארץ אָנגעפילט און שרעקלעך אומגליקלעך האָבן אין איר אלע געפילן אָנגעהויבן צו וויינען.

אזוי איז זי אָפּגעלעגן א גאנצן טאָג, און בײַנאכט, ווען זי האָט זיך שוין דערפילט אביסל בעסער, זי האָט שוין אויך געהאט גענומען שטיקלעך פּאָמעראנץ און זאפּט אין מויל ארייַן, וואָס מע

האָט איר דערלאַנגט — האָט זי ווײַטער געהערט, ווי דער פֿאָטער שטייענדיק פֿאַר דער מוטערס בעט, זאָגט:

— עס איז נישטאָ דאָ קיין אַנדער ברירה, מע מוז זי זען כאַסענע מאַכן וואָס פֿריִער.

די מוטער האָט אַפּילע געשריגן:

— גאַזלען, וואָס רעדסטו? דאָס קינד זאָל נאָר קוידעם גע־זונט ווערן...

נאָר דוואָירעלע איז שוין געווען אַן אומגליקלעכע. די גיל־דענע בסורע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער ברירע, ווי זי כאַ־סענע צו מאַכן, האָט זי שוין געטראָפֿן, ווי אַ פֿאַרסאַמטע פֿײַל אין האַרץ אַרײַן, און זי האָט זיך שוין געדרייט אַפֿן געלעגער אַ גאַנצע נאַכט, וויינענדיק אין קישן אַרײַן, און געזוכט פּלענער ווי אַזוי פֿון דער היים צו אַנטלויפֿן.

דוואָירעלעס איינציקער פּלאַן איבער אַלע פּלענער איז געווען, אַז ייִצכאָקל זאָל מיט איר אַנטלויפֿן, נאָר זי האָט שוין געשפּירט, ווי אומעגלעך דאָס איז פֿאַר ייִצכאָקלען. ווו וועלן זיי צוויי עלנטע קינדער לויפֿן אַליין אין דער וועלט אַרײַן? ייִצכאָקלען היט מען שוין אויף יעדן שריט און טריט, דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אים שוין נאָך, און מע טײַט אויף אים מיט די פֿינגער, און ער זיצט אוואַדע פֿאַרבאָרגן בא זיך אין שטיבל און קוקט די ליכטיקע שײַן נישט אָן. און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט געוואָלט האָפֿן, אַז עפּשער האָט מען זיך וועגן אים נישט דערוווּסט, ווײַל ער איז דאָך אריבערגעשפּרונגען אי־בערן פּלויט נאָך איידער זיי זײַנען צוגעקומען, נאָר ערשטנס האָט זי געוווּסט, אַז די צוויי יונגעמאַנטשיקעס האָבן שוין לאַנג געלאָקערט אויף זיי, און זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, ווער עס האָט דאָ צו זײַן, און צווייטנס, אַז ייִצכאָקל האָט איבערגעלאָזט אַ לאַטש צווישן דעם גראָז, וועלכן מע האָט צומאָרגנס אינדער־פֿרי געפֿונען און אַרײַנגעטראָגן אים צום רעבן: האַקיר נאָ *)...

און דער רעבע, זאָל לעבן, האָט אַ גוטע ריִע... ער האָט אים באַלד דערקענט. ער האָט צומאָל נישט געדאַרפֿט האָבן קיין ברילן צו אים, נאָר איבערגעדרייט אים אַ פּאָר מאָל אין דער

*) דערקען נאָר (רעד.).

האנט, אהין און אהער, אפילע זיך אביסעלע שטארק געכידעשט, ארומקוקנדיק אים פריער גוט מיט זײַנע ליכטיקע אויגן — נאָר פלוצלינג האָט ער געגעבן א שפרונג אוף בעכראָדאָ גדוילאָ *), און מיט א קאָל, וואָס האָט געוואָרפן א שרעקלעכע איימע, האָט געגעבן א געשריי אויס: זאָל מען אים ברענגען אהער, דעם יונגאטש, אין איין לאטש און אין איין באָרוועס" — אז די שטול האָט אזש געציטערט.

— סטײַטש, געוואלד, רעבע, איר פירט דאָך מיך איבער, — האָט דער שאמעס, דער זיידע דוואוירעלעס, געגעבן א פראל ארײַן אין דער טיר און געקומען ארײַנצולויפן נישט טויט און נישט לעבעדיק, — איר וועט שיקן נאָך דעם יונגאטש, און די גאַנצע שטאָט וועט זיך דערוויסן, אז מע האָט אים געכאפט מיט מײַן אייניקל. ווו וועט זי שוין דערנאָך קריגן א שידעך? געוואלד, רעבע, עס וועט דאָך איר אויסקומען צו פארזיצן...

— אוי, אוי... — האָט דער רעבע אָנגעהויבן צו קרעכצן, — ס'איז שווער, ריבוינעשעלוילעם, צו פארשעמען א באס יִסראָעל... טאָ זאָל מען כאָטש געבן א קוק אף דעם יונגאטש, צי האָט ער טאקע נאָר איין לאטש...

און דאָס האָט מען באלד געטון.

דערווײַל איז דער רעבע ארומגעלאָפן איבער דער שטוב און געפּאטשט זיך אין די הענט ארײַן, שטארק צעטראָגן, אז אזא נע־וואָלע זאָל געשעען בא אים אין שטוב.

— געוואלד, — האָט ער געשריגן, — ווו זײַנען מײַנע אויגן געווען... צי האָב איך דען נישט געזען אָן דעם פארגראָבטקײַט פון זײַן פּאָנעם, אז די קליפּע האָט זיך אף אים ארופגעצויגן, און פארוואָס האָב איך דאָס געשוויגן און געלאָזט אין דער לאַנגער באנק ארײַן, ביז עס איז געקומען צו א ניסאָיען?...

— און איר ווייסט, — האָט ער ענדלעך אויסגעשריגן, — צו וואָס דאָס קאָן נאָך קומען!

און באלד דעם ערשטן שאבעס נאָכדעם, ווען די מוטער האָט יִיצכאָקלען נישט אָפּגעלאָזט, נאָר ער זאָל נישט אופהערן ארײַנצוקומען צום רעבן, אז אדעראבע, ער זאָל אליין ארײַנגיין,

*) מיט גרויס ציטערניש (רעד.).

און דער רעבע איז א מאריך־אף[1] און ער ווועט אים אוואדע שענקען, נאָר ער זאָל זיך אומקערן צוריק צום רעכטפארטיקן וועג, — ווען ייִצכאָקלען איז געווען פארשלאָגן דער קאָפּ פון דער מאמעס וויינען און געשרייען, און ווען דאָס הארץ האָט אים אליין אויך נישט געלאָזט רוען, וואָס איבער דעם אָפּרײַסן זיך פון רעבנס הויז פארלירט ער שוין דווירעלען אף אייביק, אזא טײַער ליכטיק דווירעלע, וואָס האָט זיך געקושט מיט אים אין סימכאס־טוירע, אין רעבנס גאָרטן, פאר פרייד, וואָס אין שטוב האָט מען געמאכט האקאָפעס און דאָרט אויסגערופן אלע טײַערע אָוועס — איז דערפאר, וואָס ער האָט דאָס נישט געקענט בא זיך פויעלן און דעם ערשטן שאבעס איז ער צוריק ארײַנגעקומען צום רעבן, האָט דער רעבע אין דעם איַינגעזען א גוטן סימען פון א הירהער טשוווע[2], און אים אָנגעהויבן מעקארעוו צו זײַן. האָט ער אים בא דעם טיש זיצנדיק צווישן אוילעם דערלאנגט איבער אלעמענס קעפּ דאָס ערשטע שטיקל כאלע פון זײַן האמויצע און געזאָ.ט:

— ייִצכאָקל, עס...

דער אוילעם אויך האָט אין דעם איַינגעזען א כידעש, און גע־ראכט, אז מינעסטאם איז עס נישט קיין פּראָסטע זאך און אז דאָ האָט ער נישט צו טון מיט ייִצכאָקלען, נאָר מיט דעם גאנצן סאר האטומע[3], און ער מוז אים נאָך צוריק דערנעענטערן צו זיך און נישט דערלאָזן דעם סאָטן האמאשכיס[4] די געלעגנהײַט צו פאנגען א ייִדישע נעשאָמע, קעדיי דורך דעם זאָל זיך דער קויעך האקליפּע נאָך מער קענען שטארקן איבער דעם קויעך האק־דושע. האָבן אלע די קעפּ אראָפּגעלאָזט און נאָר געקוקט צײַטנ־ווײַז פון אונטער די ברעמען אפער אף ייִצכאָקלען מיט אזא ביי־טערלעך ראכמאָנעסדיקײַט אין די פּענימער, אז איין גאָט זאָל זיך דערבארעמען, אזוי ווי דעם גאנצן ייִדישקײַט וואָלט כאָלילע פאָר־געשטאנען די גרעסטע סאקאָנע, און מיט שטילע פרומע בליקן האָבן זיי נעבעך דעם קליינעם מיטגעפילט, דאָס וואָס ער שטייט נעבעך אין אן אייס צאָרע און געהאָפּט, אז ער וועט פאָרט אויס־געלייזט ווערן פון באל־דאָוואָרס הענט.

[1] א מענטש, א גרויסמוטיקער, וואָס קען אײַנהאלטן דעם קאס. [2] א געדאנק, א ווילן צו טשוווע טון. [3] דער האר, דער ראָש, איבער דער טומע, איבער אלעם שלעכטן. [4] דער פארדארבער, בייזוויליקער (רעד.).

— ייִצכאָקל, עס... — האָט דער רעבע געזאָגט, דערלאנגענדיק אים שוין נאָכאמאָל א שטיקל פיש.

דער אוילעם האָט באכעש געפילט, ווי עס כאלט זיי אראָפּ א לאכט פון די הערצער, נאָר ייִצכאָקלען האָט שוין געטריפט דאָס בלוט פונעם הארץ פון יעדערן מאָל — עס!...

און שטייענדיק אזוי האָט ער אליין ניט געפילט, ווי די טרערן קײַקלען זיך אים איבער די באקן אראָפּ, ווי די ארבעס גרויס, און ער האָט נאָר די אויגן אין דער ערד ארײַנגעזעצט פאר גרויס בושע קעגן די צענדליקער אויגן, וואָס האָבן אף אים פון אלע זײַטן געקוקט מיט אזא גרויס ראכמאָנעס.

— ייִצכאָקל, עס!... — האָט דער רעבע קוגל דערלאנגט אים.

און ייִצכאָקל האָט געגעבן א בוך ארויס מיט א קוואל טרערן.

— מיילע, נישקאָשע, — האָט דער רעבע געזאָגט, — זאָל ער זיך אביסל אויסוויינען... אײַ טרערן, טרערן — האָט דער רעבע אָנגעהויבן צו דארשענען, — איז א גרויסע זאך...— און אזויערנאָך, אָט אף דעם פּאָדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן אראָפּצולאָזן אין די טיפּסטע אָפּגרונטן פון פּילפּל...

ווען ייִצכאָקל האָט זיך אומגעקערט צוריק אהיים, נאָך דעם שטיקל אָפּעראציע, וואָס דער רעבע האָט אים געמאכט, איז ער שוין אָפּגעלעגן דרײַ טעג צום בעט, בלייך ווי א טוך, און פארשטומט אף גאנצע לאנגע וואָכן, נישט אויסרעדנדיק צו קיינעם קיין וואָרט, און א שווערער וואָלקן איז אים געלעגן שטענדיק אין די אויגן. אים איז אויך נישט ארויס פון געדאנק דווירעלעס בלייך פּאָנעם, און ער האָט זי געזעען פאר זיך טאָג מיט נאכט, סײַ אין וואך, סײַ אין כאָלעם, און אירע פארוויינטע אויגן האָבן אף אים מיט אזויפיל פּאָרוואורף געקוקט דערפאר, ווײַל זי ווייסט ניט, וואָס וועט אצינד צווישן זיי בײדע זײַן...

נאָר לאנג קלעין האָט ער נישט געדארפט וועגן דעם, ווײַל דער רעבע האָט שוין אליין אויך געקלערט וועגן דעם, וואָס צווישן זיי בײדע וועט זײַן... און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטון דערפאר איז געווען, וואָס ער האָט געשיקט א שאדכן צי איר פאָטער, אָדער ער האָט אים גאָר אליין ארײַנגערופן צו זיך און אים פאָרגעלייגט א שידעך מיט איינעם, טאקע זײַנס א כאָ־

סיד פון א נאָענט שטעטל, אן אלמען פון פערציק יאָר מיט פינף קליינע קינדער, נאקעטע יעסוימימלעך צום וואשן און צום וואָגן. און עס האָט נישט געהאָלפן דווירעלעס געוויין טאָג מיט נאכט אין קישן אריַין, ליגנדיק מיטן פּאָנעם אראָפּ. מע האָט זי כאסענע געמאכט און ארויסגעשיקט פון שטעטל, ווי איינער זאָגט: ווילסט נישט זיַין קיין לייַט—גיי ווער א בעקער, האָב דיר א שווארץ יאָר!..

מע האָט זי ארויסגעשיקט צווישן יאָ און ניין, און יִיצכאָקל איז געבליבן שוין א דערופּענער אפן גאנצן לעבן. זיַין גאנץ ארומדרייען זיך אף דער וועלט איז געווען ווי פון איינעם, וואָס מע וואָלט אים שוין געהאט אמאָל אָפּגעהויבן אף דער ערד, נאָר עפּעס דורך א נעס פון הימל איז ער צוריק דעריסן געוואָרן און ער איז אופגעשטאנען נאָכאמאָל צו לעבן אף דער וועלט. ער האָט שוין געזעען, וואָס מע האָט פון אים צוגענומען מיט געוואלד, און נישט וויסנדיק נאָך דעמאָלט אליין קלאָר, ווער ס'איז גערעכט, צי דער רעבּע, וואָס האָט געוואָלט מילכאָמע האלטן מיט דער קליפּע, צי ער, וואָס דאָס הארץ האָט אים ניט געלאָזט רוען נאָך דווי־רעלען, האָט ער אָבער דאָך איינס געפילט, אז די גאנצע וועלט איז אים שוין איבערגעקערט געוואָרן און מע מעג שוין מיט אים טון וואָס מע וויל, ווי. מע האָט געטון מיט דווירעלען, און אז ער האָט זיך שוין נישט איבער וואָס נישט צו לאָזן.

און עס איז געקומען איינמאָל א באגינען, ווען פאר זיַין מר־טערס טיר איז געשטאנען געשפּאנט א פערד און וואָגן, און מע האָט אים געהייסן גלאט פון דער העלער הויט אופזעצן און אוועק־פאָרן — אף כאסענע האָבן...

אין יענעם באגינען, זיַיענדיק אין די אלע פריִערדיקע טעג ביז אהער פארשטעקט מיט דער נעשאָמע אין דער טיפקייַט פון זיַינע צאָרעס און אין דער איינזאמקייַט פון זיַין אָפּגעריסן וועלטל, צייַט מע האָט אים דווירעלען אוועקגענומען — האָט ער זיך ערשט אין יענעם באגינען פארגונען צו געבן א קוק ארויס אף דער אויסערלעכער וועלט. און מיט וואָס פאר א פארשטיינערטקייַט האָט ער דאָס געקוקט, ווי זיַין מוטער, אָנגעטון אין דער שאַ־בעסדיקער הויב און אין די שאבעסדיקע קילטשים, זילבערנע לאנגע אוירינגלעך מיט דימענטלעך, וואָס עמעצער האָט זיי בא

איר פארזעצט פאר עטלעכע רובל, ווי זי פּאָרעט זיך מיט די קוישלעך און פּעקלעך אַף דער פור ארוף, גלײַך א גדולע האָט זי געטראָפן, איר זון פאָרט כאסענע האָבן... און נאָך שרעקלע־כער, וואָס האָט דערזעען — אפילו יענע צוויי יונגעמאנטשיקלעך, דעם רעבנס קרויווים, שטייען אויך דאָ בא דער פור אין די שאַ־בעסדיקע קאפּאָטעס און אין הויכע סאמעטענע היטלען און מיט רויטע פאטשיילעס הינטן פון די קאפּאָטע־קעשענעס ארויס אויך מיטצופאָרן אַף דער כאסענע, גלײַך זיי וואָלטן אים גאָר קיין שלעכטס ניט געטון אַף זייער לעבן. דאָס, האָט ער פארשטאנען, האָט דער רעבע זיי אים מיטגעשיקט פאר קאָוועד, און ווײַל ער איז אן עלנטער יאָסעם, אז ער זאָל נישט פאָרן אליין.

ייִצכאָקל האָט זיך גאָר נישט ווינסדיק געמאכט, נאָר אײַנגע־זעסן צווישן די צוויי יונגעמאנטשיקלעך אינדערמיט אין וואָגן אריַין. הינטן, הינטער זיי, איז געזעסן די מוטער אַף די אָנגעלאָ־דענע קעסטלעך און קוישלעך, וואָס זי האָט אָנגעלייגט ביז ארוף. פאר זיי איז געזעסן נאָך איינער עפּעס א ייִד מיט א געלער באָרד, מוז זײַן א שאדכן, אָדער א כאזן, ווער ווייסט אים — און נאָך פון פאָרנט — דער באלעגאָלע.

די פור האָט גערירט פון שטאָט ארויס. אין די גאסן זײַנען נאָך געוועזן די לאָדנס פארמאכט, דער הימל אין מיזרעך האָט זיך גערויטלט, די ערד איז געוועזן פײַכט און פוכקע פון דער טוי, וואָס איז אַף איר געלעגן — די שטראלן פון דער זון האָבן זיך שוין גערויטלט אַף די שפּיצןביימער, די פלויטן פון די גערט־נער הינטן האָבן נאָך געגעכטיקט אין דעם קילן שאָטן פון פאר־טאָג, עס האָט זיך נאָך די איבערגעלאָזטע שטילקייַט פון דער נאכט געשפּירט אין דער לופט, און די פור איז פון שטאָט ארויסגעפאָרן.

שפּעטער אביסל, אפן וועג, איז עס געוועזן א שיינער רויט־לעכער פרימאָרגן. די זון איז שוין לאנג אופגעגאנגען און באַ־לויכטן די וועלט מיט טויזנטער בלישטשענדע טראָפּן טוי, וואָס האָבן פון די ביימער אראָפּגעהאנגען, די פייגל האָבן שוין לאנג געזונגען, און זייערע טויזנטער שטימען האָבן זיך צעגאָסן אין דער מאָרגנדיקער פרישער לופט. נאָר איין ייִצכאָקל איז געזעסן בלייך און באטריבט, פאָרנדיק פארביַי פעלדער און וועלדער.

פון דעמאָלט אָן איז א קליין שטיקל צײַט פאַרבײַגעגאַנגען. ייִצכאָקל האָט געלעבט מיט זײַן װײַבל צוריק אין זײַן שטאָט, נאָר װיי צו די מענטשן, װאָס האָבן געליבט, און נישט דער־גרייכנדיק האָט מען זיי אפילע נישט געלאָזט אויסשטיין אין זייערע צאָרעס, און װעלכע די איינציקע רעפוע איז זיך צו באָדן אין זיי אזוי לאַנג, ביז דאָס האַרץ װערט שטילערהייט אויסגעלײַטערט און שטיל אויסגעפּײַניקט, אויב מע האָט די צאָרעס קויעך איבערצוטראָגן, און אויב נישט, איז כאָטש גלײַכער צו פאַלן אונטער זייער לאַסט מיט אַן אויסגעהויכטער נעשאָמע איידער צו בלײַבן א נישט־דערשטאָכענער אפן גאַנצן לעבן. ייִצכאָקלען אָבער האָט מען דאָס נישט געלאָזט. מע האָט אים איינדערמיט באשעפטיקט מיט א לעבן־פירן, און שוין נאָך דער כאַסענע, װען זײַן בליק האָט נאָך געהאנגען איבער זײַן געליבטער, װי א טרויעריק אויג אין הימל איבער די ליכטיקע פעלדער־זאַנגען, װען אויסער דער געליבטער האָט ער נאָך א ברייטע ארומיקײַט מיט טויזנטער בלומען און גרינע טאָלן געזען, אין װעלכע אירע שטילע באָרװעסע טריט האָבן זיך אין טוי געבאָדן, קומענדיק צו אים, לויט װי אים האָט זיך געדאכט, מיט א שטילן פאַרטאָגעדיקן פעלד־רייעך אין די לאַנגע האָר און שטילן שאָרכען איבער די גראָזן, װאָס דאָס װינטל האָט שוין צו אים פונדערװײַטנס צוגעטראָגן אף דעם בערגל, װו ער איז געזעסן הינטערן װאַלד און געװאַרט אף איר — און פון דעם אלעם האָט מען אים אין א טרויעריקער נאכט געגעבן א שטיל װײַבעריש פּענעמל מיט א װײַס קאַפּקעלע אף דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ, און נישט ערגעץ אַנדערש, װי אין א שטיל טונקל כיידערל מיט פיר לײַדיקע װענט בא א קאַם בלישטשענדיק לעמפּל, װאָס איז דאָרט אף דעם טישל געשטאַנען. און נאָך ערגער, מע האָט אים נאָך נישט געשװיגן און פּאַרנאָסע געמאָנט,—נו, װי קען ייִצכאָקל ערשט װערן א פּאַרנאָסע־געבער און זיך אײַנשליסן אין דעם, װאָס ער באשטייט נישט דערוף און װאָס האָט ניט בא אים דעם װערט, װי בא אַנדערע מענטשן? אלע מענטשן לעבן דאָך נאָר קעדיי זיי זאָלן האָבן װאָס צו עסן,—האָט זיך ייִצכאָקלען געדאכט, און נישט ביטערער איז דעם אָדלער, װאָס האָט פריִער מיט זײַן האַרץ

געשפּאָלטן די העכסטע שפּיצן פעלדזן אונטערן הימל, און מע הייסט אים מעגולגל ווערן אין א האָן אַרײַן, צו שטיין איבער א בערגעלע מיסט, צו שאַרן מיט די פיסלעך אונטער זיך, צו געבן אַלעמאָל מיט זיי א דראַפּ און א רײַב אין דער ערד, קעדיי פונ־דאָרט אַרויסצוקריגן א ווערעמל.

נאָר ייִצכאָקלס מוטער האָט אזא צושטאַנד פון שטאַרבן פאַר הונגער נישט געקענט דערלײַדן און זי האָט אָנגעהויבן אונטער־צוהעלפן דער שטוב.

פלעגט זי אינדערפרי אופשטייענדיק און גייענדיק צו אים געוואָר ווערן, וואָס ער מאַכט — קלויבן שפּענדעלעך איבערן מאַרק א גאַנצן וועג, דאָ א שפּענדעלע און דאָרט א שפּענדעלע: און מײַן ייִצכאָקשי, מײַן ייִצכאָקשי... און דאָס אַלץ האָט זי צו־נויפגעלייגט אין פאַרטעך אַרײַן און אַנידערגעלייגט עס בא אים אפן קוימען.

דערנאָך האָט זי גענומען דאָס פּאַטשיילעכל איבערן קאָפּ, אוועקגעגאַנגען זיך אף הינטער דער שטאָט־לאָנקע, זיך דאָרט אַרומגעדרייט מיט דעם טיכעלע אפן קאָפּ, אין דער פרימאָרגנדי־קער זונענשײַן צווישן די מיליאָנען בלישטשענדיקע טראָפּן טוי אף די גרעזער — מיט א פאַרווירטן קאָפּ און פאַרגאָסענעם בלאַטשט פאַר די אויגן, און האָט זיך דאָרט געקליבן איינציקע שטשאַווע־לעך אין באָרשטשיקל אַרײַן, און אַרויסקומענדיק פונדאָרט שוין אַרום זייגער צוועלף, אַריבערהייבנדיק די נאַסע שיך איבערן פּלויט, וואָס האָבן זיך אין גראָזן אײַנגענעצט און אַצינד אזוי שיין געגלאַנצט קעגן דער זון, האָט זי דאָס אַהיים געטראָגן און איז זיך ווײַטער אוועקגעגאַנגען מיט א טעפּעלע נאָך מילך פאַר א גראָשן אין מאַרק אַרײַן, און דערפון אונטערגעשלאָגן א באָרשטש, אָנגעלייגט א פײַערל פון די שפּענדעלעך און אָפּעג־קאָכט: נא דיר, ייִצכאָקל, עס, און ווייס, אז דו האָסט א גוטע מאַמע.

אזוי האָט זיך ייִצכאָקל געשפּײַזט מיט זײַן ווײַב.

נאָר אזוי ווי ייִצכאָקלען איז דאָס נישט ניכע געווען, אזוי, און עפּשער נאָך גיכער, איז דאָס זײַן מאַמען פאַרמיִעסט געוואָרן.

זי שטייט איבערן שעפל, שיילט א הערינגל פאר א דרײַער, אראָפּציִענדיק די הויט מיט א מעסערל און ווארפנדיק זי אין שעפל אריַין און קרעכצט ביטערלעך:

— אוי, א מאמען, א מאמען איז גוט צו האָבן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר... וואָס ארט דאָס דעם יונגנמאן גאָר?..

און דערבײַ פלעגט זי ווארפן אזא פינצטערן בליק אפן יונ־גנמאן, אז דאָס הארץ האָט זיך געקענט אָפּשטעלן אינמיטן גאנג.

נאָר דער יונגערמאן האָט זי נישט געהערט, מעלאנכאָליש, בלאס און אין וואָלקן אײַנגעהילט פלעג ער זיך ארומדרייען איבער דער שטוב אוף און אָפּ.

א גאָטס ראכמאָנעס איז נאָר געווען אף דעם יונגן ווײַבל, וואָס האָט נישט געוווּסט, פארוואָס זי לײַדט און פארוואָס אירע טרערן גיסן זיך אזוי אינדערשטיל איבער אירע באקן אראָפּ, און זי שלינגט זיי מיט א פארשלאָסענעם האלדז פון דריקונג און זיי קײַקלען זיך נאָר און קײַקלען ווי די ארבעס גרויס.

און זי באמערקט שוין, ווי ביסלעכווײַז קוקט שוין די שווי־גער קרום אף אלע שטוב־זאכן, לייגט אָן דאָס פײַערל אפן קוימען אלע אינדערפרי מיט א ברויגעזל אין פּאָנעם, און אין אירע אויגן בלישטשעט שוין עפּעס שטילס און באהאלטנס, שטייענדיק א פארביסענע אנקעגן דעם פײַערל. זי קוקט טיילמאָל אויך נאָך דעם זון מיט א שטילשווײַגנדיק נאָכשאָקלען מיטן קאָפּ הינטער זײַנע פּלייצעס, און דעמאָלט בלישטשעט אויך דאָס אייגענע שטי־לע פײַערל, פאר וועלכן די שנור וואָלט א ווי גערן אנטלאָפן אין יענעם עק אריַין.

און ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז — דערנעענטערט זי זיך איינ־מאָל צום זון:

— יִיצכאָקל, וואָס וועט זײַן דער טאכלעס? — פרעגט זי אים מיט אן אָפּגעלעגן קאָל, — הא?

— וואָס ווילסטו, מאמעשי, האָסט מיך געהייסן כאסענע האָבן, האָב איך כאסענע געהאט, — ענטפערט ער מיט א שטארקער מע־לאנכאָליע אין פּאָנעם, און דאָס ווײַבל ברעכט אויס אין א געוויין.

אין שטוב איז געוואָרן א יאָמקיפּער, עס האָט זיך געהערט א ביטערע יעלאָלע פון ווײַבלס צעהעשעטן האַרץ ארויס, נאָר יײַצכאָקל איז שוין געשטאַנען צוריק מיטן פּאָנעם אין דער שויב, צוגעלייגט דעם הייסן שטערן צום קאַלטלעכן גלאָז און זיך גאָר־נישט ווייסנדיק געמאַכט.

די זינדיקע מאַמע, די וויסטע אַלמאָנע, האָט געקוקט אויף אים פון הינטער די פּלייצעס מיט צוויי גרויסע אויסגעשטעלטע טרויער־אויגן, ווי אויף א לעבעדיקן באַרמינען, און האָט אָפּזיפּצנדיק גענומען דאָס טיכעלע אפן קאָפּ און זיך ארויסגערוקט פון שטוב צו זיך אהיים.

דאָרט האָט זי ליגן קניפּלעך, וואָס איין גאָט ווייסט, אז דאָס איז איר אייגן בלוט און האַרץ — צײַט איר מאַן איז געשטאָרבן און דאָס רווישיקע לעבן האָט זיך איר געענדיקט. דער מאַן איז שוין מער נישט אהיים געקומען מיט א רווישיקן קלונג פון אויס־שיטן די קעשענע־געלט אפן טיש נאָך דעם אָפּלייזן פאַר דער קויקע פיש — האָט זי זיך אין אירע פיר איילן שטיבל מיטן קליינעם פּענצטערל מיט די גרינע שײַבלעך, וואָס לאָזן קיין שטראַל פון דער זון נישט אדורך און ס׳איז טונקל אין שיינעם העלן טאָג, ווי אין א גריבל, ווײַל דאָס שטיבל האָט טאַקע אן ערדענע פּאָדלאָגע אויך — האָט זי זיך דאָרט אײַנגעטוליעט מיט אירע אַלע געדאַנקען אין איינס ארײַן, אז זאָל זי כאָטש האָבן א פּאָר שמאַטקעלעך מיט געלט, אז זי זאָל כאָטש אין דעם א טרייסט געפינען אף איר אַלטן האַרץ. זאָלן אַנדערע ווײַבער האָבן מאַנען, און זי — א שמאַטקעלע געלט. זאָל זיך יענע דאַכטן, אז זיי לעבן אף דער וועלט, און זי גאָרנישט. נאָר אז עס קומט בא־נאַכט, ווען יענע שלאָפן שוין אַלע אין די בעטן, און איר לעדנדל דאָס קלייניטשקע איז שוין אויך פאַרמאַכט, און אין דרויסן הערט זיך שוין קיין שאָרך נישט פון קיין לעבעדיק באַשעפעניש, און דאָס שטיבל מיט די פיר ווענטלעך, דאַכט זיך, איז אין שטילקײַט פאַרזונקען — ערשט דעמאָלט האָט זי זיי אַלע אין דער ערד, און עס הייבט זיך אָן איר וועלט. און איין גאָט ווייסט, אז שטענדיק, ווען עס קומט די האַלבע נאַכט, זיצט זי בא א האַלב־גראָשנדיק ליכטעלע און ציילט שטיל און קלינגט שטיל,

און איר אויער פֿאַרנעמט דעמאָלט אַזויניע זיסע קלאַנגען פֿון דעם געלטוניו... פֿון דעם געלטוניו... אַז קיין בעסערע שירע דאַרף מען שוין אין הימל פֿון די מלאָכים נישט הערן, ווי זי הערט דאָ אויף דער ערד. און נישט איינמאָל טראַכט זי, שוין ליגנדיק אויפֿן געלעגער, נאָכדעם ווי זי האָט שוין דאָס ליכטעלע פֿאַרלאָשן, און נישט געלאָזט עס ברענען קיין איבעריקע רגע נאָך די שמאַטקעלעך צוריק איינפּאַקן, אַז ווען מע זאָל זי פֿרעגן אויף יענער וועלט, וואָס פֿאַר אַ גאַניידן ווילסטו? וואָלט זי געזאָגט: זיצן און ציילן געלט. מער נישט ווי צווי ווערטער. דערביי פֿאַלט איר איין: אויב ס'איז עמעס, ווי מע זאָגט, אַז אין גאַניידן איז פֿאַראַנען געפּלאַסטערטע ווענט, טאָ וווהין ווערט זי אירע שמאַטקעלעך קענען פֿאַרשטעקן? און זי קלערט זיך באַלד איבער, אַז זי וועט זיך אויסבעטן אויך מע זאָל איר געבן צוריק דאָס שטיבל פֿון דער וועלט: וואָס טויג מיר געפּלאַסטערטע ווענט...— ווערט זי קלוימערשט זאָגן אין אַ געלעכטערל — געפּלאַסטערטע ווענט זיינען פֿאַר די ווייבער, וואָס האָבן מאַנען...

נאָר פֿונדעסטוועגן זעט וואָס אַ מאַמע איז. נאָך אין יענעם טאָג, ווען דער זון איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם אין דער שטיב אַריין און די שנור האָט אַזוי ביטערלעך געוויינט, האָט עס איר האַרץ געריהרט, און צום „זונעשי" איז זי געקומען צו קריכן באַלד צומאָרגנס.

— זונעשי, וואָס וויל איך דען פֿון דיר? איך וויל דאָך נאָר, דו זאָלסט נישט אויסגיין פֿאַר הונגער.

נאָר דער זון האָט זיך נישט אומגעדרייט צו איר.

— נו וואָס־זשע פֿאַר אַן אייצע זאָגט איר, שוויגערשי? — האָט זיך די שנור באַ איר געבעטן.

— איך וויל אייך אויסלייען טעלעכע קערבלעך, — האָט די שוויגער געזאָגט.

— טעלעכע קערבלעך?

— יאָ... נאָר נישט, כאָלילע, אויף אופּצועסן, איך וויל איר זאָלט זיך מאַכן אַ שטיקעלע האַנדל.

— און וואָס־זשע פֿאַר אַ האַנדל פֿאַר טעלעכע קערבלעך?

— וואָס גאָט וועט געבן, אַ „טשיינע" מאַכן, אַ קוֹסל אויף

טיי איינמויערן, און אז גאָט וויל קען ער דאָ אהער אויך שיקן האצלאָכע.

— נו זאָל שוין זײַן, שוויגערשי, וואָס איר ווילט, — האָט די שנור מיט טרערן אין די אויגן געבעטן.

— און זאָג־זשע נאָר, דו האָסט דאָך, דאכט זיך מיר, עפּעס א קייטל?... דו ווייסט דאָך, אז קיין אייגן געלט האָב איך נישט, פונוואנען, נאריש קינד, — זאָלן מיר אזוי ביידע נישט וויסן פון קיין צאר, ווי בא מיר אין שטוב געפינט זיך נישט א גראָשן. און אז גיין ווײַטער לײַען צו א פרעמדן מוז מען דאָך געבן עפּעס א מאשקן?

די שנור האָט ארויסגענומען איר ארבעס־קייטל, וואָס מע האָט איר געקויפט צו דער כאסענע און וואָס איז ווערט געווען עפּשער א פינף־און־צוואנציקער, און די אלטע שוויגער האָט עס צוגענומען, צוזאָגנדיק צו שאפן עפּעס געלט.

— קיין סאך — האָט זי געזאָגט — וועט זי נישט קענען. נאָר עטלעכע רובל וועט זי מינאסטאם שאפן...

— מיילע, — האָט די שנור געווישט די טרערן פון די אויגן מיט א שפּיץ פארטעך, קוקנדיק אף איר לעצט צירונג, וואָס גייט שוין פון שטוב ארויס, — זאָל זײַן עטלעכע רובל, וויפל מע וועט דארפן אפן קעסל און אף איינצומויערן.

באלד האָט די שוויגער צוגעשיקט א פורל ליים מיט ציגל צו דער שטוב, מע האָט א קעסל אויך געשאפט און אײַנגעמויערט, און אין שטוב, האָט זיך געדאכט, האָט אביסל נאָכגעלאָזט די דריקונג...

אלע באגינען פלעג שוין דער וואסערפירער צופירן אהער צוויי פעסלעך וואסער, אָנצוגיסן דאָ אהער אין די ליידיקע פעסער. מע האָט שוין געזען ווײַבער ארויסטראָגן באהאלטענע טשײַניקעס טיי אונטער די פארטעכער, אז עס זאָל נישט קאלט ווערן איבערן וועג, און אלע אינדערפרי פלעג שוין די מוטער קומען א קוק טון, וואָס די צוויי קינדער מאכן, זען ווי אָנגעלייגט עס איז בא זיי, דאָס וואָס זי האָט זיי מאמעש דאָס לעבן געראטעוועט.

און דאָ פלעג זי שטיין, שוין נישט ווי פריער, אלס מאמע, וואָס קומט צו גאסט, אָדער נאָר צוצוהעלפן מיט עפּעס א וואָס

עס איז, נאָר ווי א מאמע א קאַפּיטאַליסטקע, וואָס האָט דאָ אהער איר קאַפּיטאַל אריינגעלייגט, און וויל האָפן א גרויס נאכעס דער־פון צו דערלעבן. דערביי האָט זי דער שנור, וואָס האָט זיך גע־רירט ארום קעסל, פּאַריסט, פּארשאַרצט די הענט און פּאַרהאָרע־וועט, אז דער שווייס האָט גערונען — געגעבן פאַר־שידענע אייצעס פון וועגן דעם, ווי אזוי עס וואָלט געווען בעסער צום ברענען און דער קעסל זאָל האַלטן לאַנג היץ, אז ער זאָל נישט דאַרפן אזויפיל הייך־מאַטעריאַל איינצושלינגען: עפּשער א שטיקעלע טאָרף, עפּשער א שטיקעלע דאָס, עפּשער א שטיקעלע יענץ, אבי מע זאָל זיך קענען עפּעס איינבערענגען, און דערביי האָט זי אויך נישט פאַרגעסן נאָכצוקוקן אלע קוינים מיט די אלע גראָשנס וואסער אין די טשייניקעס אריין, וואָס האָבן זיך איבער דער צייט, וואָס זי שטייט דאָ, אדורכגעוואָרפן, און כאַפּן שלעגיש דעם רעכנונג, וויפל דאָס מאַכט אויס אלץ צוזאמען, און געקומען צו דעם באַשלוס, אז ווען די שנור זאָל נישט זיין אצינד קיין פּראַסערן (אויסבערענגערן אף לוקסוס־זאַכן), אָט אצינד, ווען עס הייבט זיך אָן צו שלעפּן דער גראָשן לייזעכץ, וואָלט זי געקענט ווערן א שטיקעלע לייט. און נאָך דעם אלעם נישט פאַרגעסן זי אויך צו דערמאַנען וועגן איר כויוו, אף וועלכן די שנור האָט געענטפערט מיט א טרויעריקן שאָקל מיטן קאָפּ: מיילע, גאָט וועט העלפן...

— הא — האָט די שוויגער געזאָגט — אָבער וואָס פאַר אן ענטפער איז דאָס?

— אז וואָס, אז גאָט וועט העלפן?

— יאָ...

— נו, מיילע, איך זאָג דאָך אייך, שוויגער, אז גאָט וועט העלפן...

— אָבער, מיין קינד, אין קיין לערע קיילע קומט דאָך די בראָכע נישט אריין און גאָט העלפט דאָך נאָר, אויב מע האָט עס אויך אינזינען, אויב מע טוט עפּעס דערפאַר.

— אוואדע האָב איך עס אינזינען, אוואדע טו איך עפּעס דערפאַר.

— אזוי איז שוין גוט... — האָט די שוויגער געזאָגט, — זע־זשע, מיין קינד, דו זאָלסט עס אינזינען האָבן.

— וואָרעם, הערסטו דאָך, וועגן דעם „גאָט וועט העלפן" דערציילט מען א שיין מײַסעלע, — האָט זי אין א ווײַלע ארום ווײַטער אָנגעהויבן קלוימערשט מיט א געלעכטערל דער שנור אין פּאָנעם אַרײַן און גלאט אזוי, גלײַך זי איז גאָרנישט אויסן,— מע דערציילט, ווי א קאָזאק האָט אמאָל בא א ייִד צוגענומען דאָס גאנצע געלט און געזאָגט אים: „ניע באָיסיא, יעווריי, גאָט וועט דיר העלפן... איך וויים, אז די „יעווריעיס" האָבן א גוטן גאָט".

— נו, אנקעגן וואָס זאָגט איר דאָס? — האָט די שנור איבער־געפרעגט, — אנקעגן דעם, וואָס איך האָב פריִער געזאָגט...

— ניין, ניין, כאָלילע... איך זאָג נאָר גלאט אזוי אין דער וועלט אַרײַן,— האָט די שוויגער זיך פארענטפערט, — איך מיין אנקעגן דעם־אָ... גלאט אזוי...

— נו יאָ,—האָט די שנור געזאָגט. און ביידע ווײַבער האָבן זיך גאנץ גוט פארהאלטן צווישן זיך.

דערנאָך האָט די שוויגער ארויסגענומען א סיצן טיכעלע פון קעשענע און געגעבן דער שנור:

— דו זעסט אָ — האָט זי איר געזאָגט — אז גאָט העלפט, אין א שטוב, אז עס לייזט זיך, לייגט מען דאָ אהער אַראָפּ א גראָ־שעלע, אלע טאָג א גראָשעלע, א גראָשעלע צו א גראָשעלע, מע פארבינדט עס און מע שטופּט עס הינטערן בעליק ארונטער, אָדער ווו אף א זיכער אָרט. און דערנאָך, אז גאָט העלפט, קומט עס שיין צונוץ — א כויוו אָפּצוגעבן, אָדער וואָס...

דער שנור האָט שוין דער קאָפּ ווי געטון פון שטיין און אויסהערן אזוי פיל געפּלוידערײַ און זי האָט געמוזט צונעמען דאָס טיכעלע און צוזאָגן איר, אז זי וועט שוין אזוי טון.

דערנאָך איז זי, די שוויגער, צו־צום זון.

— נו, ייִצכאָקל, ווי גייט עס דיר עפּעס?

— אין וואָס?

— ס'איז גוט א מאָמען צו האָבן, הא?...

— אוי, איך וויים נישט וואָס דו ווילסט פון מיר, — האָט ער זיך שוין געמאָרשטשעט אפן שטערן, ווײַטער קוקנדיק שטארק קרענקלעך אף איר.

— צי ס'איז דיר עפּעס, זונעשי?

— ניין...

— נו, פאַרוואָס־זשע דען ענטפערסטו נישט צו דער זאַך? איך פרעג דאָך דיך, ווי עס גייט דיר עפּעס אין געשעפט.

— וואָס פאַר א געשעפט?

— וואָס, דו ווייסט נאָך גאָרנישט? — האָט זי אויסגעשטעלט אף אים א פּאָר אויגן פאַרוואונדערט.

— איך ווייס גאָרנישט...

— דו ווייסט נאָך גאָרנישט, — א בראָך איז צו דער מאמען!

— וואָס ווילסטו פון מיר, מאמעשי? לאָז מיך אָפּ, — האָט ער זיך קרענקלעך געבעטן.

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ווי הייסט, דו ווייסט נאָך פון גאָרנישט?

— אָבער איך וויל נישט וויסן, — האָט ער שוין הארטער געזאָגט.

— וואָס, דו ווילסט נישט וויסן?... ליבער גאָט אין הימל, — האָט זי אָנגעהויבן שטאמלען, — און פון מײַן געלט, וואָס איך האָב דיר געגעבן, ווייסטו כאָטש?

ייִצכאָקל האָט זיך אוועקגעדרייט מיטן פּאָנעם אין שויב אַרײַן און זי איז אים הינטערן אקסל ארונטערגעשפּרונגען.

— אָבער פון מײַן געלט, וואָס איך האָב געגעבן, ווייסטו כאָטש?

ייִצכאָקל האָט נישט געענטפערט און בלאָס דערשראָקן און אופגערעגט האָט ער געקוקט דורך דער שויב ארויס.

— געוואלד, ריבוינעשעלוילעם אין הימל, — האָט זי אויסגע־שריגן, — דער מענטש ווייסט דאָך גאָרנישט וואָס מע רעדט צו אים, און אז דײַן ווײַב טראָגט שוין, און אז דו ביסט שוין באלד א טאטע פון א קינד, דאָס ווייסטו שוין?... דו שפּירסט דיך, צי נים?... געוואלד, דער מענטש איז מעשוגע!

— הא? — האָט ייִצכאָקל געגעבן א קום אום, נאָר איר אפּ־צעלאָכעס, אז ער זאָל זי דערקרענקען צום טויט, האָט ער גע־געבן צוריק א שטעל־אָן דעם בליק אין דער שויב אַרײַן ווי פריִער. זאָל זי טאקע מיינען, אז ער איז מעשוגע... איז אים אײַנגעפאלן פּלוצלינג א געדאנק.

— געוואלד, ער איז מעשוגע !... — האָט זי אין דער געשווינד צײַט געהאַט נאָך איין מאָל אויסצושרײַען. נאָר מער האָט שוין ייִצכאָקל נישט געקענט דולדן און מיט אָנגעגאָסענע אויגן פון בלוט און וואָס האָבן געשפּריצט און געקאָכט מיט מעשוגאַס און אופרעגונג האָט ער זי געגעבן א כאַפּ מיט איין האַנט אונטערן קאָלנער, א טראָג־צו צו דער טיר און א וואָרף ארויס.

ייִצכאָקלען איז באלד דאָס בלוט ווי אויסגעלערט געוואָרן פון פּאָנעם, א קאַלך־ווײַסער מיט נאָך ווילד־צעשראָקענע אויגן איז ער געבליבן שטיין און ביסלעכווײַז איז עס אים אינגאנצן פאַר־גאַנגען געוואָרן, דאָס פּאָנעם, און אויסגעלאָשן, א כאלאָשעס האָט זיך דערויף געלייגט.

און פון הינטער דער טיר האָט זיך שוין געהערט א קלאָג־לידעלע אויסזינגען. דאָס ווײַבל אין שטוב, וואָס האָט דאָס אלץ צוגעקוקט, האָט אויך אָנגעהויבן צו וויינען. א האַלב שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן הינטער דער טיר הערן, ווי דאָס מאַמעלע וויינט פאַר איר האָב און גוטס, וואָס דער זון האָט בא איר אוועקגערויבט. און אין שטיבל האָט זיך געמאַכט צוריק יאָמקיפּער.

ערשט דעמאָלט האָט זיך די מוטער אופגעהויבן פון דער ערד הינטער דער טיר, א גאַנצן וועג אהיימגייענדיק האָט זי זיך גע־זונגען איר קלאָג־לידעלע, אז קופּעס מיט מענטשן, ייִנגלעך און ווײַבער, האָבן זי צובאַגלייט ביז צו איר טיר ווײַטער — און ערשט דאָרטן האָט זי זיך אײַנגעגעצט א פּאַטשיילעכל אין וואַסער און געלייגט זיך אין בעט ארײַן מיט אן ארומגעבונ־דענעם קאָפּ...

אין יענעם טאָג איז ייִצכאָקל געגאַנגען שפּאַצירן איינער אליין אונטער דער שטאָט און איז שטיין געבליבן באַם טײַך, ווי א סטאַטוע...

ער האָט שוין אליין נישט געוווסט, אף וועלכער וועלט ער דרייט זיך ארום, און צו וואָס טויג ער נאָך דער וועלט, צו וואָס דאַרף זי אים צו האָבן ?

אז עס קומט די נאַכט, באַהאַלט ער זיך פאַר זײַן ווײַב, ווי א פייגעלע פאַר דעם שפּאַרבער, און נישט איינמאָל כאַפּן זיי זיך ביידע אוף, באַגינען, ווען דער טאָג גייט אוף, אין באַזונדערע

ווינקעלעך. ער, וואָס האָט געקלאָגט א גאנצע נאכט מיטן פּאָנעם אין די הענט אריין, און זי דעסגלייכן, ווי די צען באָכורים מיט די צען בסולעס, וואָס זיינען צונויפגעפּירט געוואָרן אין כורבן יערושאָלאיִם.

און איינמאָל האָט ער שוין גאָר אינגאנצן דערשפּירט, וואָס עס הייסט זיך ארומדרייען אן איבעריקער אף דער וועלט. עס איז געוועזן אין א באגינען, האָבן אים א גאנצע טשאטע מיט ווייבער ארויסגעריסן פון בעט און ארויסגעשטופּט פון דער שטוב:

— ארויס, ארויס, קיין מאנספּארשוין טאָר דאָ נישט זיין!..— האָבן זיי אים אלע באגלייט מיט די הענט. ער האָט קאָם גע־דוינזשעט צו כאפּן אף זיך די פּאנטאָפל מיט דעם כאלאטל און צו אנטלויפן ווו די אויגן וועלן אים טראָגן, מיט אזא אימפּעט און צעקאָכטקייט זיינען זיי אים באפאלן.

ער האָט אויך דעמאָלט געהערט דאָס קרעכצן פון זיין ווייב אין אנדערן בעט, א פארשטיקט ברומען און ווייען־אויסגעשרייען מיט פארדומפּענע איינגעהאלטענע קוילעס — און ווען ער איז גע־קומען צוריק, האָט ער שוין געטראָפן דעם ווייבס א פארהאנגן בעט מיט ליילעכער, ווי א שפּאנישע ווענטל געמאכט, אופגעצויגן אף שטריקעלעך ביז אונטערן בעליק, און אינדערמיט, אף דער שטוב ארויס, האָט געהאנגען אן אָנגעשטאָכן שיר־האמיילעס־בריוול...

ווייבער זיינען אים ווייטער אנטקעגן געלאָפן מיט פארויטלטע פּענימער און בלישטשענדיקע אויגן, יעדערער באזונדער שטארק מאכנדיק אף אים מיט די הענט, ווי יעדע פון זיי וואָלט גע־וואָלט עפּעס ארייננכאפּן וואָס פריִער — און אלע אין איין קאָל און מיט איין אויסגעשריי:

— מאזלטאָוו, מאזלטאָוו, א ייִנגל!..— אז ייִצכאָקל איז אזש איינגעשרומפּן געוואָרן פאר שרעק. ער האָט געמיינט, אז מע לאָזט זיך אף אים מיט א געיעג, און ער האָט זיי דערנאָך לאנג געקוקט אין די פּענימער, נישט דערקענענדיק זיי.

ערשט שפּעטער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעלע און מיט שטילע אויגן ארויסגעקוקט פונדאָרט אף דער שטוב:

צי קען דאָס מעגלעך זײַן, אז ער, ייִצכאָקל, דאָס קליינטשיקע ייִנגל, וואָס האָט געליבט דווייִרעלען, זאָל שוין זײַן א טאַטע, האָבן א ווײַב מיט א קינד?...

די אלטע מאמע האָט זיך שוין אויך דאָ ארומגעדרייט. ווי נאָר זי האָט דערהערט, אז די שנור גייט צו־קינד, איז זי גע־קומען צו לויפן און פארגעסן אָן דעם גאנצן זונס באליידיקן. זי האָט זיך גענומען רײַסן ווינדעלעך, פּילקעלעך און געפּאָרעט זיך בא אלץ וואָס מע דאַרף, און אזוי ווי קיין וואַרטאָרן איז נישט געווען און קיין קעכן אויך נישט — האָט זי שוין געמוזט דאָרט פארבלײַבן פאר אלץ.

האָט זי זיך ארײַנגעכאפּט צוריק, ווי אין איר אלט אמאָליק גוט — געהיטן די קינפּעטאָרן מיט עפּעס אונטערצוגעלען דאָס הארץ, און די גאנצע שטוב אינזינען געהאט. נאָר אזוי ווי הולטײַען האָט זי נישט געקענט דערלאָזן, עס זאָל דערנאָך נישט זײַן מיט וואָס איר כויוו צו דעקן — און כאָטש עס האָט שוין הײַנט גיכער נישט געפעלט דער גראָשן אין שטוב, ווי פריִער, — דאָך האָט זי זיך צוריק גענומען צו אירע אלטע געשעפטן; געקליבן שפענדלעך אף דער גאס, געגאנגען אלע אינדערפרי אָנקלויבן שטשאוועלעך אף דער לאָנקע, מיט פאר א גראָשן מילך פון גאס און געקאָכט א מאָלצײַט פאר זיך מיט דער גאנצער שטוב, אזוי גוט ווי פריִער, נישט אראָפּ קיין פלעק.

און דער זון איז געשטאנען אף איין אָרט. נישט געעירט זיך, אָדער אז גאָר גוט, האָט ער זיך געדרייט פון ווינקל צו ווינקל, א שפּאַן אף א שפּאַן די גרייס, און געווען שטארק פארטון אין זיך ארײַן, זיך נישט אומקוקנדיק אפילע וואָס די מאמע טוט און וואָס אין שטוב טוט זיך, גאָרנישט, עס איז נישט זײַן דײַגע געווען. מיט וואָס מע האָט איבערגעלעבט די גאנצע אכט טאָג האָט ער נישט אָנגעהויבן צו וויסן און צו געדענקען. ער האָט טיילמאָל נישט געדענקט אפילע, וואָס פאר א טאָג הײַנט איז, און שטייענדיק אין טאַלעס און טפילין אָנגעטון אין א ווינקעלע מיטן פּאָנעם ארײַנגעטיפט, האָט ער געקענט אָפּשטיין מיט א פאר־קוועטשטן שטערן א האלבע שאָ צײַט, בלויז אף צו דערמאָנען זיך, וואָס פאר א „יאָם" מע זאָגט הײַנט. און האָט ער זיך נישט

דערמאָנט, האָט ער זיך געקענט אַרומדרייען, ווי לאַנג א פּאר־מאַשקנטער, און נישט אויסגעטון פון זיך דעם טאַלעס און טפילין, און האָט זיך דערווײַל פאַרכאַלעמט אין אַזעלכע כאַלוימעס אַרײַן, אין אזעלכע זומפּיקע, אז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען — און דעם טאַלעס און טפילין האָט ער אַלץ נישט געקענט אויסטון; ווײַל פון צווישן די אַלע כאַלוימעס אַרויס האָט זיך ווי געפּיקט איין דרעמלענדיק געדאַנקל, ווי עס פּיקט זיך א הינדעלע מיטן שנאָבעלע פון דער אייער־שאָל אַרויס, און דאָס האָט אים ווי געשלימערט אין געדאַנק, אז עפּעס פעלט אים נאָך, עפּעס האָט ער נאָך נישט דערדאַוונט, און ער פלעג ווײַטער אָפּשטיין א האַלבע שאָ, איידער ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס פעלט אים נאָך, ביז ער איז אַרויסגעקומען פון די אַלע געדאַנקען ווײַטער צוריק אף דאָס אייגענע, אז דער „יאָם" פעלט אים. נאָר דאָ האָט ער ווײַטער נישט געוווסט, וואָס פאר א „יאָם" מע זאָגט הײַנט...

פון דעם אַלעם זענען דאָך די טעג נישט געשטאַנען און עס האָט געמוזט אָנקומען דער אַכטער טאָג, דער טאָג פון בריס־מילע.

און דאָ איז ווײַטער געשען מיט יִיצכאָקלען אזוינס, וואָס קיין שום מענטש פאַרשטייט עס נישט. באַלד אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט א הייליקן שוידער פון בעט אַרויס, עפּעס ווי א פורכט און אן איימע וואָלט אים אַרומגעכאַפּט: געוואַלד, הײַנט ברענג איך מײַנס א קינד „בבריתו של אברהם אבינו", און ווי א פייגעלע אין שטורעם אזוי האָט ער זיך געשווינד אויפגעכאַפּט עפּעס צו טון דערפאַר — און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געקענט, איז געווען לויפן אין מיקווע אַרײַן.

א גאַנצן וועג האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, נישט לינקס און נישט רעכטס, אַזוי שטאַרק פאַרטון איז ער געווען אין זיך אַרײַן. ער איז אַליין ביִעכידעס אַרײַן אין וואַסער, האָט זיך גיך אָפּגעטויוולט, אָפּגעוואַשן דאָס לײַב, קלאָר, ריין, אז ער זאָל קענען זוכע זײַן זײַן קינד ברענגען אין יִידישן דאַס אַרײַן בי־קדושע ווטאַהאַרע, און ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן אף קיין שום זינדיקע מאַכשאָווע, נאָר שנעל, בליץ־שנעל צוריק אַרויס פון וואַסער אין דער הויך, ווו דאָס באָד איז געווען.

דאָס גאַנצע געבײַ איז ווי געשלאָפן א מידן שלאָף און די שטילקײַט האָט מען געקענט אָנטאַפּן. דורך די קליינע שײַבלעך אין דער הויך איבער די בענק, פאַרפּאַטשקעט מיט בעזעם־בלעטלעך האָט זיך קאָם דער טאָג אַרײַנגעשלײַכט. אין דער מיט באָד איז געשטאַנען אַן אַלטער פאַרצײַטישער אויוון, ווי א קופּע א גאַנצע מיט ציגל מיט צוויי שוואַרצע לעכער, וווהין מע האָט דאָס וואַסער אויפגעגאָסן אויף די שטיינער, וואָס זײַנען געלעגן אינווייניק, ווען מע האָט געדאַרפן. און ערשט איז דאָרט געווען אַזוי פּוסט, אַזוי טונקל און אַזוי וואַרעמלעך, און דאָס שפּילן פון א גריל האָט זיך פונדאָרט אַרויס צעגאָסן מיט א שאַרף און קנאַקנדיק געפּישטשערײַ, וואָס האָט געמאַכט די שטילקײַט נאָך שטילער, נאָך שטאַרקער.

ייִצכאָקל האָט זיך צו אין ערגעץ נישט אומגעקוקט, נאָר אַריבערגעלאָפן געשווינד דאָרט, ווו ער האָט געהאַט ליגן דאָס אָנטון. ער האָט זיך שנעל אָנגעטון, און נאָך שנעלער, ווי מע אַנטלויפט פון עפּעס געיאָגט, איז ער אַרויס אַנטלאָפן צוריק אויף דער גאַס.

ער איז געלאָפן מיט דער קאַוואָנע אַהיים צו קומען וואָס געשווינדער און זען ווײַטער עפּעס צו טון. נאָר דאָ האָט אים די מאַמע באַגעגנט נאָך אין דער טיר שטייענדיק און דערציילט אים מיט גרויס פרייד, אַז זי איז שוין געווען בײַ רעבן, מאַזקיר געווען די יוילדעס, געגעבן דעם רעבן דאָס סאַנדעקעס, די צוויי יונגעמאַנטשיקלעך, דעם רעבנס קרויוויִם — אַנדערע מיצוועס און מאָל־זײַן מיט מעציצע — דעם שויכעט; דער רעבע וועט שוין אַליין שיקן נאָך אים, און זיי וועלן קומען אַהער אַלע צוזאַמען.

און ווי ייִצכאָקל דערהערט דאָס, ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן און ער הייבט זיך אָן צו וואַקלען אויף די פיס, צוהאַלטנדיק זיך בײַ די בײַשטידלעך פון דער אָפענער טיר.

ער האָט זיך קאָם דערשלעפּט צו א שטול און אַנידערגעפאַלן אויף איר מיט א בלישטשענדער טרער אין אויג.

דאָס פּאָנעם איז שוין צוריק בלאַס און פינצטער אויסגעלאָשן, דער קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען, און די מאַמע שטייט איבער אים:

— ייִצכאָקל, וואָס איז דיר?

נאָר יִצחאָקל ענטפערט קיין וואָרט נישט.

— ווײ, ווײ, — קלאָגט זי זיך אינדערשטיל, אָפּוועגדנדיק זיך שוין אָן א זײַט, און קוקט נאָך אלעמאָל צוריק פונדערווײַטנס מיט א פינצטערן בליק.

און דאָס ווײַבל הייבט אויך אָן צו קלאָגן:

— יִצחאָקשי, פארוואָס גייסטו נישט עפּעס צוהעלפן, דער אוילעם וועט דאָך שוין באלד קומען, כאָטש איין טיש ברענג ארײַן פון שאָכן.

נאָר יִצחאָקל רירט זיך נישט פון אָרט, טוט אפילע קיין ריר נישט מיט קיין ברעם, און דאָס גאנצע פיר־איילנדיקע שטיבל ווערט פול מיט יעלאָלע.

עס איז שוין געוועזן שפּעטלעך, ווען דער אוילעם האָט זיך צונויפגעקליבן: דער רעבע מיט זײַנע קרויווים די יונגעמאַנטשי־קעס, דער שויכעט און נאָך א פּאָר יִדן כסידים, אזוי גרויס ווי אַן אנדערטהאלבן מיניאָנים מענטשן. אינמיטן איז געשטאַנען דער טיש בעדעקט מיט א ווײַס טישטעך. אקעגניבער איז געשטאַ־נען דער קינפּעטאָרנס בעט פארהאנגען. די קיסע שעל עליִאָהו — איבער דער אנדערער זײַט טיש. עס האָבן געברענט ליכט אין שטייענדיקע לײַכטער — און די מוטער איז געזעסן שוין אָנגעטו־נענערהייט הינטער דער פּאָרהאנג פון בעט מיט דעם געוויקלטן קינד אין קישן און מיט טרערן אין די אויגן אריבערגעהאנגען איבער דעם קינדס פּענעמל און געווארט שוין, ווען זי זאָל דאָס איבערגעבן פון איר רעשוס אָט אין די יִדנס רעשוס ארײַן. הײַנט וועדסטו א יִיד — האָט זי עס הארציק געשושקעט און אָפּגעוואשן עס מיט טרערן — נאָר א יִיד. נישט, כאָלילע, מיט אזעלכע הוירויס, ווי דײַן טאטע איז... — האָט זי ביטערלעך געוויינט.

די באבעשי איז שוין הינטער דער פּאָרהאנג ארונטערגעקומען און געגעבן איר א שטורך, אָנמערקנדיק צום קינד: נו, ס׳איז שוין גרייט?

— ס׳איז שוין גרייט, ס׳איז שוין גרייט... — האָט די שנור, זיך אויסווישנדיק די טרערן פון די אויגן, דאָס קינד איר איבער־געגעבן.

— קוואטער, — האָט זיך דערהערט א דערשטערנדיקע שטימע.

דער גאנצער אוילעם האָט זיך ווי א ריר געטון, אלע מיט די אויגן צו דער פּאָרהאנג. די שוויגער האָט אפּערגעבערענגט דאָס קינד אין קישן, וואָס איז געווען ארומגענומען מיט א גארטעלע, אז די עקן זאָלן זיך נישט צעלאָזן, און א טונקל רויטלעך פּענעמל מיט פארמאכטע אייגעלעך און שארע קעפּל האָט פון קישן זיך ארויסגעזען. זי האָט עס מיט א שאָקל איבערגעגעבן צו א ייִד אף דער האנט, וועלכער האָט עס אויך מיט א שאָקל צוגענומען, און באלד האָט זיך דערהערט נאָכאמאָל דיזעלבע שטימע פון שאמעס:

— קוואטער! — —

און עס האָט עס איבערגענומען א צווייטער ייִד.

אף דער שטול איז שוין געזעסן דער רעבע, לעבן אים איז געשטאנען דער שויכעט, נאָך ייִדן ארום, מע האָט דאָס קינד אריבערדערלאנגט אינדערמיט אריין, ווו דער רעבע מיט א נייער אויסגעשפּרייטער רויטער פּאטשיילע אף די קני האָט עס גענומען אף דער שויס.

און אצינד האָט עס שוין געהאלטן באם פּאָטער, ער זאָל נעמען דעם טאלעס אף זיך, מאכן א בראָכע „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו", נאָר ער ווייזט זיך נישט פארן אויג.

— אווראָם־ייִצכאָק, ייִצכאָק! — ווערט א געקוקעריי פון גאנצן אוילעם אף אלע זייטן.

דער אוילעם האָט אים דערזען און מיט א פארוווּנדערונג געקוקט אף אים, וואָס ער זיצט אזוי אין א באזונדער ווינקעלע דעם קאָפּ געזונקען.

— אווראָם־ייִצכאָק, ווו האָסטו דעם טאלעס? — איז שוין געוואָרן א געשריי פון צווישן אוילעם.

אווראָם־ייִצכאָק איז געזעסן און געשוויגן מיט אראָנגעשלאָגענע אויגן אין דער ערד און געצופּט זיך מיט די ציין דעם שפּיץ נאָגל פון א פינגער.

אלעמענס אויגן זיינען געוואָרן ווי פארגליווערט א ווײַלע שטיין איבער אים.

— הא? — האָט שוין דער רעבע א פרעג געטון, — וואָס זיצט ער?

— כ'האָב נישט קיין קינד פאַר איַיערטוועגן! — האָט ייִצכאָקל אויסגעשריגן און די אויגן האָבן זיך אים ווי מיט בלוט פאַרגאָסן.

— וואָס, הא, ער וויל נישט מאל זיַין? — האָט דער רעבע א געשריי געטון.

דער אוילעם איז בלאס געוואָרן.

— געוואלד, הייליקער רעבע, ער וויל יאָ מאל זיַין, נאָר ער איז מעשוגע... — האָט די מוטער אויסגעשריגן.

— מעשוגע, — איז צווישן גאנצן אוילעם אדורכגעגאנגען א באוועגונג.

— ער איז מעשוגע, מעשוגע, פאַלקאָם מעשוגע! — האָט דער רעבע מיטגעמאכט מיט דעם קאָפּ און מיט אלע ביידע הענט, — לאָז מען דערלאנגען א גלעזל וויַין און א טאלעס, מיילע, דאָס קינד איז דאָך א קינד... לאָז מען עס מאל זיַין! — האָט ער אויסגעשריגן.

עטלעכע ייִדן זענען שוין געשטאנען איַינגעהילט אין די טאַלייסים איבער די קעפּ, איבערגעבויגן אינדערמיט אריַין צום רעבנס שטול, וווּ ער איז געזעסן און געהאלטן דאָס קינד מיטן קישן אף דער שויס. דער אוילעם האָט זיך שטארק פאַרטיפט, מע האָט זיך שוין מער נישט אומגעקוקט אין ייִצכאָקלס זיַיט, וווּ ער איז געזעסן נאָך אלץ אין דערזעלבער פּאָזע. אין שטוב איז געווען אן איַינגעהאלטענע שטילקייַט, עס האָט זיך מער נישט געהערט, ווי דאָס שטילע געוויין פון דער קימפּעטאָרן הינטער דער פאָרהאנג, וואָס האָט דעם שטיבל א שטילע יעמערלעכקייַט צוגעגעבן. און פּלוצלינג האָט זיך דערזעען א שאָקל אוף פון אלע ייִדן אף זייערע פּלעצער, ווי דער אָטעם פון דער איַינגעהאלטענער שטילקייַט וואָלט נאָכגעלאָזט — און דאָס קינד האָט געגעבן א וויין ארויס. עס האָבן זיך נאָך דאָרט געזעען באוועגונגען, א פאַרענזיך בא דעם קינד — באלד א בראָכע „בדמיך חיי" — און א „מאזלטאָוו, מאזלטאָוו"... מע האָט צוריק דערלאנגט ייִצכאָקלס מוטער דאָס קינד. זי האָט עס גענומען מיט דעם קישן צוריק הינטערן פאָרהאנג, וווהין דער אוילעם האָט זיך נאָכגעווונדט: „מאזלטאָוו, קימפּעטאָרן, מאזלטאָוו"... — און זיך אָנגעהויבן צוריק ארויסצורוקן

פון שטיבל הינטערוויַילעכס, נאָך אַלץ קוקנדיק אױף דער פּאָרהאַנג.

— נאָר דו, — האָט זיך דער רעבע געווענדעט מיט זײַנע לעצטע ווערטער צו ייִצכאָקלען, — מוזט אַלפּי דין שוין געבן געט דער ווײַב, נאָך איידער דער סײכל ווערט דיר אינגאַנצן קאַלי... הערסט, ווײַבל, דו אויך... — האָט ער נאָך איבער דער פּאָרהאַנג אויך איבערגעשריגן, — וואָרעם שפּעטער וועסטו שוין זײַן אַ פֿאַר־פאַלענע.

אין שטיבל איז געוואָרן אַ געוויינערײַ. דער רעבע אָן דער שפּיץ און דער אוילעם נאָך אים האָבן זיך אַרויסגערוקט.

שפּעטער אַ ווײַלע איז שוין ייִצכאָקל ווײַטער געגאַנגען שפּאַצירן איינער אַליין אונטער דער שטאָט און שטיין געבליבן פֿאַרן טײַך...

צום איידעם אף קעסט

מענאכם „שוויַיגער"— אזוי פלעג מען אים רופן,— ארבעט בא יענעם פון אינדערפרי ביז אף דער נאכט. ווען ער קומט אריַין, גייענדיק אף אָנבײַסן, צו זיך אפן הויפל, דערקענט ער נאָך הינטער דער טיר, צי איז זיַין פריידע אין שטוב צי נישט. אז זי איז דאָ, זיצט זי פאר דער שוועל, אָנגעטון א פּאָר גלעע, מעשענע ברילן, פארלייגט איבער די אויערן, און פאריכט, לאטעט אָדער שיילט קארטאָפלעס, מיט אן אראָפּגעלאָזט, איַינגעשרומפּט פּאָנעם. דאָסראָוו אָבער ווערט איר דאָס מיִעס און זי גייט זיך דורך צו א שאָכן. דעמאָלט קומט מענאכעם אליין אין זיַין שטיבל, גאָרנישט זיך וויסן מאכנדיק, שלעפּט ארויס דאָס טעפּל פון אש אפן קוימען, גיסט אליין איַין אין א שיסל, וואָס אין טעפּל איז דאָ, און זעצט זיך עסן אָנבײַסן. ער זיצט אנקעגן דעם קליינעם פענצטערל מיט די טונקל־פארגאנגענע שויבן, בא דעם רויט־געפארבטן טישל, איַינגעטיפּט מיט די בליקן אין דער שיסל, און זשאמזשעט, קאם־קאם וואָס דאָס שווארצע בערדל מיט דער שפּיציק אויסגעצויגענער גאָמבע באוועגן זיך, דערביַי באמערקט ער אפילע ניט, ווי די צוויי גלעע בעטן לענגויס בא דער וואנט שטייען נאָך ניט צוגעבעט; ווי אף דעם קעסטל אונטערן כאנוקע־לעמפל איז אָנגעוואָרפן דאָס ברודיקע גרעט, וואָס בלייכט זיך טונקל, ווי קרענקלעכע פּענימער פון א טונקל ווינקל ארויס, און ווי אף דער באנק פארן באק־אויוון שטייט נאָך אָנגעשטעלט די דיניצע מיט נאָך אנדער געפעס, נישט אָפּגעוואשן נאָך פון שאבעס, און די לאנגע העלצער, וואָס שטארן ארויס פון אונטערן סופיט, קוקן אפער צום פענצטערל, ווי דארע אויסגעשטרעקטע הענט, און בעטן

זיך ראכמים צום שטיקל הימל, וואָס בלייכט זיך אריַין דורכן פענצטערל. דאָס אָפענע מויל פון שווארצן באק־אויוון מאכט גאָר מוירעדיק דאָס שטיבל. נאָר מענאכעמען ארט דאָס נישט. ער עסט זיך אָפּ און גייט צוריק צו דער ארבעט.

אף דער שוועל ערשט באגעגנט ער זיך מיט זיַין פריידען. ענע גיט א קוק, בעשאס־מיַיסטע שלעפּט זי ארויס א שפּיזל פון אָק, פארזעצט אים צו זיך היגטערן אויער און פרעגט:

— שוין?..

— שוין, — ענטפערט מענאכעם, ארויסשטופנדיק זיך פון דער טיר.

זי רופט אים וויַיטער:

— שטיי נאָר א רעגע.

ער קוקט זיך אום און שוויַיגט.

— א טאטע דאָס איז, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, — ער פרעגט אפילע נישט, ווו די טאָכטער איז...

— איך ווייס, ס'איז מיַין דיַיגע — —

— באם טיַיך ליגט זי דאָך פון באגינען אָן — פאטשיילעכלעך מיט נאָך דאָרט אירע שמאָכטעס איז זי געגאנגען אויסוואשן.

און מענאכעם שטייט מיט א שיַילע אין די אויגן, ווי איינער רעדט: „נו, איז וואָס?"

— טאָמער זעסטו זי דאָרט, שיק זי אהיים כאָטש עסן...

מענאכעם שאָקלט מיטן קאָפּ.

שאבעס האָט ער מער ציַיט.

ער דאווגט באם ערשטן מיניען, און פריידע בא דעם צוויטן און פארציט נאָך א שטיק אין דריטן, ביז צו דער ערשטער קדושע.

דעמאָלט איז דאָס מיידל זיַינס אויך נישטאָ אינדערהיים — בא כאוועטאָרנס מוז זי אוואדע זיַין, און ער, מענאכעם, כאפּט זיך דורך פון הויפל דורכן הויז אין דער גאס ארייַן און שטעלט זיך ווארעמען אף דער זון.

די גאס איז שאבעסדיק, פאר די שטובן איז אויסגעקערט, בערגעלעך מיסט ליגן אינמיטן דער גאס, און וויַיבער מיט רוישנ־דע זיַידענע קליידער, און מענער אין די טוכענע קאפּאָטעס, מיט

שאבּעסדיק אופגעשטעלטע היטלעך און די טאַלייסים אונטער די אָרעמס, גייען שוין צוריק פון שול.

מענאכעם קוקט דעמאָלט צווישן אַלע קרענצלעך ווײַבער, ער וואָלט שוין גערן געוועז פריידען צו זעען, דאָס געזיכט קאָרטשעט זיך אים פאַר הונגער, נאָר זי קומט נישט.

— מענאכעם, — פרעגט אַ שאָכן, וואָס שטייט באַ דעם צווייטן הויז, — וועמען קוקסטו אַזוי אויס?

— זי... פריידען...— ענטפערט מענאכעם, און די אויגן קריגן דעמאָלט אַזאַ פאַרלאָפּענעם, פײַכטן גלאַנץ, אַז ס'איז אַ גאָטס ראַכמאָנעס.

— און האָסט נאָך נישט געגעסן? — פרעגט ווײַטער יענער וואָס קוקט אויך אַלע מינוט אופגערעגט אין גאַס אַרײַן.

מענאכעם וויל זיך אַזש צעוויינען.

— אַזוי, אַזוי, — רעדט יענער ווײַטער, — פירן זיך די ווײַבער באַ אַלע קדושעס מוזן זיי אויס זײַן, און די היים האָט מען אין דער ערד...

נאָר מענאכעם הערט אים שוין נישט, גייט זיך צוריק אַוועק צו זיך אין שטיבל, עפּשער וועט ער כאָטש געפינען אַ לעפל קאַלטע פערפל פון נעכטן, אַ פּאָר פלוימען, כאָטש אַ פּאָר יענגאָלקעס, דעם הונגער צו שטילן.

דערפאַר גיט אים פריידע שפּעטער אַ קוגל מיט אייל.

שאַלעסודעס איז שוין נישט פון די גרויסע זאַכן, דעמאָלט איז נאָר אַבּי טויעם צו זײַן, אַבּי אַ קעזאַיִס.

און באַ דעם קעזאַיִס דערמאָנט ער זיך אַ ניגנדל פון אַ רעבּן, וואָס איז אַמאָל דאָ דורכגעפאָרן... און מענאכעמען ציט דאָס ניגנדל, ווי אַ מאַגנעט. אין שטוב איז פּינצטערלעך. אַ געלע, בלייכע שײַן שלאָגט נאָך קאַם אַרײַן דורך דעם קליינעם פענצ־טערל, און מענאכעם זיצט, די אונטערשטע טייל אײַנגאַנצן פאַר־זונקען אין פּינצטערניש, נאָר וואָס דער קאָפּ שטאַרט אַרויס קעגנאיבער דעם פענצטערל, און ער זינגט זיך זײַן וועגס.

דאָס ווײַב מיט דער טאָכטער זיצן דעמאָלט אָפּן בעט הינטער זײַנע פּלייצעס, פאַרשטעלט שוין אין דער פּינצטערניש, נאָר וואָס די געזיכטער בלייכן זיך אַרויס פון דער טונקלקײַט. זיי הערן

זיך אײַן, און דאָס ניגנדל איז זיי שוין אזוי גוט באַקאַנט, אז נישט װילנדיק כאַזערן זיי עס אליין איבער שטילערהייט.

װען דאָס ניגנדל הערט אוף צוזאַמען מיט די לעצטע װערטער פון „אתקינו סעודתא״, שוועבט נאָך לאַנג אַרום אין דער הוילער פינצטערניש דער אָפּקלאַנג פון א געפּײַניקטער פליג, װאָס האָט זיך ערגעץ אין א װינקל אונטערן סופיט פארפּלאָנטערט אין א נעץ פון שפּינוועבס און צאַפּלט זיך און ראַנגלט זיך יעמערלעך־קלאָגנדיק.

אז ער האָט אָפּגעבענטשט, שטייט ער אוף, קוקט דורך דעם פענצטערל מיט אזוינע שטילע טרויעריקע בליקן, ווי דער שטערן, וואָס האָט זיך שוין אפן הימל באַוויזן.

באלד גייט ער אוועק אין בעסמעדרעש.

פריידע בלײַבט פארטיפט אין אירע געדאנקען. זי האָט א מיידל שוין לײַטן גלײַך, און דער טאַטע אירער מאַכט זיך גאָר־נישט וויסן...

נאָר איינמאָל, ווען זי האָט שוין א לאַנגע צײַט נאַכט־בא־נאַכט נישט געקענט קיין אויג צוטון, האָט זי אים אָנגע־כאַפּט:

— מענאַכעם, וואָס וועט זײַן דער סאָף?.. האָסט שוין א מיידל, קיין אײַנהאָרע, א שידעך צו טון — — און וואָס זאָגסטו?

מענאַכעם האָט געוויינלעך געשוויגן, און זי האָט אים ווײַטער דערציילט:

— דער באָכער, וואָס איז געבליבן נאָך אוראָמען, אָלעוו־האַשאָלעם — א ווױלער באָכער... די מוטער זײַנע, עסטער, האָט מיך דאָ אָנגעכאַפּט און דערציילט מיר, וואָס פאר א גוט קינד ער איז, ס׳איז דאָך גלאַט א צירונג פאר א מאַמען... מע האָט געמיינט, אז נאָך אוראָמס טויט מעג זי זיך אויך באַגראָבן לעבעדיקער־הייט — — צום סאָף... דער באָכער איז א ווױלער באָכער... ער האָט הײַיאָר פארדינט שיין געלט אָן אַ סאָד, א סאָד האָט ער געהאַלטן. און וואָס פעלט אים, כ׳לעבן!.. און ווידער, אַן אייגן הײַזל האָט ער דאָך אויך, זײַן יערושע...

— מיילע... ווי דו פארשטייסט.— האָט מענאַכעם געענטפערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

האָט גאָט געהאָלפן, עס איז געקומען א שאבעס־נאָכן שלאָף האָט זיך אף דער שוועל פון דעם קליינעם שטיבל באוויזן א מעכוטענעסטע אין א שווארץ קאַזשמיר קלייד מיט א ברוין טיכעלע אף די אקסלען און א קאָפּקע מיט ציטער־שפּילקעס אפן קאָפּ. זי האָט זיך שמייכלענדיק אריַינגעשטופּט אין דער אָפענער טיר און נאָך איר איז נאָכגעגאנגען אן אויסגעפּוצטער כאָסן, א שטילער, מיט איין האנט צופנדיק זיך בא דעם קאם אויסגעשפּראָצטן וואָנ־צעלע אף דער אייבערשטער ליפּ, און שארט זיך נאָך נאָך דער מוטער, ווי ער וואָלט נישט געקענט קיין צוויי ציילן.

— גוט שאבעס, גוט שאבעס! — האָט די מעכוטענעסטע, ווי אופגעריכט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ס'הייסט ווי: דאָס בין איך, און דאָס איז מיַין זון.

— גוט שאבעס, גוט שאבעס, — האָט אויך פריידע גוטהארציק געענטפערט, און יויכעוועדל, די קאלע, האָט זיך פארשעמט און געריטלט זיך אף די באקן, ווארפנדיק א צעמישטן בליק אף דער מעכוטענעסטע און אף דעם כאָסן. און אראָפּלאָזנדיק די אויגן אף דעם בוזעם, האָט זי עפּעס געצופּט מיט די קלאָרע פינגערלעך און געגלעטיכט זיך דאָס פארטעכל.

— שעם זיך נישט, קאלע, — האָט זיך די מעכוטענעסטע א געלעכטערל געמאכט, אזש דער כאָסן האָט די אויגן אראָפּגעלאָזט און די ברוינע באקן האָבן זיך פארשעמט. יויכעוועדלס ליכטיק געשטאלט, א פּאָנעם ווי א שיסל מיט צוויי גרויסע קארשן־אויגן, איז אים אנקעגן געשטאנען, און פאר זיַינע אויגן האָט געציטערט דאָס ראָזע בלוזקעלע איבער איר פולן בוזעם.

— זיך, זיַי־זשע מויכל, עסטער, — האָט פריידע אזוי גוטמוטיק, צאפּלענדיק באוויגן און געבעטן זיך: „זיצט, מעכוטענעסטע, זיצט"...

— נישקאָשע, — האָט עסטער געענטפערט און מיט א שמייכעלע אפן געזיכט אָנגעהויבן זיך נעענטער צוצושארן צו דער קאלע. און דער אויסגעפּוצטער כאָסן האָט אויך אזוי שטיל, אזוי ביגניי־וועדיק צוגעוואָרפן א בליק אף יויכעוועדלען און איין זיך אזוי שטיל, אזוי הארצעדיק געבעטן: „שעם זיך נישט, יויכעוועדל, שעם זיך נישט... די מאמע וועט דיר גאָרנישט טון... די מאמע האָט דיך ליב"...

און יויכעווערל האָט זיך שעמענדיק א לאָק הינטערן אויער ארונטערגעמאכט און באלד זיך פון שטוב ארויסגעשארט, געלאסן, פאמעלעך, גלאט אזוי זיך...

— זי שעמט זיך, — האָט די מוטער שטראלנדיק מיט די אויגן געגעבן עסטערן צו מערקן.

און עסטער האָט איר אין דער אָפענער טיר נאָכגעקוקט מיט א ליבן שמייכל און נישט געקענט די אויגן אָפּרייסן. ווען זי זאָל נישט קיין מוירע האָבן, אז פריידע זאָל זיך נישט צו פיל איבער־נעמען, וואָלט זי איר אין אן אויער אריין איינגערוימט: וואָס פאר א קאָשער קינד זי האָט... און אז זי איז עס טאקע גאָרנישט ווערט...

— ווו איז עס דיין מאן? — האָט זיך עסטער ערשט אומגע־קוקט.

— ער? — האָט פריידע פארצויגן דאָס פיסקעלע, — די גוטע יאָר ווייסן אים... אזיוווי א מאנספארשוין... נישט זיין דייגע, נישט זיין אייסעק — און קעגן וואָס, עסטערשי, פרעגסטו דיך?..

— גלאט אזוי זיך... — האָט עסטער אָפּגעענטפערט און אויך פארצויגן דאָס שנאָבעלע.

— איך האָב געמיינט ווילסט עפּעס שמועסן...

— טאקע שמועסן...

— און וואָס בין איך, כאָלילע... און דו, כאָלילע... עס פעלט אונדז א שטיקל מויל, מע דארף אונדז, כאָלילע, די צינגלעך האקן?...

— ניין, כאָלילע, — האָט עסטער געענטפערט און אָפּגערופן דעם זון אין ווינקל אריין אף א סאָד...

— נעם, מאך, טו!.. — האָט דער זון א זאָג געטון, — און פאר־טיק אן אייסעק!..

ער האָט איר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל נישט זיין קיין יידענע... און נישט שטעלן זיך אף קיין נאדן, אף קיין מאטאָנעס, און נישט אָפּלייגן די כאסענע אף א לאנגן טערמין — איינס, צוויי, און פארטיק.

און דערביי האָבן די פולע ליפּן געדורשט און געברענט און די ברוינלעכע באקן געגליט.

— איינס און צוויי!..— האָט ער נאָכאמאָל דער מוטער אָנגע־זאָגט און איז אויך ארויס פון שטוב, איבערלאָזנדיקביידע ווײַ־בער — „שמועסט אײַך, טוט אײַך וואָס איר ווילט"... און ער איז געלאָפן זען, ווי יויכעוועדל איז ערגעץ... און וואָס זי האָט זיך אזוי צו שעמען...

דערנאָך איז געווען די כאסענע. א שאָכן האָט א שטוב אויס־געקאלכט, אנטליגן בא נאָך שכיינים טישן, אופגעהאנגען א בעסמעד־רעש־לאָמפ, און פריידע האָט אף איר שטיבל אָנגעהאנגען א שלעסל און געראָפן מענאכעמען אף דער כאסענע.

איז געווען א פרייד, אז מע האָט געהוליעט ביז טאָג.

נאָך דעם מיצווע־טענצל, אינדרויסן האָט שוין געבלאָזט, פריידע מיט עסטערן און נאָך א קופע מעכוטענעסטעס זענען שוין געהאט פארפאלן געוואָרן מיט דער קאלע מיטן שלייער, און דער כאָסן דעסגלײַכן — האָט זיך אין שטוב ערשט אָנגעהויבן א נײַ לעבן. עס האָט זיך א פריש פלעשל בראנפן ערשט באוויזן און מיט א הייזעריק זינגענדיק קאָל האָט יענער א „לעכאיִם, ברודער" געמאכט, און דאָס העלדזל פון פלעשל צו זיך אין מויל ארײַן אראָפגעלאָזט. דעמאָלט האָבן זיך אופגעכאפט די בויגענעס אין די פארשלאָפענע קלעזמאָרימס הענט, וואָס האָבן ביז אהער געקראצט, ווי פרענטן איבער לאָדנס וואָלטן זיך געריבן, און דער אוילעם האָט זיך ערשט אפדאָסנײַ א לוסטיק טענצל געהייסן מאכן.

א ברייטלעך יידל מיט א געל בערדל, א לוסטיקס, מיט לויפנ־דיקע אייגעלעך, האָט זיך פארגלוסט א קובל וואסער איבערצוקערן אף דער פאָדלאָגע, און לעבעדיק, און לעבעדיק!— האָט ער מיט דעם קעפל קעגניבער די קלעזמאָרים געדרייט, די ארבלען פאר־שארצט, דעם דאשעק פארוקט און מיט די פאָלעס אין די הענט האָט ער אינעם וואסער א טענצל געמאכט. דער אוילעם האָט זיך אין א רעדל ארומגעכאפט. הענט איבער אָרעמס און קעפּ צו קעפּ האָבן זיך אין א טענצל געהויבן, און דער לאָמפּ אונטערן סופיט האָט א שטויס געקריגן און צעשאָקלט זיך מיט א גערויש. מענא־כעמען האָט מען פון א ווינקל ארויסגעשלעפּט און אין רעדל ארײַנגעכאפט און געהויבן אים א טענצל. מע האָט אין אים א גלעזל ארײַנגעוואָרפן. מע האָט געמיינט, אז דאָס וועט העלפן. צום

סאָף איז ער אינגאנצן שוין איבער די פיס געפאלן, א מידער, א פארסאפעטער, ביז מע האָט אים צוריק אָפּגעלאָזט! דעמאָלט האָט ער זיך פון אוילעם אָפּגעגאנוועט און אוועק צו זיך אפן הויפל. די טיר איז פארשלאָסן, האָט ער זיך אָנגעלענט אף א קויש פון הינער, וואָס איז אין ווינקל פון הויף געשטאנען. פונדערווייַטנס האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע, צעהאקטע טענער פון די פידלען, און מענאכעם איז געלעגן שוין און געדרימלט. נאָר איין מאכשאָווע האָט זיך געוואלגערט נאָך אין מויעך: דאָס שלעסל, וואָס הענגט אף דער טיר, און פריידע מיט דעם שליסעלע... ביז ער איז אײַנגעשלאָפן, אײַנגעטוליעט אף א זײַט און די האנט אונטערן צוקאָפּנס.

ווען פריידע איז אהיים געקומען, פאר גאָט און פאר לײַט יויצע געווען, האָט זי א פארטיפטע אין אירע געדאנקען דאָס שטיבל אופגעשלאָסן, און אליין אין אירע פיר ווינקעלעך גאָט געדאנקט פאר דעם כעסעד, ווײַל ער האָט איר געבעט אויסגע־הערט, אז זי זאָל נישט פארשעמט ווערן, לײַט זאָלן איר נישט האָבן די אויגן אויסצושטעכן: „א מאמע דאָס איז, מע האָט אזא דערוואקסענע בסולע און מע מאכט זיך אזוי גאָרנישט וויסן״... שטיל האָט זי גאָט געדאנקט, שטיל זיך אויסגעטון און אײַנגע־שלאָפן מיט אלע אירע מידע געדאנקען, אָנגעזאפט מיט קוילעס און געשרייען, וואָס האָבן זיך אף איר מויעך ערשט ווי א נעפל צעגאָסן.

ווען די זון האָט זיך איבערן דאך דערהויבן, דאָס ווינקל הויף באלויכטן און מענאכעמען אין פּאָנעם ארײַנגעקוקט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרייען פון איין זײַט אף דער אנדערער. און וואָס העכער די זון האָט זיך געשטעלט איבער אים, צעגיסנדיק א העלע ליכטיקײַט ארום און אַרום, אלץ אומרויִקער איז זײַן פארכאלעשט פּאָנעם און די פארמאכטע ברעמען געוואָרן, און אײנציקווײַז, פארשלאָפענערהייט, האָט ער פון זיך פריִער די קאפּאָטע, דערנאָך די שטיוול אראָפּגעשלעפּט, אפן קויש אויסגעשפּרייט און צוקאָפּנס אונטערגעלייגט, צוריק אנידערפאלנדיק, ווי א שטיין, און גע־שנאָרכט מיט א שווערן אָטעם, מיט א הייבנדיקער ברוסט אוף און אָפּ.

פריידע איז פריִער אופגעשטאנען פאר אים. ווען זי איז ארויס פון שטוב אָנצוקוקן דעם ליכטיקן טאָג, האָט זי אויך דעם מאן דערזעען אין ווינקל אפן קויש: באָרוועס, אָן דער קאפאָטע און דאָס היטל פון קאָפּ אראָפּגעוואָרפן. „א מעכוטן בא לײַט"...—האָט זי זיך געטראכט, צוגייענדיק נעענטער און ארײַנקוקנדיק זיך אין זײַן שלאָפנדיק געזיכט.

זי האָט אים באטראכט פונויבן ביז אראָפּ. פון געזיכט, וואָס איז געלעגן אנקעגן דער זון, האָט געשלאָגן א היץ. א הייסער געשטיקטער אָטעם האָט זיך געפילט איבער אים, אזוי מיד, אזוי דערשלאָגן, און דאָס הארץ האָט זיך געהאלטן אין איין הייבן. עפּעס איז איר דער שלאָף נישט געפעלן, און זי האָט זיך מיט די אויגן אין זײַן קערפּער אײַנגעטיכט. באלד האָט אן אומרויִקייט אָנגעהויבן צו קוקן אף איר געזיכט: די פּיס, דאכט זיך איר, זענען געשוואָלן, גראָב און גלאנצנדיק... ווי קומט צו אים אזוינע גראָבע פיס!—האָט זיך א געדאנק אין איר מויעך אופגעריסן און דאָס געזיכט און דער שטערן האָט זיך איר אָנגעהויבן צו רונצלען.

— הער נאָר, הער נאָר,—האָט זי אים אָנגעהויבן צו וועקן און צו רודערן בא אן עלנבויגן, וואָס האָט פון קויש אראָפּגע-שטארט.

נאָר ער איז פארשלאָפן געווען.

זי האָט אים קאם דערוועקט. און דעמאָלט האָט ער זיך האסטיק א הייב געטון און אָנגעקוקט זי מיט צעמישטע בליקן אין די אויסגעגלאָצטע אויגן.

— וואָס ליגסטו אזוי קעגן דער זון?—האָט איר קאָל שוין געקלונגען אָנגעזאפּט פון ביטערקײַט.

ער האָט זיך פאמעלעך אראָפּגעקליבן פון קויש, געקנייטשט זיך, אויסגעגלײַכט און געצויגן, ווי ער וואָלט זיך נישט געפילט, אָדער קיין גאנץ אייוועך נישט געהאט. דערנאָך האָט ער זיך גע-לאָזט גיין נאָך פריידען אין שטוב ארײַן, מיטראַגנדיק די קאַ-פּאָטע אונטער איין אָרעם און די שטיוול אונטערן אנדערן אָרעם.

אין שטוב האָט זיך פריידע אביסל בארויִקט. זי האָט געזען, ווי ער טוט זיך אָן, וואשט זיך, געזונט ווי אלע מאָל, האָט זי נישט געפרעגט וועגן קיין זאך און ער האָט איר נישט דערציילט...

עס פלעגט אויך געבן, אז אין שטוב איז שטיל, פריידע זיצט פארטראכט, א שווערע אנגסט ליגט איר אפן געקנייטשטן געזיכט, און פלוצלינג הייבט זי אף אים אוף אזא שטילן לײַדנדיקן בליק, אז אים, מענאכעמען, דאכט זיך דעמאָלט, אז זי ווייסט, ווייסט פון אלץ... נאָר פרעגן, אָדער אויסזאָגן, שרעקן זיי זיך איינס פאר דעם אנדערן.

אין דער שטיל פלעגט ער לײַדן, דאָסראָוו אפּדערנאכט נאָך דער ארבעט. שווער, ווי א שטיק ליים, פלעגט ער זיך פילן. און פריידע פלעגט אים נאָך הייסן אונטערפירן די קינדער אהיים, ווײַל די שעווע בראָכעס זענען געווען אין שטאָט און דעם כאָסנס הײַזל איז אונטער דער שטאָט,— דעמאָלט ערשט פלעגט ער פילן, אז ס'איז זײַן עק...

— טאטע,— האָט אים איינמאָל די טאָכטער געפרעגט, בעשאס ער האָט זיי אונטערגעפירט אהיים,— טאטע... וואָס סאפּעסטו אזוי...

— ווער, איך?.. גאָרנישט...— האָט ער געענטפערט און ווײַ־טער געגאנגען, ווײַטער געסאפּעט, הייבנדיק יעדן פוס, וואָס איז געווען שווער, ווי א קלאָץ.

— שוין, טאטע... עס וועט שוין זײַן גענוג אונטערגעפירט, גיי שוין אהיים,— האָט אים די טאָכטער געבעטן.

— שוין, שווער,— האָט דער איידעם אויך געבעטן,— עס לײַכט זיך שוין ארויס אונדזער הײַזל, אָט דאָס פענצטערל...

מענאכעם האָט די אויגן אופגעהויבן, נעקוקט פארשטיינערט אף דעם באלויכטענעם פענצטערל, וואָס האָט ווײַט פון דער פינצ־טערער נאכט ארויסגעשײַנט, דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט, געווונטשן א גוטע נאכט די קינדער און פאמעלעך געלאָזט זיך גיין צוריק צו דער ווײַטער, שווארצער קופּע דעכער, איינס הינטערן צווייטן, מיט די רויט אופגעפלאמטע פענצטער, וואָס האָבן ארויס־געקוקט, ווי פלאמענדיקע אויגן אין דער שווארצער נאכט ארײַן.

דער הימל איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ, פארשטיינערט אין א נאכט־קאָליר. איבער דער ערד און קעגן די ליכטיקע ארויס־שײַנענדיקע זײַלן פון די פענצטער האָט זיך א געדיכטער נעפּל געוויקלט, און מענאכעם, פארזונקען אין אים, האָט זיך שווער

געשלעפּט אף דעם זאמדיק־נאסן וועג, און דאָס שווערע אָטעמען זײַנס האָט זיך אין דער שט־לער נאכט אָפּגעגעבן, ווי דאָס סאפּען פון א פערד ערגעץ פון דער ווײַטער נאכט ארויס.

און קוים האָט ער זיך אהיים דערשלעפּט, האָט ער פריידען געהייסן זיך גלײַך מאכן דאָס בעט און געלייגט זיך שלאָפן. אונטערן איבערבעט האָט ער זיך געפּרווּוט מיט די הענט בא די זײַטן. זיי זענען אזוי גראָב אויסגעפּאשעט, אז דאָס לײַב איז אים געוואָרן ווי א פּאנצער, און ער פילט עס שוין, דאכט זיך, גאָר־נישט... און גאָר צוזעענדיק איז עס אזוי געוואָרן... ער פלעגט אויך באמערקן אלע אינדערפרי, ווי די הויזן ווערן אים וואָס אמאָל ענגער, ווי זיי ליגן אים שוין צו, ווי א פּלאסטער אפן לײַב. בא די שטיוול אָנטון פלעגט ער זיך אָפּרוען דרײַ מאָל, און די קאפּאָטע קען זיך שוין באלד אויך נישט פארקנעפּלען. נאָר דערציילן טאָר ער נישט. זאָלן זיך נאָר מענטשן דערוויסן, און מע וועט אים שוין קיין שאָ לעבן נישט וועלן געטרויען... אפילע די באלעבאָסטע וועט אויך מוירע האָבן, אז זי וועט שוין נישט האָבן בא ווּעמען קיין דירע־געלט צו מאָנען...

נאָר אז ער האָט נישט דערציילט, האָט מען עס אים דער־ציילט.

אין איין פרימאָרגן, ווען ער איז צו דער ארבעט געקומען, איז רעב מאָטל דער פאבריקאנט געשטאנען אינמיטן הויף, מיט איין פוס פאָרויס, דעם דאשעק פארוקט, די הענט בא די זײַטן מיט אויסגעשטעלטע עלנבויגנס און האָט געקוקט, ווי די ארבעט גייט. טייל ארבעטער האָבן געזעגט, געשניצט, נאָך אנדערע האָבן קלעפּקעס אופגעשטעלט צום טריקענען און דערנאָך פּאָסאצקעס צו שנײַדן. מענאכעם האָט שוין געוואָלט די קאפּאָטע פון זיך אראָפּוואַרפן און אויך נעמען עפּעס טון, איז צו אים צוגע־קומען רעב מאָטל, א קוק געטון אים אין די אויגן ארײַן און גע־זאָגט:

— מענאכעם, דו ביסט, דאכט זיך מיר, קראנק?..

מענאכעם איז דערשראָקן געוואָרן, געשטאנען א ווײַלע אָן לאָשן, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, און די קאפּאָטע שוין העלפט אף די אקסלען.

— נו, וואָס קלערסטו? — האָט רעב מאָטל ווײַטער געפרעגט, — ביסט דאָך קראַנק!.. די אַרבעטער האָבן דאָך מיר דערציילט...

מענאַכעם האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך קען אַרבעטן, איך קען! — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— לאָז נאָר, — האָט רעב מאָטל אים אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן פונויבן ביז אַראָפּ, — וואָס ביסטו עפּעס אַזוי „אויסגעפּאַשעט״?..

מענאַכעם האָט דערפילט, ווי אַן עקבער וואָלט אים אין האַרץ אַרײַנגעקראָכן. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטון אין געזיכט. טראָפּן שווייס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אפן שטערן.

— גיי־זשע, מענאַכעם, אַהיים, — האָט אים רעב מאָטל שוין גוטמוטיק געזאָגט, — איך זע דו ביסט קראַנק...

מענאַכעם האָט צוריק אַרופגעהויבן די קאַפּאָטע איבער די אַקסלען און אָפּגעקערט זיך מיט אַ בערויגעזדיק פּאָנעם. ער ווייסט, אַז רעב מאָטל איז אים נישט געטרײַ, און וואָס ער איז אויסן. און דאָס האַרץ האָט אים זייער ווי געטון.

ער האָט זיך שוין אפילע נישט געוואָלט באַגעגענען מיט די איבעריקע אַרבעטער, גלײַך ער וואָלט אַ גנייווע געטון, און שטיל, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרויסצושאַרן פון הויף.

— זעסטו, מענאַכעם, — האָט רעב מאָטל געטײַנעט, אונטערפירנדיק אים, — עס דאַרף דיך נישט פאַרדריסן. אַ מענטש טאָר זיך נישט אַרײַנפירן אין קיין קרענק... איך בין דיר, כאָלילע, נישט קיין סוינע... האָסט דאָך אַ סימען, מיר קומט דאָך פון דיר עטלעכע קערבלעך, וואָס איך האָב דיר אויסגעלייגט צו דער טאָכטערס כאַסענע... נו, וואָלט איך דען נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיי מיר אָפּאַרבעטן?..

מענאַכעם האָט געשוויגן און איז אוועק אַהיים אַ צעבראָכענער, אַ פאַרביטערטער.

פריידע איז געזעסן באַם פענצטער און האָט געשטריקט אַ זאָק. זייערע ביידעס בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ רעטעניש אין די אויגן.

ער האָט זיך צוגעשאַרט צום קעסטל צו און געזעצט זיך.

אין שטוב איז שטיל געווען. א פארבאָרגענע שטילקײַט האָט זיך צווישן מאן און ווײַב ארומגעטראָגן, אוןביידע האָבן מוירע געהאט די אויגן אופצוהייבן.

ער איז קראנק...

זי האָט זיך געריכט דערוף נאָך יענע וואָך. זי זעט, ווי ברוין און בלאָ ער גייט ארום... ער מיינט, אז קיינער איז קיין מייוון נישט דערויף...

ער ווידער זעט, אז זי איז בייז... אים דאכט זיך, אז זי זיצט צו שטיל, ווארפט צו געשווינד מיט די שפּיזלען און אז דער שטערן רונצלט זיך איר...

— מענאכעם,—האָט זי אָנגעהויבן,—ביסט עפּעס נישט געזונט ?..

צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט און געבליבן הענגען, ווי בא א קינד.

פריידע האָט אָפּגעלייגט דעם זאַק אָן א זײַט, אופגעשטעלט זיך מיט א שטיל, לײַדנד פּאָנעם און געבעט אים דאָס בעט.

מענאכעם האָט זיך אויסגעטון, געלייגט זיך, און פריידע האָט געזיפצט:

— פארליגן זיך, פארזעצט נאָך פון דער כאסענע, און דאָ דרייט מען מיר דעם קאָפּ אָפּ — דירע־געלט...

ער האָט אָבער נישט געענפערט. נאָר דערנאָך, ווען ער האָט געזעען, אז זי נעמט דאָס טיכעלע אפן קאָפּ, האָט ער געפרעגט שטיל:

— גייסט ערגעץ, פריידע ?

— איך גיי... איך ווייס ווו ? צו מײַנע צאָרעס... עפּשער וועל איך קריגן א דרויבע אָדער וואָס אף א ביסל יויך...

מענאכעם האָט איר לײַטזעליק נאָכגעקוקט, און זי איז ארויס פון שטוב.

ער ווייסט נישט, פארוואָס עס קומט איר אזויפיל אויסצושטיין פון אים... זי איז נישט געשלאָפן טאָג און נאכט, האָט געזעען די טאָכטער כאסענע צו מאכן, און ער — גאָרנישט... זי האָט אים אף דער כאסענע גערופן, און ער האָט נאָך א וועטשערע פארדינט...

די טיר האָט זיך אופגעמאכט, און יאָסל, א יונג מיט גראָבע בעק, וואָס ארבעט מיט אים צוזאמען, איז ארײַן.

— איר זענט שלאף, מענאכעם?..

— נישט געזונט...— האָט מענאכעם געענטפערט.

— וואָס איז אײַך?

— איך ווייס... מע וואָלט געדארפט דעם דאָקטער...

— ווײַזט נאָר עקסטרע! — האָט יאָסל א וואָרף געטון מיט די אויגן, אָנווײַזנדיק מיט דער האנט אונטערן איבערבעט.

מענאכעם האָט זיך שווער אופגעזעצט, קנײטשנדיק דערבײַ דאָס געזיכט, האָט מיט מי ארויסגערוקט א פוס פון אונטערן איבערבעט, און יאָסל האָט זיך אנידערגעזעצט אָבן קראָווינטש, אײַנגעבויגן זײַן גרויסן קאָפּ און אומגעלומפּערט אויסגעשטעלט די אויגן אפן פוס.

— נו, וואָס זאָגסטו? — האָט מענאכעם געפרעגט, קוקנדיק אים אין די אויגן ארײַן און מיט ביידע הענט געהאלטן זיך ארום נאקעטן פוס.

יאָסל האָט געשווינד א פרווו געטון מיט דעם פינגער: א קוועטש ארײַן אין פוס, אזוי אז א גריבעלע איז שטיין געבליבן, ווי אין א טייג ארײַן, און קוקנדיק דערויף, ווי מײַסטעריש פלינק דאָס איז געשען, האָבן זיך ביידנס בליקן באגעגנט און עפּעס נארישלעך זיך אָנגעקוקט...

— הא? — האָט מענאכעם ווײַטער געפרעגט.

— ס'איז געשוואָלן, — האָט יאָסל געענטפערט.

— אָט קוק, ווערסטו זען, — האָט מענאכעם אים באוויזן, אראָפּקריכנדיק פון בעט, כאָטש ער האָט זיך אונטערגעשפּארט מיט די הענט אָן קראָווינטש און פארביסן די ליפּן, נאָר פאָרט זיך גלײַך געשטעלט אף די פיס און א קוק געטון אף יאָסלען, אז ס'איז גאָרנישט אזוי ווי מע מיינט...

— אוודע, אזוי זענט איר דאָך געזונט... נאָר וואָס די פיס, — האָט יאָסל מוידע געווען.

— אזוי, אין מיר, פיל איך גאָרנישט, — האָט מענאכעם אראָפּפירנדיק מיט די הענט איבערן גוף א זאָג געטון, און דערבײַ האָט ער דעם בויך מיטן אָטעם אײַנגעצויגן און אויסגעשטעלט זיך. אָנקוקנדיק יאָסלען מיט א מאָדנעם בליק פון איבערצײַגונג.

— פרווט נאָר גיין,— האָט יאָסל אים א וויַז געטון פאָרויס מיט דער האנט איבער דער פאָדלאָגע, און מענאכעם אין בלויזן העמד און מיט דעם אלטן שלאָף־היטל אפן קאָפּ האָט גענומען שטעלן הארטע טריט אוף און אָפּ איבערן שטיבל. באלד איז ער וויַטער שטיין געבליבן פאר יאָסלען מיט דעמזעלבן בליק, ווי פריִער, און איז צוריק אריַן אין בעט, ווי אן אויסגעמושטרירטער זעלנער.

— און זאָג אים דאָרט, דעם באלעבאָס דיַינעם, ס'הייסט מאָט־לען, אז ס'איז נאָך נישט ווי ער האָט געמיינט!— האָט ער מיט א הויכן טאָן צוגעגעבן, און אין די אויגן האָט עפּעס געפינקלט.

— אוי, אוי, איר וועט נאָך ארבעטן,— האָט יאָסל ווי צוגעקלאפּט מיט זיַן גראָב קאָל,— און קיין גראָשן אים נישט שולדיק בליַבן!..

— מיט גאָטס זיַינער הילף! און זאָג אים דאָרט... דו זעסט דאָך...— האָט ער וויַטער עפּעס מיט א בעטנדיק פּאָנעם זיך א כאפּ געטון און אראָפּגעפירט מיט ביידע הענט איבערן גוף,— וואָס?.. ער קען מיר נישט געטרויען נאָך א קערבל?

— אפילע צוויי,— האָט יאָסל צוגעבאסעוועט און אין איינוועגס אים א טאפּ געטון דעם בויך,— וואָס איז עפּעס אזוי הויך?..— האָט ער, ווי ערשט דערזעענדיק, פּלוצלינג א פרעג געטון.

ביידע האָבן זיך פּלוצלינג ווי אָנגעשטויסן מיט די בליקן, און א שטילקיַיט איז געוואָרן צווישן זיי, אן איַינגעהאלטענער אָטעם האָט זיך געפילט, די אויגן מענאכעמס האָבן נאָך געפינקלט עפּעס צו זאָגן, נאָר א מין נארישקיַיט האָט זיך אים שוין געהאט איבערן פּאָנעם צעגאָסן און ער האָט געשוויגן.

דערוויַיל איז פריידע אָנגעקומען פון גאס און נאָך איר יויכע־ווערדל, פארוויקלט אין א גראָבער וואָלענער פאטשיילע און די אויגן פארוויינט. זי איז גליַיך צו צום פּאָטערס בעט, א קוק געטון אף אים און שטיקנדיק זיך אין טרערן געפרעגט:

— טאטע, עפּשער וועלן מיר גיין צום דאָקטער?

— מע דארף נישט קיין דאָקטער,— האָט מענאכעם זיך גע־שטארקט.

יויכעווערדל האָט זיך געזעצט אף דער באנק אנקעגן, און די טרערן האָבן זיך נישט אופגעהערט צו גיסן פון אירע אויגן.

יאָסל האָט אופגעשטעלט די אויגן, אמאָל אף מענאכעמען, אמאָל אף דער טאָכטער, דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן און איז ארויס פון שטוב.

פריידע האָט זיך דערוויַל ארומגעדרייט מיט דער דרויבע, וואָס זי האָט געבּרענגט פון גאס, און געזוכט דעם ווייקטאָפּ. דערנאָך איז זי אויך צוגעקומען.

— ער לאָזט זיך נישט אזוי גיך אײַנרעדן,—האָט זי דער טאָכטער באמערקט, ווײַזנדיק אף מענאכעמען. און ווענדנדיק זיך צו אים אליין, האָט זי וויַיטער געפרעגט:

— פארוואָס ווילסטו נישט גיין צום דאָקטער?

מענאכעם האָט געשוויגן און געקוקט, ווי די טאָכטער וויינט איבער אים. ביז ער האָט אליין אויך אָנגעהויבן צו וויינען.

— וויינען קען ער כאָטש, ווי אלע קליינע קינדער,—האָט אים פריידע פאָרגעוואָרפן.

מענאכעם האָט זיך פּאמעלעך אנידערגעזעצט און גענומען זיך אָנטון.

— וועסט גיין, טאטע?—האָט וויַיטער יויכעוועדל געפרעגט.

— איך גיי.

יויכעוועדל איז אופגעשטאנען און געווארט ביז דער פאָטער האָט זיך אָנגעטון.

— ס'איז נאס אין דרויסן?—האָט ער געפרעגט, שוין שטייענדיק אינמיטן שטוב.

— מאמע, גיב אים דאָס טיכל אפן האלדז,—האָט יויכעוועדל דער מוטער געזאָגט.

פריידע האָט ארומגעוויקלט דעם האלדז מיט דעם טיכל, און יויכעוועדל איז אוועק מיט אים צום דאָקטער.

די טיר האָט זיך וויַיטער געעפנט, און ציפּע, די באלעבאָסטע פון דעם הויז, א ייִדענע מיט א ווערצעלע אף דער גאָמבע, איז ארײַן אין שטוב. א וויַלע האָט זי שטיל געקוקט אין אלע ווינקעלעך, האָט אויך אריבערגעקוקט צו מענאכעמס בעט, וואָס איז געשטאנען צערודערט, און געפינענדיק נאָר פריידען אליין, האָט זי אָנגעהויבן:

— צי דיַין מאן איז עפּעס נישט געזונט?

— ער איז עפּעס קראַנק געוואָרן,— האָט פריידע געענטפערט.
— דאכט זיך, דײַן טאָכטער איז ערשט דאָ געווען ?..
— יאָ.
— און ווו איז דער מאַן דײַנער ?
— זיי זײַנען ביידע געגאַנגען צום דאָקטער.
— צום דאָקטער...— האָט ציפּע ווי צוגעניגט מיט דעם קאָפּ.

זי האָט זיך ווײַטער ארומגעקוקט אף אלע ווינקעלעך, אָפּגע־טראָטן אביסל אָן א זײַט און געקוקט איבערן פענצטער, אף די ווענט, און געריעדט דערבײַ ווי צו זיך אליין, אָדער גלאַט אין דער וועלט ארײַן:

— עס גייט צו ווינטער, דאכט זיך, עס הייבט זיך אָן ארײַנ־כאַפּן פײַכטקײַט... וואָס דען... מע וואָלט געדאַרפט אויסקלעפּן פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק...

פריידע אָבער האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, און ציפּע האָט ווײַטער און ווײַטער געקוקט אף די ווענט, דערנאָך ערשט קאַם צוריק אָנגעשטעלט די אויגן אף איר:

— זאָלסט מיר לעבן, פריידעשי... וואָס וועט ווערן דערפון ?..
— גלויב מיר, ציפּע,— האָט פריידע זיך פאַרענטפערט, ענ־דערנדיק זיך אפן פּאָנעם בא יעדן וואָרט,— גלויב מיר... וואָס זאָל איך דיר טון... איך האָב דיר שוין נישט וואָס צו זאָגן...
— און אצינד איז דיר נאָך דער מאַן אויך קראַנק געוואָרן... וואָרעם פאַרשטייסטו מיך, קאָלזמאַן דער האַר שטייט אף די שפּע־נער, איז ער א האַר, און גייט ער אראָפּ, בלײַבט ער א נאַר!..

אין פריידעס אויגן האָט זיך עפּעס אויסגעלאָשן און ווידער א שײַן געטון:

— קעגן וואָס מיינסטו דאָס, ציפּע ?..
— מיילע, איך ווייס קעגן וואָס ?.. קעגן דירע־געלט...
— ציפּע, ווי גאָט איז דיר ליב... איך וועל נישט עסן, איך וועל נישט טרינקען און דײַנס באצאָלן !..
— דו ביסט דאָך נישט קיין קינד... איך דאַרף דאָך דיר נישט פאַרשטיין צו געבן, נאָר קיינער אין דער וועלט וואָלט דאָס נישט געטון. פריִער האָסטו אלץ געזאָגט: עט'עך, מע'ט'עך... הייסט עס, איך זאָל נאָך וואַרטן. וואָס נאָך ווילסטו ? האָסט שוין באָרעכ־

אשעם די טאָכטער אויך כאסענע געמאכט, א טערעך — פאר א כאסענע... און אצינד, אצינד איז ער ווײַטער קראנק, הא?..

פריידע האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, געזוכט און געצאפּלט, וויאזוי זי אײַנצושטילן:

— מיט גאָטס הילף, ציפּע...

— וואָס טויג מיר דאָרט די רייד, — האָט איר ציפּע איבער־געריסן, — איך שענק דיר דאָס דירע־געלט אויך!.. פון א שלעכטן מאסע־מאטן שנײַדט מען אָפּ... נאָר דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל דיר נאָך צושטײַער געבן א פּאָר פינף־און־צוואנציקער — נא דיר, פריידעשי, אבי צי דיך ארויס פון מיר?..

— איך וואָלט געוואָלט?.. מײַנע סאָנים זאָלן דאָס האָבן אף אן אָנבײַסן, וואָס איך וואָלט פארלאנגט ווערמענס, — האָט זיך פריידע ארויסגעכאפּט.

— זאָל זײַן, — האָט ציפּע געלאסן געענטפערט, — אבי נישט שולדיק צו בלײַבן אומעטום, ווו מע קלאפּט נאָר אין שול ארײַן...

— ציפּע! וואָס ווילסטו? גיי ארויס, וואָרעם איך טו דיר אָן די פּאָמיניצע — איך צוואָג דיך אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס.

— אז וואָר זאָל מען מײַנע סאָנים אָפּוואשן...

— ציפּע! — האָט זי נאָכאמאָל א געשריי געטון ווילד, זיך שטעלנדיק אנקעגן מיט א בליק אין די אויגן.

ציפּע האָט זיך א רוק געטון הינטערווײַלעכס. א ווײַלע האָבן זיך ביידע ווײַבער אָנגעקוקט, ווי די הענער. און פּלוצלינג האָט זיך ציפּע ארויסגערוקט פון שטוב מיט אן אימפּעט און דורכן פענצטער ערשט ארײַנגעפּויקט מיט די פינגער און ארײַנגעשריגן מיט א פארקרימטער האווײַע אפן פּאָנעם, צונויפגעמישט פון קאס און גיפטיקער צערטלעכקײַט:

— פריידעשי!.. א פישל נא דיר!.. גיי צו דער קויקע, פריי־דעשי... א פישל אונטערן פארטעך, ווילסט?..

פריידע האָט זיך א לאָז געטון צו דער טיר, נאָר יענע איז שוין געווען אנטלאָפן.

א קוואל טרערן האָט ארויסגעבראָכן פון אירע אויגן, און זיצנ־דיק אליין צווישן אירע פיר ווינקעלעך, האָט זי געהערט, ווי דאָס הארץ אירס האָט זיך געריסן און האָט געציטערט מיטן גאנצן גוף.

זי האָט זיך קאָם ווי עס איז איינגעשטילט און געזעצט זיך אפֿן בעט. זי האָט נישט געווײנט אזוי אף דאָס, וואָס ציפּע האָט איר אופגעוואָרפֿן, ווי דערוף, וואָס זי האָט אף איינמאָל דערשפירט די גאנצע ביטערקייט פֿון צוגעדריקטן לעבן.

באלד איז יויכעוועדל צוריקגעקומען מיט דעם פּאָטער. זי האָט שוין געהאלטן אן אָנגעשריבענעם רעצעפּט אין דער האנט. און באטראכטנדיק די מוטער, ווי זי זיצט פארוויינט, איז זי שטיין געבליבן פארשטיינערט.

— וואָס איז עס דאָ געווען? — האָט זי קאָם געקענט איבערפרעגן.

— גאָרנישט... — האָט די מוטער געענטפערט.

יויכעוועדל האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם פּאָטער, און ער ווייטער האָט זיך באלד אָפּגערוקט און פון א זייט געקוקט אף פריידען, ווי מיט שרעק.

— וואָס האָסטו מוירע צו זאָגן? — האָט יויכעוועדל ווייטער איבערגעפרעגט, שוין מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס פרעגסטו, קינד, — האָט פריידע געענטפערט, שטיקנדיק זיך און שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ, — אז מע האלט שוין אין די יאָרן און מ׳איז אין אזא לאגע... אָט ווארפט מען שוין אונדז אפֿן מיסט אויך ארויס...

— וואָס רעדסטו, מאמע?

— יאָ, יויכעוועדל, יאָ... דירע־געלט...

— נו, וויין נישט, מאמע! — האָט יויכעוועדל אויסגעשריגן און אליין געגעבן א וויין ארויס. — איך האָב נאָך עטלעכע קערבלעך פֿון דראָשע־געשאנק, וועסטו דינגען א דירע, — האָט זי איר געטרייסט, און טרערן גרויס ווי ארבעס האָבן זיך אראָפּגעשיט איבער אירע בלאסלעכע באקן.

מענאכעם איז געשטאנען אָן א זייט, געציטערט ווי א בלעטל. דאָס פּאָנעם האָט זיך מאָדנע געקרימט און געציטערט. ער האָט געפילט, אז אלץ איבער אים איז עס, אז איבער אים ווארפט מען זיי פון דער דירע ארויס, און אלע צאָרעס, וואָס זיי ליידן, איז איבער אים געוואָרן. אים האָט זיך געדאכט, אז אינגיכן וועט ער אלעמען פארמיעסט ווערן, און קיין אנדער אָרט,

ווי אפן בייסוילעם, האָט ער שוין נישט געזעען פאר זיך וועגן...

ער האָט זיך אוועקגעלייגט אין זײַן ווינקעלע אפן בעט, צו־געמאכט די אויגן, ווי א הינדל באם אײַנדרימלען, און אזוי שטיל, אזוי רויִק איז ער זיך געלעגן אײַנגעקאָרטשעט, ווי קיין זאך גייט אים שוין מער נישט אָן און ווי ער וואָלט שוין געוואוסט, אז דאָס גאנצע הויז, די ווענט מיט דעם סופיט מיט אלץ זאָלן אײַנפאלן איבער אים.

אז פריידע האָט זיך בארויִקט, האָט זי יויכעוועדלען געפרעגט:

— וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט?

— ער האָט פארשריבן...— האָט יויכעוועדל איר געוויזן דעם רעצעפּט, — און ער האָט געזאָגט, אז ער דארף „פּילנאָשטש" און דארף נישט גיין צו דער ארבעט, ווײַטער איז אים גאָרנישט...

— געלויבט צו גאָט, — האָט פריידע די הענט אופגעהויבן.

— און מיט דער דירע, — האָט די טאָכטער ווײַטער גע־טרייסט, — זאָרג נישט, וועסט קריגן א דירע...

— מיט גאָטס הילף! — האָט פריידע זיך געלאָזט טרייסטן, פילנדיק זיך אביסל גרינגער אפן הארץ נאָך דעם דאָקטערס ענטפער.

— אָבער וואָס האָט ער געזאָגט — א רויז איז עס?...

— ניין, א נירן־שלאפקײַט, האָט ער געזאָגט, דאָס קומט פון פארלאָזטקײַט, פון נישט דערעסן און פאריאָגטקײַט...

— מיילע, וואָס דען... ס'איז דען נישט עמעס?... — האָט פריידע זיך אומגעקוקט צו מענאכעמס ווינקעלע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ באלד צו יויכעוועדלען.

פלוצלינג האָט זיך די טיר האסטיק אופגעעפנט, און יאָסל מיט די גראָבע בעק איז ארײַן פארפלאמט און האָט עפּעס גע־טראָגן צוגעפגעלייגט אין דער פּאָלע.

— נאט אײַך יאלאָוויק, מענאכעם! — האָט ער א רוף געטון, בלײַבנדיק שטיין אינמיטן שטוב מיט אַן אופגעשטעלטער פּאָלע. דערנאָך האָט ער פון איר א שיט געטון אפן טיש אזא קרײַטעכץ, ווי גרינע ארבעסלעך, וואָס וואקסט אף יאלאָוויק־ביימלעך, און דערבײַ געפינקלט מיט די אויגן צו פריידען:

— סטאַך האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גוט צו געשווילעכץ — דאָס קאָכט מען און מע טרינקט!...

— וואָס פאַר אַ סטאַך? וואָס פאַר אַ סטאַך?...

— סטאַך דער זעגער, — האָט מענאַכעם געענטפערט פון זײַן ווינקל אַרויס, אַריבערפינקלענדיק מיט די אויגן צו זיי.

— יאָ... סטאַך, וואָס אַרבעט מיט אונדז, — האָט ערשט יאָסל נאָכאַמאָל פאַרטײַטשט.

דערנאָך האָט ער פריידען באַזונדער געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מע באַגייט זיך דערמיט, און קריגנדיק אַן ענטפער, אַז מע וועט באַלד אַזוי טון, האָט ער ווײַטער צוגעזאָגט מענאַכעמען, אַז אַזוי לאַנג קרענקט רעב מאָטל, דער פאַבריקאַנט זײַנער, ווי לאַנג ער מוז נאָך בײַ אים אויסרײַסן אַ רובל און ברענגען אים צו טראָגן.

מענאַכעם האָט דאַנקבאַר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון בעט אַראָפּ, און יאָסל איז אַוועק אַ צופרידענער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פריידע שוין געהאַט אַן אַנדער דירע. מיט דעם טיכל אויפן קאָפּ איז זי אַוועק צו ביילען דער וואַטע־מאַכערן און געגעבן איר צוויי רובל אַן אויפגאָב אויף דעם שטיבל, וואָס איז בײַ איר געשטאַנען ליידיק, נאָר אויסצוקלעפּן, דעם קוימען און אויוון איבערצושמירן און אַרײַנציִען זיך. ביילע האָט אַ שעם פאַר אַ באַלעבאָסטע. אַ ייִדענע אין אַ ברייט פאַר־טעך פון פּליטשענקעס און מיט אַ רייפל שליסלעך פאַרשטעקט אין גאַרטל, גייט זי שטענדיק אַרום דעם הייזל, קלעפּט, שמירט. טאָמער געפינט זי אַ שפּענדל אין גאַס, הייבט זי עס אויף, אַ שטיין — טראָגט זי אים אַוועק צו זיך אונטערן פענצטער. און אַז עס קומט די צײַט פון פּאַדאַטקעס צאָלן, נײַ־יאָר, דעמאָלט טוט זי דעם מאַן אָן דעם פאַרצײַטיקן פּעלץ, שטעלט אים אויף דעם קאָלנער אונטערגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, גלײַכט אים אויס דאָס קאַשקעטל אויפן קאָפּ, דערנאָך זוכט זי אים אויס בײַ זיך אין אַ קופער די קוויטן פון פּאַראַיאָריקן אָפּצאָל, שטעקט זיי אים אַרײַן אין בוזעם און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל נישט פאַר־

געסן דאָס קאַפּל אַרײַנצולייגן אין קעשענע, און אַזוי ווי ער וועט נאָר איבערטרעטן די שוועל פֿון דער קאַנצעליאַריע, זאָל ער לעמאַנעשעם באַלד אַראָפּכאַפּן דאָס היטל... אָט באַ דער ביילען האָט דאָס פריידע געדונגען איר דירע.

— לעמאַנעשעם, פריידע, — האָט איר ביילע אָנגעזאָגט, — שוין נישט אַנדערש...

— שוין נישט אַנדערש... — האָט איר פריידע צוגעזאָגט.

— ווען דײַן מאַן וועט קומען פֿון דער אַרבעט, — לערנט זי זי געלאַסן, — נעמט מען ביידע צוזאַמען און מע טראָגט זיך איבער די זאַכן ביסלעכווײַז...

— יאָ, מײַן מאַן... מע דאַרף אים אַליין איבערטראָגן... — האָט איר פריידע דערציילט.

— וואָס? — — קראַנק?... — האָט זיך ביילע ווי דערשראָקן.

— קראַנק, — האָט שוין פריידע עפּעס ווי נאָכגעשטאַמלט, און די פאַרב אין געזיכט האָט זיך אָנגעהויבן בײַטן, זעענדיק וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף ביילען.

— און ער גייט גאָרנישט צו דער אַרבעט?...

— איך ווייס, אָט... זאָל ער נאָר געזונט זײַן.

— און זאָלסט מיר לעבן... מע דאַרף דאָך דערווײַל עפּעס האָבן?...

— מיילע...

— איז טאַקע נישט גוט, האַ?...

פריידען האָט שוין דאָס פּנים געגליט, און זי האָט זיך עפּעס מאָדנע געפילט, ווי פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ, און אומ־באַהאָלפן איז זי געשטאַנען פאַר ביילען.

— און ווייסט וואָס נאָך, פריידעשי, איך האָב דיך געוואָלט פרעגן... וואָס איז די מײַסע, וואָס אינמיטן יאָר ציסטו דיך?... די דירע טויג נישט פאַר דיר?...

— ניין... וואָס איז די נאַפקעמינע?... מע קען נישט וווינען שטענדיק אויף איין אָרט!

— אַזוי... — האָט ביילע, ווי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — נו, נו, מיילע... קאָנסט דיך נאָך הײַנט אַרײַנציִען.

פאַרנאַכט־צו האָט פריידע געדונגען ביינעשן דעם וואַסער־

פירער מיט זײַן הויכן שפּאַק, וואָס שלאָמפּערט זיך אױף די לאַנגע פיר פיס ווי אױף שטאָלצן, און איז פאַרפאָרן אופצולייגן די זאַכן.

מענאַכעם איז אַרויסגעקראָכן פון בעט, און זי האָט פאַרבונדן דאָס בעטגעוואַנט אין אַ פלאַכטע, אַרויסגעטראָגן עס צו דער פור און געשטעלט מענאַכעמען פאַר אַ היטער. זי מיט ביינעשן האָבן צענומען די בעטן, אויסגעשאָקלט די שעניקעס אויף דער ערד, אָפּגעשטויבט און אָפּגעקראַצט יעדעס ברעטל און צו דער פור אַרויסגעטראָגן. די באַנק, דאָס קעסטל, דאָס טישל און נאָך אַנ־דערע קלײניקייטן האָבן שוין די פור פול געמאַכט און הויך, ווי אַן ערשטער שטאָק. צולעצט האָט זי נאָך אַ בליק געוואָרפן אויף די ליידיקע פיר ווינקעלעך פון שטיבל, אויף די קופּקעלעך שטרוי, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, און באַלד געהייסן ביינעשן פאָרן.

נאָך איידער דער שפּאַק האָט אויסגעשטעלט אַ פוס, נאָך איידער ביינעש האָט אים אויף זײַן לאָשן אָנגעהויבן צו בעטן, ער זאָל זיך רירן, איז שוין ציפּע די באַלעבאָסטע צוגעקומען מיט אַ שלעסל אין דער האַנט און אופגעהאַנגען עס אויף דער טיר.

— וויאָ... — האָט ביינעש דאָס פערד אַ רודער געטון מיט די ליטשעס איבערן רוקן. דאָס פערד האָט זיך אַ וויג געטון אויף די הינטערשטע צוויי פיס, אויסגעשטרעקט דעם לאַנגן האַלדז, און די פור האָט אַ סקריפּ געטון און איז פון אָרט אוועק.

פּאָרויס גייט פריידע, ביינעש בײַ דער זײַט פון וואָגן, און מענאַכעם, אַרומגעוויקלט מיט פריידעס טיכל דאָס פּאָנעם, שלעפּט זיך נאָך פונהינטן, קראַנק, געבויגן, ווי אַן אָפּגעשלאָפּטער זעלנער נאָך דעם „אָבאָז". די פור האָט זיך געשאָקלט, געסקריפּעט, דאָס טישל, וואָס איז געלעגן גאָר אויבן איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף, האָט זיך מיטגעשאָקלט, מיטגעטאַנצט אויף אַלע זײַטן, און דער שפּאַק שפּרייזט זיך זײַן וועגס, גאַס־אויס און גאַס־אײַן, ביז ער איז שטיין געבליבן פאַרביילע דער וואַטעמאַכערס טיר.

ביילע איז אַרויס פון שטוב, און האַלטנדיק די צוויי רובל אַנקעגן, איז זי אַרופגעפאַלן אויף פריידען:

— גילדענע, האַרציקע, קאָשערע, אַ בראָך איז צו מיר, אַז מע האָט נישט קיין דייע בײַ קיין מאַן אויף אַזוי גרויס, — האָט

זי איר מיט א געבעט־פּאָנעם אָפּגעמאָסטן א שפּיצל פינגער, — מײַן אווראָם וויל דאָך נישט פּארדינגען. עס גייט, זאָגט ער, צו ווינטער — נאס, ווילגאָטש, וויל ער האלטן דאָס שטיבל אף דער וואטע... און דו ווייסט דאָך, גילדענע, אז וואטע האָט ליב טרוקן, אז נישט ווערט מען בעד׳אלעס...

— ווי הייסט, ביילע, וואָס רעדט איר? ! — האָט פריידע אויסגעשריגן דערשראָקן.

— און, קאָשערע — — נא דיר צוריק דעם אופגאָב! — האָט זי איר אפּגיך געגעבן א שטופּ אריַין די צוויי רובל אין דער האנט און איז אנטלאָפן אין שטוב אריַין.

פריידע איז געבליבן שטיין א צעטומלטע, דער קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהויבן דרייען, פאר די אויגן צו שווינדלען, און זי האָט זיך מיט דעם אָרעם אָן דער פור אָנגעלענט. מענאכעם ווידער האָט געקוקט אף איר מיט קינדערשע שרעק אין די אויגן, און דאָס געזיכט זײַנס איז געווען אײַנגעקאָרטשעט און געל, ווי וואקס.

— אָ, וואַ־וואַ!... — האָט זיך ביינעש געוואונדערט, — צו־געוואָרפן דעם אופגאָב... און וווּהין וועט מען אצינד פארפאָרן!... אף יענער דירע איז שוין אויך אָנגעהאנגען א שלעסל!...

אלע דרײַ זענען געשטאנען בא דער פור פארגליווערטע.

דערוויַיל האָט אָנגעהויבן נאכט צו ווערן. דער הימל איז ווי מיט א גראָען שימל פארקראָכן, א דין רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו טריפן אף די שטיינער פון ברוק. די ערד ווערט וואָס אמאָל נאסער, פינצטערער, די דעכער שווארצער, פארוואסערט, און אלץ פון הימל ביז דער ערד האָט זיך אײַנגעהילט אין א נאסער ברודיקייַט, אין א שווערן אומעט.

ייִדן מיט אופגעשטעלטע קעלנער און אריַינגעלאָזטע קעפּ צווישן די אָרעמס, מיט פארשטעקטע הענט אין די ארבלען האָבן זיך בלאס, שווייַגנדיק געשארט אין דער בעסמעדרעש־גאס אריַין. אין די פענצטער האָבן זיך איינציקווײַז אָנגעהויבן צו באווײַזן פייַערלעך, ארויסשטראלנדיק מיט אן אומעטיק־רויטער ליכטיקייַט אין דער פײַכטער, נעפּלדיקער לופט, און מענאכעם מיט פריידען מיט ביינעשן זענען נאָך אלץ געשטאנען פארזונקען בא דער פור

זאכן. א קאלט שנייִדנדיק הארבסט־ווינטל האָט געבלאָזן. מענאַ־כעם האָט געציטערט ווי א פיש, פונקט ווי די גלידער וואָלטן זיך אים געוואָלט פאנאנדערשיטן, און ער האָט זיך מיט די הענט אָן וואָגן צוגעהאלטן, קרעכצנדיק שטיל, אז פריידע זאָל נישט הערן.

— וואָס וועט ווערן? האָט ביינעש געפרעגט, אופהייבנדיק זײַן אומעטיק־שטילן בליק אף פריידען.

פריידע האָט אויך אופגעהויבן דעם קאָפּ, שטיל, טרויעריק, ווי נאָך א לאנגער פארזונקענקייט אין א שווערן כאָלעם, און קוקנדיק מיט א פארגליווערט שטילן בליק אף ביינעשן, האָט זי שטיל אויסגערעדט:

— זאָל זײַן ווי גאָטס ווילן, פאָר־צו צו דער טאָכטער...

ביינעש האָט שטיל אָפּגעזיפצט, גענומען די לייטשעס און א ריר געטון דאָס פערד:

— וויאָ!...

דער וואָגן האָט זיך א ריר געטון, און פריידע מיט מענאַ־כעמען זענען נאָכגעגאנגען הינטן, מיט אראָפּגעזונקענע קעפּ אײַנגעשרומפּן, צעבראָכן, ווי נאָך א לעווייַע, און די פור האָט זיך געשאָקלט.

אונטער דער שטאָט ערשט האָט פריידע באמערקט, ווי מענאַכעם צאנקט אין טריט, נאָר אונטערצוברעכן זיך און אומ־צופאלן. זי האָט געהייסן ביינעשן בלייַבן שטיין.

דער וואָגן האָט זיך געשטעלט.

— קריך ארוף... — האָט פריידע געהייסן מענאַכעמען און גע־האָלפן אים זיך ארופזעצן. און טיף האָט ער זיך ארייַנגערוקט מיט די פלייצעס אונטער די הויך אָנגעלאָדענע זאכן און מיט די פיס אונטער זיך.

ער האָט געפילט ווי א היילונג אין לייַב, א זיסקייַט אין די ביינער.

— „צום איידעם אף קעסט"... — האָט אים פריידע צוגעזשאָקלט מיטן קאָפּ.

מענאַכעם האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, און דער וואָגן האָט זיך ווייַטער געריירט. דאָס טישל מיט די פיס ארוף האָט זיך

געהוידעט א גאנצן וועג איבער זייַן קאָפּ. די רעדער האָבן צו־געסקריפּעט, די קײלים, טעפּ, שיסלען האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען פון דער מיט ארויס, און מענאכעמס געל געזיכט און דער שטערן האָבן זיך געקנייטשט: „צום איידעם אף קעסט"... נאָר באלד האָט זיך אָנגעהויבן ארויסזען פון ווייַטן נעפּל יענץ הייַזל מיט דעם שטילן פּייַערל פון יענעם קליינעם פענצטערל, און אין מענא־כעמען האָט זיך צעגאָסן א ווארעם, זיס געפיל איבערן הארץ און אלע גלידער, און אין די אויגן האָט זיך א גלוסטיק בלישטשל אָנגעצונדן צו יענעם שטילן, באלויכטענעם פענצטערל, וואָס האָט פון פארנעפּלטן אָוונט ארויסגעשייַנט, ווי א רויט פייַערדיק אייגל...

דוי׳ר הוילעך וועדויר באָ*)

אן אויסגעשטערנטע נאכט. א הייליקע פּאָרכטיקע סליכעס־נאכט. שטילע פינקלדיקע שטערנדלעך קוקן אראָפּ פון הויכן בלאָען הימל אפן האלב איינגעשלאָפענעם שטעטל. אין מאנכע הייזער איז מען נאָך וואך. בא זעליק שוסטער איז נאָך אָפן טיר און טויער, און זיינע געזעלן זענען אזוי פארטיפט אין דער ארבעט, אז זיי באמערקן נישט די ליכטיקע אייגעלעך פון הימל, וואָס האָבן געוווּנקען צו זיי דורך די אָפענע פענצטער. די בליך־לאָמפּן אין שטוב בלענדן זיי די מידע אויגן, און זיי לאָזן זיי גערנוויליק אראָפּ צו דער ארבעט.

פארנומענער פאר אלע איז דער לאנגער נאָטע. ער וויל זיך פארשלאָגן מיטן האמער די געדאנקען; זיי לאָזן זיך אָבער נישט.

„עס גייען אזעלכע הייליקע טעג. אן אויצער געלט דארף מען... און פונוואנען? איבערן זומער האָט ער נישט פאריבעריקט קיין רובל... פאר זיך עפּעס צו קויפן אף יאָנטעוו, איז קיין רעדע נישט, זאָל נאָר אין שטוב זיין צו לייטן גלייך".

„א מאסע הויצאָעס: אף ראָשעשאָנע — ברוינע פייגל... אף יאָמקיפּער — אויפעס; כאָטש צו איינציקע קאפּאָרעלעך פאר יעדן קינד. דערנאָך גייט ערשט סוקעס. מע זיצט מיט מענטשן איניי־נעם אין סוקע, דארף מען האָבן א לעשטשיקל, צוקערבאָבעס גרויסע, — נישט פארשעמט צו ווערן פאר לייט. — און ער טרייבט זיך צו: בעסער ארבעטן אין דער נאכט אריין, אבי צו זיין א מענטש צווישן מענטשן".

---

*) איין דאָר גייט אוועק און דער אנדערער דאָר קומט אָן (רעד.).

און ער הייבט און לאָזט אראָפּ אלץ האַסטיקער און האסטיקער דעם האמער אף דער הארטער פּאָדעשווע, ארומפּאָרג־דיק מיט איר איבערן שטיין, וואָס איז געלעגן אף זײַן אויס־געדארטער, דינער קני.

כאימל, זײַן אכצניעריק יינגל, וואָס העלפט אים אונטער און גרייט אים צו ארבעט, זיצט אָן דער זײַט, קימאט הינ־טער דעם פּאָטערס אקסל, און קאָוועט א שטיוול, קלאפנדיק שוואך און לאנגזאם מיטן העמערל. די פלעקלעך האָבן זיך דאָס מאָל נישט גלאטיק געגליטשט אין דער געלעכערטער זויל ארײַן. טייל צעבראכן זיך, טייל שפּרינגען אינגאנצן אוועק, גלײַך זיי וואָלטן געגנארט זייער יונגן מײַסטער, שפּילנדיק מיט אים אין באהעלטעניש, קוים מאכט ער צו איין אויג פאר מידקײַט. ווען די מידקײַט באפאלט אים פון צײַט צו צײַט, דעמאָלט טוט ער זיך א וויג, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר, דער־שפּרינגדיק דאָס קאלטע אײַזערנע העמערל באם שטערן, כאפּט ער זיך אוף און קוקט זיך אום מיט צוויי אָפענע, דערשראָקענע אויגן, צי לאכן נישט פון אים די געזעלן. מע האָט עס גראָד נישט באמערקט, נאָר ער בייזערט זיך אף זיך אליין: „עס איז קיין טאכלעס נישט צו שלאָפן". ער ווייסט, אז דער פאָטער וועט ווארטן אפן שטיוול. „פּע, א מיעסע זאך דער שלאָף!"

אום מער נישט אײַנצושלאָפן, לייגט ער אוועק דעם שטיוול און גייט צו צום קובל וואסער, דערפרישט זיך מיטן קאלטן וואסער דאָס פּאָנעם מיט די אויגן און גייט שטאָלץ צוריק צו דער ארבעט.

אפן וועג ווארפט ער א דרייסטן בליק צום וואנט־זייגער: „א־ווא, האלב צוועלף! מע דארף זיך צורירן". ער אײַלט זיך צו זײַן אָרט, און פון אונטערן העמערל שיטן זיך לע־בעדיקע קלעפּ איבער די קעפּלעך פון די אומרויִקע שטיפטן. ווי א האָגל שיטן זיי זיך, די קלעפּ, און קלינגען אָפּ פון די לערע גרויסע פעסער, וואָס שטייען אינדרויסן באם אָפענעם פענצטער, אָפּווארטנדיק מע זאָל זיי אָנפּאקן מיט שוכווארג און אוועקשיקן אין רוסישע גובערניעס.

———

עלקע, א דיקלעך ווײַבל, ווי עס פּאַסט פֿאַר א באַלעבאָסטע, איז געשטאַנען באַם קוימען און געפּרעגלט פּעטס אױף א פּאַ־טעלניע. דערבײַ האָט זי פֿון דער װעטשערע אױך נישט אראָפּ־געלאָזט קײן אױג. זעליק, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פֿון גאַס, און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפֿן דאָס עסן פֿאַרטיק. געשיקט טוט זי פֿלוצלינג א גאָס נאָך עטלעכע לעפֿל פּעטס אױף דער פּאַטעלניע, דער זאָד פֿון צאַפּלדיקן פּעטס אױף דער קאָכנ־דיקע פּאַטעלניע װעקט דעם לאַנגן נאָטען פֿון זײַנע יאָנטעוודיקע דײַגעס.

— אָט אַזױ איז א טײַנעג! — טראַכט ער, און אױג װאַרפֿנדיק צום קוימען, — גרױסע באָבעס מיט ברייטע קלאָרע פּערפּל, מיט א יױך באַגאָסן, דערנאָך מיט פּעטס... א מײַכל! דאָס מעג שױן ראָטשילד עסן! — דאָס װאַסער קומט אים אין מױל אַרײַן... דערבײַ דערפֿילט ער אָבער, אַז דאָס האַרץ װערט אים אױך װאַסעריק, אַז דער געשמאַק פֿון „ראָטשילדס מײַכל”, װאָס צעגייט זיך אין שטוב, שװאַכט אים װאָס אַמאָל מער אָפּ.

ער קען לענגער שױן נישט זיצן און ער דרייט זיך איבער צו כאַיִמלען און זאָגט אים:

— װי האַלסטו מיט דער אַרבעט? שױן צײַט צו גײן אַהײם.

— באַלד, טאַטע, — ענטפֿערט כאַיִמל דערפֿרײט. און אין א װײַלע אַרום האָבן זײ בײדע אױעקגעלײגט די אַרבעט, אָנגעטון די כאַלאַטלעך און געװוּנטשן א גוטע נאַכט דער באַלעבאָסטע. דערבײַ האָט נאָטע א פֿרעג געטון, װו ער, איר מאַן, קען זיך אַצינד געפֿינען. זי פֿרעגט: צו װאָס? און ער ענטפֿערט, אַז ער דאַרף אַביסל געלט. עלקע גיט א צי מיט די אַקסלען, אַז זי װײסט נישט, און נאָטע מיטן ייִנגל האָבן זיך א לאָז געטון צו דער טיר, זאָגנדיק נאָכאַמאָל „א גוטע נאַכט” צו דער באַלעבאָסטע מיט די איבערגעלאָזטע געזעלן.

אױף יענער זײַט שװעל האָט נאָטע דערזעען פֿאַר זיך דעם שײַנעם לױטערן הימל מיט די פֿינקלענדיקע שטערן און האָט

דערפילט, אז זײַן האַרץ ווערט פול מיט שטילער פרייד; דעם הונגער האָט ער פאַרגעסן.

— גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט! — זאָגט ער צו כאַימען און טראַכט באַלד, אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר די, וואָס מוזן זיצן און אַרבעטן אין שטוב! דאָס זאָגט ער שוין כאַימלען נישט.

— פאַרנאָסע! — טראַכט ער ווײַטער, — מע מוז אַהיים ברענגען כאָטש אַ קערבל...

נישט ווילנדיק טוט ער זיך אַ טאַפּ אין קעשענע און רונצלט איַין דעם שטערן. „וואָס זי וועט זאָגן, ווען זי גערעכט זײַן" — טראַכט ער — „זונטיק געגעבן איר אַ רובל, נו, איז שוין, געלויבט איז גאָט, דינסטיק באַנאַכט. איר שווער ביטער האַרץ וועט זי, דאַכט זיך, צו אים אויסגיסן".

ער וויל זיך קלאָר מאַכן, צי וועט עס נאָך קענען אויסהאַלטן דאָס מאָל אַהיים צו קומען אָן געלט. ער פּרוּווט זיך טרייסטן: עס איז שוין שפּעט, ציַנד דאַרף זי דאָך קיין געלט נישט! דעם טאָג איז זי שוין איבערגעקומען, עלע מאָרגן? וועט ער באַלד אײַנדערפרי כאַפּן צוויי-דרײַ רובל און אַהיים ברענגען. אָבער נאָכן גאַנצן יִשעוּר־האַדאַס איז אים דאָך שווער אַהיים צו גיין מיט די ליידיקע הענט. „זי ווייסט גאָרנישט, ווי שווער עס קומט אָן דאָס קערבל אַרויסצוקריגן!" — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיך אַליין. „זי מיינט, איך רעד נישט, מאָן נישט! רעד, אַז ווען מע דאַרף אַ רובל, ווערט ער נעלעם!". „קום, טאַטע!", וועקט אים כאַימל, אָנרירנדיק אים באַם אַרבל. נאָטע באַמערקט עס נישט און שפּרײַזט נאָך שטילער. ער דערמאָנט זיך, אַז נאָך באַם אָנבײַסן האָט זי אים דערמאָנט און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר שפּעטער שיקן. האָט זי, נעבעך, געמוזט שוואַרצן זיך דאָס פּאָנעם און גיין באָרגן אַף וועטשערע אין קלייטל. און עפּשער האָט זי גאָרנישט באַקומען! דאָס וואָלט שוין גאָר שרעקלעך געווען. ניין — באַפעסטיקט ער זיך אין דער דייע — אַזוי גייט מען נישט אַהיים!

כאַימל ציט אים באַם אַרבל און ער טראַכט: ווען כאָטש אַ צוויי זילבערנע רובל, גיי איך אַף אַן אײַזערנע בריק... איך

קום אהיים מיט א מיילין־יוישער... וואָס גיוועןאיז געווען, נאָר געוווסט וואָלט זי, אז מאָרגן האָט זי מיט וואָס ארויסצוגיין אין גאס אריַין... עס וואָלט געווען ווי בא לײַטן... ווי אמאָל... זי וואָלט אים גאָר אנדערש מעקאבל־פּאָנעם געווען... זי וואָלט געווען אזוי ליב... דאָס טעלערל פון הימל וואָלט זי אים צו־געבויגן.

— הער, כאימל ! — ווענדעט ער זיך צום זון. — דו גיי אהיים, און איך וועל אָפּזוכן זעליקן און כאפן בא אים אביסל געלט.

— ווערסט'ן דען געפינען אצינד ?

— עפשער. ר'איז אוודע אין שענק.

כאימל לאָזט זיך עס צוויי מאָל נישט זאָגן, נעמט זיך אראָפּ אין א זײַטן־גאס, און זײַנע יונגע פלינקע טריט הערן זיך וואָס אמאָל ווײַטער און ווײַטער און ווערן באלד פארשטילט.

די געסלעך זענען שוין שטיל און לער, די קליינע נידעריקע הײַזלעך שלאָפן שוין לאנג מיט פארמאכטע לאָדן, ווי אראָפּ־געלאָזטע ברעמען אף פארשמאכטע אויגן. זעלטן, דורך א שפּאלט פון אן אײַנגעטריקנטן לאָדן, ציטערט ארויס א רויטלעכע שײַן און לייגט זיך איבער דער ברייט פון געסל, ווי א העל פּאסיקל. ס'מערסט שלאָפט מען שוין, און נאָטעס מידע אויגן און מידע פיס האָבן זיך אויך געבעטן רו. נאָר ער האָט געמוזט שפּאנען איבער די שטילע געסלעך. די ברעמען זענען אים שווער גע־וואָרן, ווי בלײַ, די פיס הייבן זיך קאם, אינגאנצן פילט ער זיך, ווי נאָך א לאנגן שווערן טאָנעס. אזוי דערגרייכט ער די שול־גאס. אף די טרעפּלעך פון דער ווײַבערשער שול האָט ער דער־זען א זיצנדיק געשטאלט. ער איז צוגעגאנגען אביסל נעענטער און האָט זיך אָפּגעשטעלט פארציטערט. ער האָט דערקענט די „מעשוגענע כײַקע”. „וואָס פון א מענטש קען ווערן, — שווידערט אים דורך די ביינער, — געהאט דרײַ אייגענע געוועלבער, אן אייגן הויז, קומט גאָטס שטראָף — שלאָפט זי אײַנגעהויקערט אף די טרעפּלעך אין א שטיקל צעריסענער פאטשיילע. וואָס וואָלט דאָס באריט רעב דאָן דעם וואָכרער, ווען ער לאָזט זי

איבערנעכטיקן בא זיך? כאַטש הינטער דער טיר!" ער דערפילט, ווי א ביטערקײַט קומט אים פון האַרץ צו צום מויל. רעב דאָן, ווייסט ער, איז א פרומער ייִד, „מיר אזא מאזל, טראכט ער, יאָמקיפּער דאַוונט ער נעילע פאַרן אָמוד אין שול, און אזוי יע־מערלעך, מיט אזא מעסיקעס!" „ער מוז דערפון נישט וויסן... און קיינער זאָגט אים נישט... ער האָט איר דאָך אַלץ צוגענומען"... „מאַ, — טרייסט ער זיך — עס פעלט נישט קיין אומגליק אף דער וועלט. און עפּשער — טראכט ער איבער — איז איר גאָר בעסער פאַר אַלע. זי ווייסט נישט! אנדערע אַלמאָנעס איז ערגער"... און ער דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק וועגן אנדערע אַלמאָנעס... עס איז טאקע אַלץ בא זײַן ליבן נאָמען אין דער האַנט, נאָר פון א קורצער צײַט ווערט דאָס שפּאַרעניש באַם האַרץ אַלץ עפּטער און עפּטער... וואָס אמאָל פאַלט ער אַוועק, און יעדעס מאָל, ווען ער פאַלט אַוועק, מיינט מען, אז ער איז פאַרבײַ! מער אף יענער, ווי אף דער וועלט.

און ער שפּרײַזט ווײַטער און איז פון דער שול־גאַס אַרײַן אין מאַרק, ווו ער האָט פונוויַטנס דערזען די שענק, צו וועל־כער ער איז געגאַנגען. די טיר פון שענק איז שוין צוגעמאַכט. עס איז אָבער נישט מעגלעך! ער גלייבט זײַנע אויגן נישט און גייט־צו פּרוּוון די טיר. און ער האָט זיך דערפילט, אז זי איז נישט מער, ווי צוגעלעגט פאַר יויצע זײַן. ער האָט דאָך נישט געוווּסט, ווי צו כאַפּן וואָג: „אַרײַנגיין, צי נישט אַרײַנגיין?" ער קלערט, אז גלאַט אַרײַנקומען, עמעצן זוכן, און גאָר נישט געבן צו לייזן האָט גאָר קיין פּאָנעם נישט. און צוריק גיין מיט וואָס ער איז געקומען ווילט זיך אים אוואדע נישט. וואָס טוט מען?... וואָלט ער געהאַט א פינף קאָפּיקעס, טראכט ער, אומזיסט זוכנ־דיק אין ביידע וועסטל־קעשענעס, — ווען ער האָט פינף קאָפּיקעס, וואָלט ער אַרײַנגעקומען טרינקען א גלעזל ביר און וואָלט אַגעוו געוואָרפן א בליק אין אײן שטוב, אין דער צווייטער, ביז ער וואָלט דערטאַפּט. נאָר טו עפּעס אָן א גראָשן בא דער נעשאָמע. אזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך אײַנרײַסן דאָס פּאָנעם... איז ער אפילע דאָ, זיצט ער נישט אליין, זיצט ער מיט א גאַרבער, און שמועסט וועגן יוכטן, צי מיט א סויכער, און

רעדט וועגן עקספעדיציע. „נו, — טראכט ער טרויעריק — וועל איך... נאָטע... צוגיין גלאט פון דער העלער הויט: זעליק, איך דארף געלט... ניין! עס פאסט נישט". אין נאָך א לאנגן יישעוו בא דער טיר פון שענק, האָט ער זיך איבערגעדרייט און צוריק א היימגעגאנגען.

מיריעם איז נאָך נישט געשלאָפן, אָבוואָל זי איז שוין געלעגן אין בעט. כאימל האָט איר איבערגעגעבן, אז דער טאטע איז געגאנגען אופזוכן זעליקן, און זי האָט וואכנדיק געוואַרט אפן מאן מיטן געלט. אין קליינעם נידעריקן שטיבל האָבן געעטעמט אכט נעפאשעס: מיריעם מיט צוויי קינדער זענען געלעגן אין איין בעט, כאימל אין דער העלפט פון צווייטן; די צווייטע העלפט האָט ער איבערגעלאָזט פארן פאָטער. צופוסנס דעם מענישן בעט אף א שלאָפבאנק שלאָפֿן צוויי קינדער, איבערגעדעקט מיטן פאָ־טערס אן אלטער קאפּאָטע. נאָך איינס ליגט קעגניבער דעם שלאָפ־באנק, אף אן אלטמאָדישן, פלאכן קאסטן, צוגעדעקט מיט דער מוטערס פאטשיילע, נישט ווײַט פון איר בעט. דאָס בלאסע פּע־נעמל אפן טונקל קליינעם קישעלע, וואָס איז אָנגעשפארט אָן קוימען, שימערט פאר בלאסקײַט. איבערן קוימען שײַנט א קליין לעמפל און ווארפט זײַנע דינע, טרויעריקע שטראלן צום שאָכן, — דעם מעשענעם, פון פליגן־געשפרענקלטן, הענגל־לײַכטער. דאָס אָרעמע פײַערל האָט אויך אזוי טרויעריק געקוקט אפן גאנצן קלײַבאַיִם; דער איקער — אפן קליינעם רויט־געפארבטן טישל מיט דער ווײַס־האָלצערנער שטיל, מיט דער צעפלאצטער דעק, וואָס פלעגט זיך אָפט עפענען, ווי פליגל פון א סוקע. עס הערן זיך טריט אונטערן פענצטער, מיריעם דערקענט דעם גאנג און שטעלט אָן די מאטע אויגן צו דער טיר, אין וועלכער דער „לאנגער נאָטע" האָט זיך באלד באוויזן. שטיל ווי א גאנעוו איז ער ארײַנגעקומען, און געהיט זיך, די טיר זאָל באם עפענען און פארמאכן קיין סקריפּ נישט טון. אף די שפּיץ־נעגל איז ער צו־געגאנגען צום טישל, אויסמײַדנדיק דעם הענגל־לײַכטער, פון וועלכן ער האָט שוין נישט איינמאָל געכאפּט א פּסאק פאר קריכן

אים אין וועג אריַין. ער ווארפט א פרווונדיקן בליק איבער מיר־יעמס בעט, צי זי שלאָפט נישט, און דערזעט אירע אָפענע אויגן זי קוקט אף אים, באטראכט זײַן אויסגעדארטע פיגור, זײַן בלאס געזיכט, און פלוצלינג דערפילט זי צו אים אזא הארציק מיטלייד, אז זי וואָלט אים די נעשאָמע אוועקגעגעבן, אבי ער זאָל באווײַזן א פרײַערן מוט. זי ווייסט, אז נאָר צוליב איר און די קינדער ווערט ער אזוי פארשווארצט און געפײַניקט. זי שטארקט זיך און פרעגט שטיל, ווי א שטילע טויב: „נאָטע, האָסטו געזונגען?" ער שאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין"! זי פארשטיקט א זיפץ און זאָגט אים: „נעם דיר דאָרט די וועטשערע פון אפן קוימען". און גיט צו מיט א שווער הארץ: „נאָר וואָס פאר א טאם וועסטו שוין פילן... באָבעלעך מיט פערפל, אז סע שטייט לאנג"... און ער טראכט: „באָבעלעך מיט פערפל... טאקע א שאָד, פרישערהייט שמעקט עס גאָר א מײַכל"... ער ווענדט זיך צום קוימען, נעמט ארויס א טעפל פון קאלטן אש, און צוריקגייענדיק צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפל מיט דער צווייטער האנט. „געוואָרן א פאפ דערפון, א פאפ צום ווארשטאט", — זאָגט ער, נעמענדיק דעם לעפל צום מויל. ער דערמאָנט זיך אָן זעליקס וועטשערע: „א שיינער כילעק" — טראכט ער און בייזערט זיך באלד אף זיך אליין, ווי עס פאלט אים גאָר אײַן צו פארגלײַכן זיך מיט זעליקן. „קאפצן־איינער! — טראכט ער — אויך מיר א מענטש!..." פיל עסן קען ער דאָך נישט: „פאָרט א פאפ", און מער נאָך — פאר מידקײַט. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס טעפל און הייבט אָן אפן בעט זיצנדיק צו לייענען „קרישמע". נאָר ער ענדיקט זי אויך נישט און ווערט אײַנגעשלאָפן אין די קליידער.

עס איז נאָך א פאָר שאָ צו טאָג, און דאָס שטעטל וואכט שוין. עפשער שלאָפן נאָך עטלעכע נעגידים. די שול־גאס רודערט שוין. די בעסמעדרעש־פענצטער גלאנצן, פון אלע עקן פון שטעטל אײַלט זיך דער אוילעם מיט סליכעס אין האנט. דורך די ציטערדיקע, האלב־אויסגעבראָכענע שויבן פון בעסמעדרעש רײַסט זיך דעם באלטפילעס קאָל אף דער גאס ארויס, און אין דער

פֿאַרטאָגעדיקער קילער לופֿט וויגט זיך שוין דער טרויעריק־יעמערלעכער ניגון פֿון „יִתגדל״. פֿון דער פֿינצטער אין עק גאס שווימט ארויס דער לאנגער נאָטע. ער גייט האסטיק... זײַן שווערער אָטעם הערט זיך פֿונווײַטנס, ער אײַלט צום בעסמעדרעש, צום קוואל פֿון געשריי, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אויסגעבראָכן פֿון הונדערטער מײַלער. דער יאָמער איז אים דורך די ביינער געגאנגען, ער איז פֿארציטערט געוואָרן און האָט זיך א שאָקל געטון. ער האָט זיך דערפֿילט, ווי אן עלנט, שוואך פֿייגעלע אין א שטורעמווינט: „אזעלכע הייליקע טעג, פּאָרכטיקע נעכט״ — און ער האָט פֿארשלאָפֿן, און „גיב נאָך דעם זינדיקן גוף!״ ער איז ארײַן אין בעסמעדרעש, געבליבן שטיין בא דער טיר און האָט אָנגעהויבן בלעטערן די סליכעס ווי א צעטומלטער. ענדלעך, האָט ער געפֿונען דעם „יום רביעי״ און ער איז ביסלעכווײַז צו זיך געקומען און אָנגעהויבן מיטן אוילעם, „לך ה׳ הצדקה״ — וועט ער זאָגן שפּעטער. נאָך גוט, וואָס ער האָט דעם „פּזמון״ נישט פֿארזאמט. „חוקר הכל וסוקר״... הייבט אָן דער באלטפֿילע, און נאָטע זאָגט נאָך פּאָסעק בא פּאָסעק, ערנסט, נאָר קאלט ווי אײַז, אָן מעסיקעס, אָן טרערן. „שמע קולנו״... הערט ער נאָך זײַן אייגן מויל זאָגן, די ווײַטערע ווערטער ווערן דערטרונקען אינעם יאם פֿון קוילעס. ער וויל ארײַנשרײַען, זאָל זיך זײַן קאָל אויך הערן, ער קען אָבער קיין העכערע טענער נישט ארויסברענגען; ער קען אפֿילע נישט וויינען. דאָס הארץ איז אים ווי פֿארגליווערט אף קאלט און די אויגן זענען טרוקן און ברענענדיק. „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות״... און שטיל בעט ער זיך מיט פֿארטריקנטע ליפּן און קנייטשט זיך מיט אלע קוּיכעס אויס א ראכמאָנעס־פּאָנעם, פֿארשטייענדיק דעם טײַטש פֿון די ווערטער. דער „פּיזמון״ האָט זיך געענדיקט, און ער שטייט נאָך א ווײַלע איבער דער אָפֿענער סליכע. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט צו קיינעם, און קיינער נישט צו אים, אפֿילע דער „שאמעס״ מיט דער קלינגענדיקער פּושקע האָט אים פֿארבײַגעלאָזט...

ביסלעכווײַז האָט דער הימל אָנגעהויבן העלער ווערן אין מיזרעך־זײַט. ארבעטס־מענטשן האָבן מיטגעהאט טאלעס און טפֿילן און שטעלן זיך דאוונען; לײדיקגייער האָבן נאָך געהאט

צײַט... מע האָט געריכערט, געגענעצט, געשמועסט מיקויעך א הייסער מיקווע, וואָס מע וועט האָבן איבער אלע סליכעס־טעג, און א קלער געטון, צי „יענע" מעגן שוין דאוונען שאכרעס, צי מע דערקענט שוין דעם כילעק פון א הונט ביז א וואָלף... ענדלעך איז טאָג געוואָרן. און דער גאנצער אוילעם האָט זיך גענומען צום דאוונען... נאָטע האָט געדאוונט מיטן אוילעם, נאָר עפּעס אָן „לעבן", אָן קויעך. ערשט דאָס שויפער־בלאָזן האָט אים דערמאָנט, ווו ער איז אין דער וועלט... ער האָט א קוש געטון די מעזוזע און איז אוועק אהיים.

אז ער איז ארײַן צו זיך אין שטוב, איז שוין מיריעם געווען האלב אָנגעטון. ער האָט געזאָגט „גוט מאָרגן" און זי האָט אים שטיל און בערויגעז, ווי אים האָט זיך געדאכט, געענטפערט „גוט יאָר". כאיִמל איז געשטאנען אָנגעטון און האָט גענומען באם טאטן די טפילן און איז אוועק אין בעסמעדרעש.

מיריעם האָט אראָפּגענומען פון קאַסטן דאָס פארשלאָפענע קינד און איבערגעטראָגן עס צו זיך אין בעט ארײַן. נאכהער האָט זי גענומען די פאטשיילע איבערן קאָפּ, און איבערלאָזנדיק דעם מאן אין שטוב, איז זי אוועק אין מארק ארײַן. דאָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נישט ווײַט פון די טישלעך מיט געבעקס. „נאָר באָרגן און באָרגן — טראכט זי — פון אופשטיין ביזן שלאָפן". עס איז איר שווער אזוי באגינען צו נעמען אף באָרג. „זי געטרויעט מיר אפילע, אָבער אזוי פרי! זי האָט נאָך עפשער קיין „פּאָט־שאָנטעק" נישט געהאט... און עס קומט איר שוין אזוי אויך צוויי גילדן מיט צוועלף גראָשן". זי שטעלט זיך אָפּ נישט ווײַט פון טישל און קלערט: זאָל זי צוגיין, פילט זי, אז דאָס בלוט פאלט איר צו די פיס פון שרעק, טאָמער זאָגט מען איר אָפּ, און צוריק אהיימגיין מיט ליידיקע הענט איז איר א ווייטיק... זיי (כאיִמל און דער מאן) וועלן דאָך אוועקגיין צו דער ארבעט אום איבערגעביסן. איידער זי האָט דעם יישעוו, האָט זיך די בעקערן גראָד אומגעקוקט און האָט זי דערזעען — „וואָס שטייסטו דאָרט, מיריעם? קום אהער!" — האָט זי גערופן. מיריעם איז

צוגעגאנגען, שפירנדיק, אז אירע אויגן ציִען זיך צו דער ערד. נאָר זי האָט זיך געשטארקט אָנצוקוקן די בעקערן אין פּאָנעם אריַין. „גוט מאָרגן!" „גוט מאָרגן, גוט יאָר!" „איך האָב קיין הארץ נישט געהאט צו זאָגן איַיך?..." — האָט מיריעם פארשעמט ארויסגערעדט. „נו, נו, ס'שאדט נישט!" — האָט זי די בעקערן געטרייסט — „זאָל דיר ווויל באקומען. וואָלט איך אזא דיַיגע גע־האט מיט די כויוועס בא היגע שיינע באלעבאָסטעס, ווי איך האָב א דיַיגע מיט דיַין כויוו!"

מיריעמען איז א שטיין אראָפּ פון הארצן. זי הייסט זיך אָפּ־וועגן צוויי פונט פלעצלעך. „ווייסט, טאָכטערשע, וויפל עס איז שוין?" „יאָ, צוויי מיט צוועלף פון פריִער, ערשט — פערצן, איז שוין מיט זעקס און צוואנציק", — האָט מיריעם בארעכנט און איז אוועק אהיים.

א גליקלעכע איז מיריעם אהיים געקומען. אף נאָטעס געזיכט האָט זיך אויך באוויזן א שוואכע שיַין פון א שמייכל, דער־זעענדיק, אז זי טראָגט עפּעס אין פארטעך. זי ציילט די פלעצלעך ארויס אפן טיש. און ער ווערט צוריק ערנסט און פארטראכט: „זי האָט נישט פארמאָגט דערוף, וויַיטער זיך דאָס פּאָנעם פאר־שווארצט..." און ער פילט זיך זינדיק קעגן איר. ער האָט זיך געוואשן און געזעצט צום טישל עסן. זי איז געזעסן אפן בעט און געקוקט אף אים. זי זעט, ווי בלאס, ווי „טויט" ער זעט אויס, און איר הארץ אנטגייט און דערפילט זיך מיט גרויס ראכ־מאָנעס אף איר אויסגעמאטערטן מאן. ער דערשפירט אירע ראכ־מאָנעסדיקע אויגן און טראכט: „א דימיט! זי קוקט נאָך אף מיר אזוי גוט... לוי דיַי, וואָס איך גיב איר נישט קיין געלט צו דער ציַיט און איר דארט דער קאָפּ אף וועטשערע, אף אָנבײַסן..." ער ענדיקט דאָס עסן מיט א זיפץ, בענטשט אָפּ און גייט צו דער ארבעט.

ער האָט שוין געטראָפן אייניקע געזעלן בא די ווארשטאטן. דער „גיכער פּיַיוול" האָט שוין געהאט „פארשנורעוועט א פּאָר

צום קאָווען״. נאָטע זעצט זיך צו, און נישט פיל שפּעטער איז אים כאַימל געקומען צו הילף. א שווערער אומעט ליגט אף נאָ־טעס געזיכט. „וואָס זיצסטו עפּעס הײַנט אזוי?״ — האָט פּײַוול גע־פרעגט. „עט, גאָרנישט!... סליכעס־טעג... וואָס? טאנצן זאָל איך?״ — ענטפערט נאָטע, אָן א בליק צו טון צום פרעגער. דער־ווײַל איז זעליק אָנגעקומען פון גאס. נאָטע האָט געפּאסט מוט און געבעטן עטלעכע רובל. זעליק האָט אים געגעבן דרײַ רובל. כאַימלס אויגן האָבן אָנגעהויבן שטראַלן פאר פרייד, ווען דער פאָטער האָט אים דערלאנגט דאָס געלט אהיים צו טראָגן דער מוטער, און איז מיט א רוישנדיקן קלאַפּ אין טיר ארויסגעפלויגן פון שטוב. נאָטע וויל זיך אויך פרייען, נאָר ער קען נישט, עפּעס פילט ער זיך נישט גוט. ער האָט דערפילט ווי א קנויל אונטערן הארץ און באקומען א שרעקלעכן ווייטיק. פאר די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן שטארק צו ציטערן. עס מאכן זיך אים די אויגן צו און עס פאלט אים ארויס פון דער האנט: עס ווערט אים הייס אין אלע גלידער. מיט אלע קרעפטן עפנט ער די אויגן און וויל זיך אופהייבן און ארויסגיין זיך אָפּקילן אף דער לופט, דאָרט וועט אים אויך גרינגער זײַן צו אָטעמען; נאָר ער קען נישט. ער שפּירט, אז ער וועט אומפאלן ווי ער וועט זיך נאָך רירן פון אָרט. פּײַוול האָט עס באמערקט און פרעגט, וואָס אים איז. „ס'איז מיר נישט גוט״, — ענטפערט ער מיט א קורצן, שטילן אָטעם און ווײַזט אים, אז עס קלעמט אים אונטערן הארץ. די כאווײרים לויפן צו אים צו, מע האָט אים גע־וואָלט אָנלענען אף זעליקס בעט, נאָר נאָטע גיט א צייכן, מע זאָל אים ארויספירן אינדרויסן. מע טוט זײַן ווילן, פּײַוול נעמט אים אָן בא איינער, נאָך א געזעל בא דער צווייטער האנט און מע פירט אים לאנגזאם ארויס פאר דער טיר. זיי האָבן אים אוועקגעזעצט אף א שטיין, וואָס איז דאָרט געלעגן, און ער האָט אומעכטיק אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אָן דער וואנט מיט א פארשטיקט ברומען פון א פרעסנדיקן ווייטיק. — „ס'איז דיר בעסער?״ — פרעגן די כאווײרים. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אף „ניין״... און קען קאם ארויסברענגען א שטיל געבעט, מע זאָל אים אָפּפירן אהיים. פּײַוול האָט געהייסן ארויסדערלאנגען פון שטוב די כאלאטלעך;

זיי האָבן זיך און נאָטען אָנגעטון און אהיים געפירט אונטער די הענט. נאָטע פילט זיך אלץ שווערער און שווערער, די פיס האָבן זיך אים נאָר אומעכטיק נאָכגעשלעפט. פאר דער טיר איז זיי מיריעם, וואָס האָט זיי דורכן פענצטער געזען, אקעגן געלאָפן מיט א געשריי און פארבראָכענע הענט, נאָך איר — כאַימל. „גאָט אין הימל!" — האָט זי פארצווייפלט אויסגעשריגן, — „וואָס איז מיט אים געשען? ראטעוועט, ראטעוועט א מענטש! א טאטן פון קליינע קינדער!" כאַימל האָט ביטערלעך געוויינט און געקלאפט זיך מיט די פויסטן אין קאָפ. „אביסל וואסער! קאַלט וואסער ברענגט ארויס" — האָט פײַוול געשריגן. כאַימל האָט גיך ארויסגעטראָגן א שעפ וואסער פון שטוב און מיט האסט א גאָס געטון אפן פאָטערס געזיכט. דער פארכאלעשטער האָט געעפנט די אויגן און געגלאָצט אף אלע זײַטן, נאָר ער האָט זיי באלד צוריק צוגעמאכט. שכיינים זײַנען זיך דערווײַל צוזאמענגעלאָפן, מער געשריגן, ווי עפּעס געטון, און עס האָט נישט געהאָלפן. מע פירט נאָטען אין שטוב ארײַן, מע לייגט אים אפן בעט, און פײַוול לויפט נאָך א דאָקטער. אין דער לופט פון קליינעם שטיבל, וואָס איז אָנגעפילט געוואָרן נאָך מיט מענטשן פון גאס, האָט נאָטע דעם רעשט אָטעם פארלוירן... דאָס געשריי און געוויין ווערט העכער. דערוף קומט אָן דער דאָקטער, וואָס האָט שוין געטראָפן צוגעלייגטע ווארעם־פלעשער און האָט זיי פארטוישט אף הייסע קאָמפּרעסן, אויך האָט ער אַ רעצעפט פארשריבן און איז אוועקגעגאנגען. נאָטע איז אלץ קימאט ווי אָן אָטעם. מיטאמאָל האָבן זיך אים הויך אופגעריסן די ברעמען, די אויגן האָבן זיך פון קאָפּ ארויסגעזועצט און איבערגעקערט זיך מיט די שווארצאפּלען, ארוף אונטערן שטערן. ער האָט אָנגעהויבן כאָרכלען; ער גויסעט. מעווינים זאָגן: קאָנוווּלסיע. מע האָט געכאפּט אן ערדענעם טאָפּ מיט א מולטער, די מולטער האָט מען אָנגעשפארט אָן קאָפּנברעטל פון נאָטעס בעט און גיך א שטארקן קלאפּ געטון אָן איר מיטן טאָפּ. די שארבנס זײַנען זיך צעפלויגן מיט ראש, אז דאָס בעט האָט געציטערט. דאָס האָט געהייסן גאווריעל טאָקער, וואָס איז געשטאנען די גאנצע צײַט לעבן נאָטעס בעט. א סגולע — זאָגט ער — פון בערדיציעווער, זיכרוינע לעווראָכע! נאָטע איז

א ווײַלע געבליבן שטילער, נאָר נישט אף לאַנג. באלד האָט זיך אים דאָס געזיכט מעשונע אויסגעקרימט. זײַנע אויגן האָבן בא אים שארף און געשווינד אופגעגלאָצט, ווי בא א צאנקנדיק ליכט, און האָבן זיך באלד צוריק פארשלאָסן... און עס האָט זיך צוריק געהערט דאָס כאָרכלען פון האלדז.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט עמעץ.

— די „טרויעריקע קלעזמער" — ענטפערט פײַוול מיט א בײַטערקײַט אין דער שטימע.

א פּאָר מאָל רײַסט ער זיך און ווארפט זיך, זוכנדיק לופט, ווי א פריש געפאנגען פישל זוכט וואסער. דערנאָך א שטארקער און לעצטער כאָרכל... און נאָטען איז אויסגעגאנגען די נעשאָמע. מע האָט אָנגעצונדן א ליכט, א בראָכע געמאכט און אראָפּגעהויבן דעם טויטן אף דער ערד. די ארויסגעשטויסענע מיריעם באווײנט אים פאר דער טיר. „לאָזט מיך! — שרײַט זי, — לאָזט מיך נאָך אײנמאָל אָנקוקן מײַן מאן, רײַסט מיך נישט אוועק פון אים, לאָזט אויך צו מײַנע שוועלבעלעך, זאָלן זײ אים באווײנען... קלאָגט אף אײַער בראָך! — קלאָגט, יונגעט יעסוימימלעך, אף אײַער טאטן!" זי האָט זײ געוויזן צום פענצטער אין שטוב ארײַן: „דאָרט איז אײַער געטרײַער שפּײַזער, אומגליקלעכע פייגעלעך..." כאימל איז געשטאנען בא דער זײַט און אלץ געשלאָגן זיך קאָפּ אָן וואנט. „זאָל שוין זײַן גענוג", — האָבן אײניקע מאנסלײַט געשריגן, — „נעמט זי אוועק ווײַטער, ווײַט... מע טאָר נישט מעצאער זײַן קײן טויטן". מע האָט זי מיט געוואלד אוועקגעפירט צו א שאָכן. פײַוול האָט א ווונק געטון צו צוויי פון זײַנע כאווײרים. — „קומט צו זעליקן, מע מוז נעמען עטלעכע רובל אף טאכריכים" — האָט ער זײ געזאָגט, און אלע דרײַ זײַנען ארויס פון שטוב.

זעליקס באלעבאָסטע האָט שוין דערפון געוווּסט און איז זײ אקעגן געלאָפן, קלאָגנדיק און מיט פארבראָכענע הענט: אָן אומגליק, אזא אומגעריכטער כורבן, קינדער קרוין! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן: דער פינצטערער „אונסאגנע טויקעף!" נאָך פאראיאָרן אָנגעכאסמעט געוואָרן!"

„ווּ איז זעליק?״ — האָט פּײַוול איבערגעריסן די קלאָג. זי ווישט זיך אויס די אויגן און ענטפערט באלד און באליידיקט, אז ער וועט באלד קומען: „זעצט אײַך!״ זעליק איז אויך באלד גע־קומען און האָט, צוגייענדיק צו זיי, געפרעגט: „איר זענט שוין געווען בא דעם גאבע פון כעוורע קאדישע?״ „ניין, — האָט פּײַוול געענטפערט, — מע דארף געלט אף טאכריכים, כאָטש א רובל זעקס, און איר מוזט די טויווע טון און געבן״. זעליק האָט פּײַוולען א צייכן געגעבן, ער זאָל נישט רעדן אזוי הויך פארן ווײַב. עס איז אָבער שוין צו שפּעט געווען. זי גיט אים א צי באם ארבל. זי וויל אים עפּעס זאָגן אָן א זײַט. ער מאכט זיך נישט הערנדיק, גיט פּײַוולען זעקס רובל. פּײַוול מיט די כא־ווײרים גייען ארויס. דעמאָלט ערשט פרעגט ער, וואָס זי וויל אים זאָגן?

— ווער וועט אָפּארבעטן דאָס געלט? — פרעגט זי צאָרנ־דיק. — דיר כאָלעמט זיך, אז נאָטע לעבט נאָך?...

— נישט דײַן דײַגע! — ענטפערט ער: — כאַימל וועט אָפּ־ארבעטן, דויר הוילעך וועדויר באָ!

די מעשוגעגע אין דאָרף

אף דעם לובלינער שאָסיי פאָר איך איינמאָל באנאכט מיט א פורמאַן — א יונגער יונג מיט ברייטלעכע פלייצעס. ביידע זיצן מיר שטיל, און דאָס וועגעלע שאָקלט זיך מיט אונדז, לײַכט רוישנדיק איבערן שטיין־געפּרעסטן וועג. ווײַט פינקלען שטערנדלעך, צאנקען און ציטערן ווי אײַנגראָבנדיק זיך טיף, טיף אין דער טונקעלער נאכט... א קיל יאָמים־נויראָימדיק ווינטל האלדזט מיך, גלעט מיר דאָס פּאָנעם, פּאָכט מיר איבער די אויערן און זשומט צו לײַכט, שטיל... דער טונקל־בלאָער הימל הילט ארום דאָס פעלד אין א קײַלעכדיקן שעטעך טיף גענייגט צו דער ערד, און שטיל איז אלץ ווי די נאכט. ווײַט ארום שלאָפט דאָס פעלד אײַנגעהילט אין א זילבער־ווײַסן טוי־שלייער, אף וועלכן עס שאָטנס זיך, ווי כאלומעס־געדאנקען, די צעוואָרפן שטייענדיקע ביימלעך. א פארזאָרגטע בלאסע לעוואָנע, און ווי פארטראכט אין ראַיוינעס, הערט זי זיך אײַן אינעם שאָרך פון די בלעטלעך אף די וויגנדיקע שפּיצן ביימער. באזילבערט מיט דער לעוואָנע־שײַן, בלאנקען צוויי שורעס קאלך־ווײַסע שטיינער אף ביידע זײַטן שאָסיי, און מיר פאָרן אינדערמיט טריט בא טריט.

דער פורמאַן, זעט אויס, דרעמלט, און איך זיץ הינטער זײַנע פלייצעס פארטראכטערהייט און קוק איבער זײַן קאָפּ אין ווײַטן העלן וועג ארײַן.

ווײַט, בא דער רעכטער זײַט וועג, שווארצן זיך צוויי טונקעלע פלעקן. אז מיר קומען נעענטער, איז עס דעכער פון צוויי געבײַדעס. דאָ קוקט זיך אום דער פורמאַן און זאָגט, אז ער שטעלט זיך פאשען דאָס פערד. מע פאָרט אריבער איבער

א הילצערן בריקל, וואָס ליגט איבערן וואסערל קעגןביידע הײַזער, און דאָס וועגעלע שטעלט זיך פאַר דער טיר פון איין הויז.

ביידע זענען גרויס אומגעלומפּערט, מיט אָפּגעשיילטע לייימענע ווענט. פון איין האַלב הויז, ווו מיר שטייען, זענען צו ביידע לאָדנס, נאָר דורך דער אויסגעשניטענער האַלבער לעוואָנע אין איין לאָדן פאַלט ארויס א ליכטיקער שטראַל, אויסציִענדיק זיך ביז אונטערן פערדס בויך. די פענצטער פונעם אנדערן האַלבן הויז זענען פארקלאַפּט מיט ברעטער... דאָס צווייטע הויז פון דעם האָט אין צוויי זײַטן צוויי גרויסע אײַנפאָר־טויערן, נאָר צעשפּאָלטן און אויסגעקרימט. די הוילע פענצטער, ווי אויגן־לעכער פון א סקעלעט, קוקן מיט א פינצטערן בליק אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן... זיי זוכן עפּשער פארפאלענע סאָכרים און באַלעגאָלעס מיט געלאָדענע בריקעס?... פארטראכט קוקט די לעוואָנע אף דעם אויסגעדרייטן צעהוידעטן דאך, וואָס דרעמלט, דאכט זיך, פארטיפט אין אלטע זיכרוינעס. ווײַט ערגעץ קרייט א האָן. איך קוק מיך אום — נאָך א מענגע צעזייטע דעכלעך פארזונקען אין א טאָל. די נאכט האָט זיי פארקישעפט אין א לאנגן טיפן כאָלעם, וועלכער וועבט זיך צוזאמען מיט מיליאָנען זילבערנע פעדים, וואָס שפּראָצן ארויס פון דער בלאנקער לעוואָנע. פלוצלינג טוט דאָס פערד א שנאָרך, איך קוק מיך אום — דער פורמאַן שטייט און הענגט דעם אָן א זעקל האָבער.

איך שפּרינג אראָפּ אף דער ערד און, שטייענדיק אָנגעלענט אָן וועגעלע, עפן איך מײַן זייגערל — פונקט צוועלף!

אין שטוב איז עפּעס א גערודער, הער איך, און פלוצלינג מישט עס זיך צונויף מיט פארדומפּענע קוילעס... „וואָס איז דאָס?" קנייטשט מײַן פורמאַן די פּלייצעס, אויסשטעלנדיק זײַנע פינקלדיקע אויגן צום לאָדן, ווו עס לײַכט זיך. ער רוקט זיך צו נעענטער און לייגט צו דאָס לינקע אויער, קוקנדיק אף מיר, וואָס וועל איך זאָגן דערצו.

— ווער וווינט דאָ? — פרעג איך.

— אן אלמאָנע! — ענטפערט ער, אראָפּלאָזנדיק די בליקן אף זײַן ברוסט, און רוקט זיך אָפּ פונעם לאָדן.

— איינע אליין? — וויל איך וויסן.

— א טאָכטער מיט אן איידעם אויך. דאָס איז איר, דע טאָכטערס קאָל. איר הערט?...

— וואָס שרײַט זי?

— א נאָווי בין איך? קומט אַרײַן, וועלן מיר וויסן! — ענטפערט ער, צוגייענדיק צו דער הויז־טיר, און דערלאנגט דאָרט עטלעכע קלעפּ מיט דער פויסט, פון וועלכע די טיר האָט א גרילץ געטון.

באלד דערהערט זיך פון אינווייניק א ווײַבעריש קאָל:

— ווער איז עס?

— עפנט, פּעסעלע! — שרײַט דער יונג.

— מ׳קען נישט ערשט! — ענטפערט דאָס קאָל.

— מ׳קען נישט? — פרעגט ער מיט א באהאלטענעם כּאַס, — אזוי... נו, וועל איך קענען!...

— ווער איז עס? ווער, דו, יאָסל?...

— איך, איך! — שרײַט ער בייז, און צו מיר ווענדעט ער זיך מיט א פײַערדיקן בליק, נאָר מיט א ווייכערן טאָן, — אוי, א רועך אין איר מאמען אַרײַן, זי קען מיך שוין גאָרניט...

דאָס קייטל קלינגט אָפּ, און די טיר עפנט זיך. אף דער שוועל באווײַזט זיך א יידענע אין א טונקל קליידל מיט א דערע אף די אקסלען און א ווײַס ציפּיקל אפן קאָפּ. איר בלאס פּאָנעם קעגן שײַן פון דער לעוואָנע דריקט אויס שרעק און אומצופרידנקײַט.

— יאָסל, — הייבט זי אָן, — איך האָב דיך שוין שיר נישט דערקענט.

— נו, נו, מ׳וויים שוין... — טוט ער א מאך מיט דער האנט, ווי ער וויל נישט הערן, און צו מיר גיט ער א ווונק איך זאָל אים נאָכגיין.

די יידענע, ווי בערויגעזדיק, רוקט זיך צוריק הינטערווײַלעכס און עפנט אין הויז נאָך א טיר, און מיר גייען איר נאָך אין שטוב אַרײַן.

אַרײַנקומענדיק, בלײַב איך שטיין בײַ דער טיר. פינצטער איז, האָב איך מוירע א פוס צו שטעלן, דאָך אין דער וואנט, קעגן מיר, לײַכט זיך פון א קליין קײַלעכדיק פענצטערל. דאָרט איז,

אפּאָנעם, נאָך א כיידערל. די ייִדענע איז צוגעגאַנגען, און צו־זאַמען מיטן פענצטערל עפנט זי א טיר. דאָ ווערט דערווײַל אביסל ליכטיקער, און איך רוק מיך שוין אַרײַן אין דער מיט שטוב.

די ייִדענע איז אַרײַן אין צווייטן כיידער, און באַלד קומט זי צוריק צו אונדז מיט א ברענענדיק לעמפּל אין דער האַנט.

איך דערזע פאַר מיר א קרעמער־טישל, א געקעסטלטע שאַנק בײַ דער וואַנט, וווּ עס ליגט פּעקלעך פּאַפּיראָסן, טאַבאַק דריטער סאָרט, סטעארין־ליכט, עטלעכע פּעקלעך ציקאָריע און אַסאַך פּוד־לעס גילזעס... גאָר הויך איז אויסגעשטעלט עטלעכע פּאַפּירענע האַלבע און פולע בײַטלען, און אין עק — נאָך א גלעזערנער סלוי מיט געטריקנטע קאַווע. אכוץ דעם שטייען בײַ דער זײַט טיש, אַף א ברעט ביז דער סאַמע ערד, צוויי האַלבע זעקלעך מעל, איין זעקל זאַלץ און א בלעכענע באַנקע מיט א זײַטיק גיס־רערל, אַרויס־געשטאַרט קרום־אויס מיטן מײַלכל קעגן פּאַטענט אַף דער וואַנט.

— דאַרפסט האָבער? — פרעגט פעסעלע, צוגייענדיק צו יאָסלען, און לײַכט אים אין פּאָנעם אַרײַן.

— איידער כ'וועל פאָרן! דערווײַל עסט עס...—ענטפערט יאָסל, זשמורענדיק די אויגן קעגן ליכט.

— ווער וועט שפּעטער קלעטערן, דער האָבער איז אין קאַמער.

— קלעטערן? נישט, דאַרף מען נישט!...

— אבי געריסן פון שלאָף, — פּירט זי אָן דאָס לעמפּל קעגן דער טיר און דרייט זיך אויס.

— שטייט נאָר, שטייט! וועמען?

— נו, וועמען? — קוקט זי זיך צוריק אום און הייבט אוף דאָס לעמפּל העכער צו יאָסלס פּאָנעם.

— אײַך? אז מ'הערט הינטערן לאָדן קוילעס... זענט איר גע־שלאָפן? דער באָבען דערציילט!

— סוינע ייִסראָעל, יאָסל קרוין! — מאַכט זי א ווייהאַרציקע מינע, — איך וועל די ערד קילן פאַר דער צײַט.

— וואָס איז?

— גאָרנישט, אַלץ דאָס אייגענע, דאָס מעשוגאַס טרעט נישט אָפּ פון איר איין רעגע. זי ריכט דאָס מיר צו נעכט, איז א קלאָג צו דער מאמעס קאָפּ, — קלאָגט זי זיך, צולייגנדיק א האנט צום הויטיקן פּאָנעם און די דלאָניע פארשטעלט די שוואָמען־געבראָ־טענע ליפּעלעך.

— מע זאָגט דאָך: איר זענט שולדיק.

— אוי, קינד וואָס דו ביסט! א מאמע, א זינדיקע מאמע איז שולדיק אין א דיבעק? פרעג די שכיינים אין דאָרף...

— וואָס, ער שרײַט ארויס פון איר?

— וואָס דען? דאָ שרײַט זי, דער דיבעק, הייסט עס, זי וועט שעכטן די מאמע, דאָ שעלט זי דעם רעבן, וואָרעם די אלע לײַט ציטערן פאר א רעבן און האָבן אים פײַנט.

— און דעם מאן?

— מיילע... זי שעלט אפילע נישט. נאָר מעשוגע, באהאלט זי זיך פאר אים.

— מע זאָגט דאָך, אז זי וויל אים נישט.

— זאָל מען די קלאָגן!

— איך האָב עס פון איר אליין געהערט.

— גוט געהערט! שעכטן די מאמע, אָדער שעלטן דעם רעבן, ווייס זי וואָס זי רעדט? דאָס אנדערע, וואָס גייט ווען אָן?

— טאקע נישט, אָט שמועסט מען.

— נו שוין, נו...—האקט זי אָפּ און דרייט זיך אוועק מיטן לעמפּל צו דער טיר, נאָר איך פארהאלט זי ווידער און פרעג:

— עפּשער איז דאָ א גלאָז טיי?

— עס קען באלד זײַן—צײַט עטלעכע מינוט.

— גוט, — טו איך א שאָקל מיטן קאָפּ, און זי מיטן לעמפּל אין האנט ווערט נעלעם אין צווייטן כיידער ארײַן.

— ווען מיר זײַן אין דער פינצטער? — פרעג איך יאָסלען.

— ווילט איר, גייט ארײַן... — ווײַזט ער מיט דער האנט צום ליכטיקן פענצטערל.

— אין איר?

— איך נישט, איך וועל דאָ זײַן...

— זאָל מען אָנצינדן א ליכט, וועל איך באצאָלן. — זאָג איך.

— פעסעלע! — רופט ער.

זי קומט אַרײַן.

— וואָס איז? באַלד איז די טײ...

— ניין, צינדס אָן אַ ליכט, אַ פּירעדיק ליכט, — זאָגט ער איר.

זי נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ליכט, צינדט עס אָן און דערלאַנגט עס יאָסלען.

— איך בין שולדיק, זאָגט מען? באַגראָבן אַזאַ יונג בלוט, אַ ווײַבל אַ צאַדייקעס. מיילע, האָסט זי דאָך געקענט. מינאַסטאַם בין איך זי ניט ווערט. ערשט לייגט מען מיר נאָך שטיינער אויפן האַרצן... געבליבן די צוויי שוועלבעלעך, און דאָ דער יונגערמאַן קלעפּט אָן דער שטוב. מיך האַלט ער פּאַשעט פאַר אַ מאַמען, וואָס־זשע זאָל אַ מאַמע, אַ פאַרביטערטע מאַמע, טון, ווען זי האָט נאָך אַ דערוואָקסענע בסולע? דעם יונגנמאַן אַרויסיאָגן? די שוועלבעלעך פאַריאָגן צו אַ שטיפמאַמען און דאָס מיידל כאַסענע מאַכן מיט אַ פרעמדן טײַוול?

— מיילע, האָט איר דאָך גוט געטון, הייסט עס!...

— אַוואַדע האָב איך געמיינט, אַז די וווּנד אין האַרצן וועט אַביסל פאַרצויגן ווערן... ערשט אַ גאָטס שטראָף... זאָלסט מיר לעבן, יאָסל, פאַר מײַן געשמאַדטן האַלדז האָב איך דאָס געטון? כאָלילע ניט אָנגעפּרעגט דעם רעבן? ווייס איך! אַ צאַדיקס ענטפער, זאָגט מען, דאַרף מען פאַרשטיין, און אַז איך האָב אים געפרעגט און דערצײלט, וואָס איך קלער צו טון, האָט ער גע־ענטפערט: „אַוואַדע איז אַ שאָד די קינדער זאָלן פאַריאָסעמט ווערן!" וואָס, זאָלסט מיר לעבן, האָט ער אַנדערש געמיינט?... ערשט נעכטן געווען אין שטאָט, ווידער אָפּגעטרעטן... זײַנע זכוס־אָוועס זאָל מיר בײַשטיין! האָט ער מיר געגעבן שאָבעכץ פון טײַוולס־פינגער און פאַרשפּראָכענעם בוימל. מיילע, קאָסט עטלעכע גילדן, ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, עפּשער וועט זיך גאָט פּאָרט מעראַכעם זײַן? און וועלכע מאַמע גיט עס נישט אַוועק דאָס העמד פון זיך פאַר איר קינד?

יאָסל, געריררט פון די טרערן, וואָס הענגען אויף אירע אײַנ־געשרומפּענע ציטערדיקע ברעמען, האָט אַ מאַך געטון מיט דער

האנט און ער רוקט זיך אָפּ אָן א זײַט, זי וויזיער גייט צוריק אין צווייטן כיידער אַרײַן.

יאָסל זעצט זיך אפן טיש, אראָפּהענגענדיק די פיס, און טריפט אָן דאָס ליכט לעבן זיך. דערווײַל קומט פעסעלע צוריק מיט צוויי גלעזער טיי אין די הענט, זי שטעלט זיי אוועק אפן טיש און גייט באלד צוריק אינעם כיידער, פארמאכנדיק נאָך זיך די טיר.

אָפּגעטרונקען די טיי, פארויכער איך א פאפיראָס און בין יאָסעלען אויך מעכאבעד מיט איינעם.

מע רויכערט און מע שווײַגט. דאָס ליכט־פלעמל ציט זיך צום בעליק מיט א העל־בלאָער לויטערקײַט, צושאָקלענדיק זיך שטיל און ערנסט, ווי א צנוע צו ליכטבענטשן. אף דער מאט־ליכטיקער וואנט שטייט יאָסלס שאָטן. דאכט זיך, ער שלאָפט אָדער איז גלאט פארכאָלעמט, און יאָסל אליין זיצט שטיל, און פארטראכט קוקט ער אף דעם דין אײַנגעלייגטן רויך, וואָס בלאָנדזשעט אין לופטן אויסגעשפרייטערהייט, ווי א בלאָ טישטעכל, און פלעכט זיך וויגנדיק און צעגייט ווי א לײַכט וואָלקנדל. און וואָס לענגער אונדזער שווײַגן, אלץ פארטראכטער זעט יאָסל אויס, און א שטיל טרויעריק ניגנדל פײַפט ער זיך צו. דאָס ברוינלעכע פּאָנעם באציט זיך אָפּט מיט א באצארטער מינע, די בוילעטע אויגן אונטער די סאמעט־שווארצע ברעמען שטייען ברייט געעפנט און קוקן פאר זיך מיט א פארגליווערטן בליק, און די פולע צונויפגעצויגענע ליפּעלעך, באשאָטענע פון די שווארצע וואָנצעלעך, פײַפן, דאכט זיך, אָן זײַן ידיעה. פארטיפט אין געדאנקען, קען זײַן, הערט ער ניט זײַן אייגן ניגנדל, ביפראט פעסעלעס רייד אין צווייטן כיידער — אוואדע נישט; און איך רוק מיך צו אליין צו דער טיר און ווארף א בליק דורכן קליינעם שויבל.

א בעטל מיט צוויי שלאָפנדיקע קינדער, אויבנאָן שטייט א טישל צווישן צוויי בעטן, וואָס שטייען איינס קעגן אנדערן בא די קאלך־געווײַסטע ווענט. אין איינער זעט זיך פון אונטערן איבערבעט צוגעדעקט ביזן האלדז א בלאסלעך פּאָנעם מיט א שווארצן בערדל און א קאפל אפן קאָפּ, בא וועלכן די אויגן קוקן שטיל צום צווייטן בעט, ווו א יונג ווײַבל מיט א געשטריקט

ווײַס קאָפּקעלע אפּן קאָפּ ליגט, דאָס איבערבעט האלב אָפּגעדעקט און דאָס פּאָנעם איז ווײַסער פאַרן העמד. אָן בעט אָנגעשפּארט שטייט די פּעסעלע און קוקט אף דעם ווײַבל מיט ראַכמאָנעס־בעטנדיקע אויגן.

— ווי לאנג איז דער שיר זיך נאַריש צו מאַכן? — טײַנעט פּעסעלע קימאַט וויינענדיק, — ווייניק נאָך דער מאַמעס בלוט פאַרגאָסן?

דאָס ווײַבל שווײַגט און קוקט טרויעריק אף דעם ברענענדיקן לעמפּל, וואָס שטייט אפּן טיש, לעבן אן אָפּן סייפער'ל.

— זע! — זאָגט ווידער פּעסעלע, — א מאַמע וויל נישט קיין שלעכטס, זי וויל נאָר זאָלסט זיך ניט מאַכן קינדעריש. אַדעראַבע, ווו נאָך פירט זיך אזוי א ייִדיש קינד? שוין אַכט וואָכן, אַכט באַשריגענע וואָכן, פון דער כאַסענע, ווי צו מיר... ביסט, כאָלילע, אַרויס פון ייִדישן דאַס? ווייסטו וויפל קליפּעס און מאַשכיסים באַשאַפסט דורך דײַן אַקשאָנעס?... גאָט וועט אוואדע ניט שווײַגן, און די אַלע דײַנע מאַשכיסים, העַרסט, דײַנע מאַשכיסים, וועלן דיך אַליין אומברענגען און וואַרפן דיך אין קאַפּאַקאַל.

זי טרעט אָפּ פונעם בעט, לאַנגזאַם גייענדיק צו דער טיר. איך כאַפּ מיך אוועק פונעם שויבל און שטיי שוין לעבן יאָסעלען.

די טיר עפנט זיך, און פּעסעלע רוקט זיך אַרײַן. זי נעמט די גלעזער און ברענגט נאָכאַמאָל טיי, און שווײַגנדיק גייט זי צוריק, פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. באַלד כאַפּ איך מײַן גלאָז טיי, און האַלטנדיק עס אין דער האַנט, רוק איך מיך ווידער צו צום שויבל...

— ווי צו די יאָר, — הייבט ווידער אָן פּעסעלע, צוגייענדיק צום ווײַבל, — ווו נאָך בא ייִדן איז אזוי?... זע, — ווײַזט זי איר אָן אפּן אָפענעם סייפער'ל, — זע, טאָכטער, וואָס אין דער הייליקער טוירע שטייט: פון איינמאָל אופהאַלטן... ווערט באַשאַפן א מאַש־כיס. און ווייסטו וואָס מאַשכיסים און מעכאַבלים זענען? א מאַש־כיס פאַרברענט, פאַרברענט און באַשאַפט! העַרסט, מאַרשאַס, העַרסט! פאַרברענט ווידער און באַשאַפט ווידער און טוט א שלײַדער אין קאַפּאַקאַל אַרײַן, אין קאַפּאַקאַל אַרײַן. העַרסט, ווי דו וועסט א שוואַרצן סאָף האָבן, קיין שום טקומע!...

דאָ האָט די טאָכטער מיט האס א קוק געטון אף דער מוטער און געכאפּט דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ.

די מוטער פארברעכט די הענט, און אופהייבנדיק די אויגן צום בעליק, קנייטשט זי דאָס פּאָנעם ווייטיקלעך.

— ריבוינעשעלוילעם — רעדט זי אויס פארביטערט — וואָס איז מיר צוגעקומען? יענע טאָכטער צוגענומען און מיך געלאָזט. נעם מיך שוין צו ווו כ׳האָב נאָר א זכוס!... — נעם, טאָכטער, — רייַסט זי איר אראָפּ דאָס איבערבעט פונעם פּאָנעם, — נעם דער מאמעס הארץ, לייג עס אף ברענענדיקע קוילן, וועט עס שוין ניט געפּייַניקט ווערן אזויפיל!

די טאָכטער באהאלט צוריק דאָס פּאָנעם אין איבערבעט, און אז די מוטער לאָזט ניט, טוט זי א קוק ארויס און בלייזט ארויס די צונג.

דער מוטערס אויגן בלישטשען אוף מיט א פייַערל, זי רייַסט אראָפּ דאָס איבערבעט צו דער ערד און נעמט לויפן איבער דער שטוב אוף און אָפּ. פּלוצלינג בלייַבט זי שטיין פארן בעט מיט א פינקלדיקן בליק און מיט א שנייַדנדיק קעלעכל שרייַט זי אויס:

— הולטייַקע! אונטער מייַן דאך זאָל אזא זינד ניט געבערענגט ווערן, איינמאָל פאר אלעמאָל, לעב אָדער שטארב! — ענדיקט זי מיט שוים אף די ציטערדיקע ליפּן און לויפט אוועק צום קינ־דערשן בעטל, ווו זי בויגט זיך איַין און כאפּט א שטריק איינ־געלייגט אין צווייען און לויפט צוריק צו דער טאָכטער, ווו זי ליגט אייַנגעקאָרטשעט און טוליעט איַין די נאקעטע פּיס אונטערן העמד, קוקנדיק אף דער מוטער מיט א צעמישטן דער־שראָקענעם בליק, ווי זי שטייט איבער איר מיט א שטריק אין דער האנט און שרייַט:

— שוין גענוג זינד... גענוג צוגעדעקט. אופגעדעקט מוז ווערן... א כעט אין מייַן שטוב, א כעט אין שטוב!

— אלטע קליפּע! — מורמלט שטיל די טאָכטער און וויל אָנ־כאפּן דעם שטריק, וואָס ציטערט איבער איר אייַנגעטוליעטן גוף אין דער מוטערס האנט.

— קליפּע? אָט האָסטו א קליפּע! — לאָזט זי איר אראָפּ א ריס מיטן טרוקענעם שטריק איבערן ווייכן לייַב.

דער יונגערמאן אין בעט קעגניבער האָט א ציטער געטון אין דער רעגע, גלײַך דער שטריק װאָלט זיך אים אין זײַן לײַב אײַנגעשניטן, נאָר אָט דערהערט ער דעם װײַבלס יאָמערלעך געשריי, און זײַנע אויגן און בלאס פּאָנעם פלאמען אוף מיט א װילדער נעקאָמע.

— זאָל זי װיסן װאָס הייסט אקשאָנעס! — קילט ער זיך דאָס הארץ, — זאָל זי װיסן!...

פּלוצלינג קריג איך א שטויס אין אָרעם, איך קוק מיר אום, — יאָסל! דאָס האָט אים איר קאָל צוגעצויגן און ער קוקט דורכן שויבל...

אינװייניק טומלט, די צװיי קינדערלעך אין בעט זענען שוין אופגעװעקט און זיי צאפּלען זיך און שרײַען, װי יונגע אוימעלעך ערעװ יאָמקיפּער באגינען... נאָר פּעסעלע טוט דאָס איריקע.

— נו, עפּעס גוט געװען? — קוקט זי אף דער טאָכטער מיט נעקאָמע-שמייכלדיקע גיפטיקע בליקן, — עפּעס גוט, הא, װי מיינסטו?...

— דערהארגע מיך!

— טאקע אזוי! אזוי... אזוי...

— געװאלד, געװאלד! — שרײַט זי מיטן גאנצן קויעך, איבערשרײַענדיק די קינדערשע קעלעכלעך, און זי װארפט זיך אראָפּ מיט א האלבן גוף פונעם בעט, אָנשפּארנדיק איין האנט אף דער ערד און מיט דער אנדערער װיל זי אָנכאפּן דאָס איבערבעט...

די מוטער אמפּערט זיך מיט איר, כאפּט זי זיך צוריק און גראָבט אײַן דעם קאָפּ צװישן שטרוי אונטער דער פּלאכטע...

אין דער מינוט האָט יאָסל, א קריץ טוענדיק מיט די ציין, א ריס געטון די טיר. „פּארקייטלט"! — ברומט ער, עטװאָס זיך אײַנקאָרטשענדיק, און דערלאנגט נאָכאמאָל א שטויס מיטן אקסל. דאָס קייטל אין יענער זײַט פּלאצט מיט ראַש, די טיר שפּרינגט אָפּ, און יאָסל װארפט זיך ארײַן אין כיידער װילד צעטראָגן. די מוטער שפּרינגט אָפּ מיט שרעק, און ער בלײַבט שטיין עטלעכע טריט פארן בעט.

— דוווירע! — דונערט זײַן קאָל, — האָסט דיך געהייסן האר־גענען? וועמען טוסטו דאָס אָפּ, דײַן מאמען? זי וועט דיך באַ־דויערן נאָכן טויט, מיינסטו?..

— דו שייגעץ, לאָבוס! — שפּרינגט ארויס פונעם צווייטן בעט דער יונגערמאן אין די בלויזע גאטקעס, ווילד און די פּייעס צע־פּלאָשט פאר שרעק... — דו מעכוצעף, בא מיר אין שטוב?...

— בא דיר, — שפּרינגט יאָסל צו אים צו, ארײַנהאקנדיק איי־נער נאָך די אנדערע ביידע פויסטן אין פּאָנעם ארײַן, און דער יונגערמאן פאלט אף דער ערד פארגאָסן אין בלוט.

— רויצייעך! — שרײַט פעסעלע, אָנכאפּנדיק יאָסעלען באם ארבל, — רויצייעך, דערהארגעט א מענטשן!...

נאָר יאָסל הערט נישט, נישט איר, נישט די קינדערס געשריי, ער פילט אויך ניט, דאכט זיך, ווי זי ציט אים דעם ארבל, און מיט אָנגעשטרענגטע פיס, ווי פון שטאָל געגאָסן, דריקט ער דעם שטייענדיקן טריט, איבערגעבויגן ריידנדיק צום ליגנדיקן אין קרעכצן.

— נו, וואָס ליגסטו?.. דאָס שעפּעלע איז געבונדן, גיי צו, שעכט!... אָ, ווארט... גיכער וועסטו געטויט ווערן! — גלײַכט ער זיך אויס, ארײַנשטעקנדיק ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. און אין זײַנע אויגן שפּילט א בייזער שמייכל פארמישט מיט א וויל־דער האָזע צו קוקן אף דעם בלוט־פארגאָסענעם פּאָנעם.

אין דער רעגע האָט א שרעקלעכער געדאנק אין מײַן מויעך אופגעבליצט — „עפּשער א מעסער? וואָס זוכט ער אין די קע־שענעס?" און איך שפּרינג צו און שטופּ אים אָפּ מיט קראפט.

— וואָס טוט איר? — שרײַ איך אופגערעגט.

— איך טויט! — שרײַט ער נאָך העכער, און די אויגן בליצן, קוקנדיק צעמישט אף דעם יונגנמאן.

— פארוואָס? א מענטשן!.. — שרײַ איך און האלט אים באם אָרעם.

— א מענטש איז דאָס? — שמייכלט ער ווילד, — א ווייך שוואָמל, וואָס צעקוועטשט זיך אין דער האנט!... א בלעטל, וואָס ציטערט פון מינדסטן שאָקל!..

— אָבער וואָס האָט איר צו אים?

— זעט, אָ!...— ווײַזט ער מיט א פינגער אף דעם ווײַבל אין בעט.

— נו, וואָס?.. די מוטער!..

— אָבער ער איז דאָך געלעגן קעגניבער און געקוקט... זײַנע שטילע אויגן האָבן דאָס געהייסן, אוי, איז דאָס אויגן, אויגן...

— זאָל עס אים קרענקען!... זײַן ווײַב! — שטיל איך אײַן יאָסלען.

— זײַן ווײַב! זײַן ווײַב! — זיפּצט ער אָפּ, אוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט, — פֿאַרפֿאַלן... לאָזט מיך אָפּ. איך בין שוין רויִק. אַז זי איז זײַן ווײַב, לאָזט־זשע מיך אַרויס צו מײַן פֿערד...

יאָסל איז אַרויס פֿונעם שטוב, און איך בלײַב נאָך צו העלפֿן דער אַלטער דעם יונגנמאַן אַרופֿלייגן אויפֿן בעט.

ער בלוטיקט אײַן דאָס קישן, לייגט זי אים אונטער איר פֿאַרטעך אונטערן קאָפּ און ווישט אים דאָס בלוט פֿונעם פּאָנעם, קרעכצנדיק און שעלטנדיק.

דער יונגערמאַן איז בלאַס, די נאָז — פֿאַרשפּיצט און די אויגן — פֿײַכט, ווי פֿאַרגאָסן מיט טרערן, און ראַכמאָנעסדיק קוקן זיי צום בעליק מיט אַ מידן בליק.

איך לייג אַנידער אויפֿן טיש עטלעכע קאָפּיקעס און וואַרף נאָך אַ בליק צום ווײַבל אין בעט און גיי אַרויס פֿונעם שטוב.

יאָסל דרייט זיך אַרום ניט ווײַט פֿון דער שטוב, דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּ צו דער ברוסט און פֿײַפֿט זיך ווידער צו עפּעס אַ מעלאָדיע, אַזוי זיס, אַזוי האַרציק־טרויעריק, ווי אַ נעשאָמע וואָלט זיך געקלאָגט דערינען, און טיילמאָל רײַסן זיך די טענער שטאַרקער, העכער און בייזער, און איין טאָן יאָגט דעם צווייטן מיט אימפּעט, ווי די כוואַליעס אין טײַך איינע די אַנדערע, ווען זיי צעשפּילן זיך אין אַ געוויטער. און דאָ האָט זיך שוין ניט געהערט קיין זיס־וויינענדיקע נעשאָמע, נאָר ווי דער טײַוול פֿון האַס און נעקאָמע צעפֿלאַקערט זיך און ברענט מיט אַ ווילדן קאַס. דאָס פֿערד, דאַכט זיך, הערט זיך אײַן אינעם באַלע־באָס פֿײַפֿן, און פֿאַרזונקען שטייט עס מיטן קאָפּ אין זעקל האָבער, איבערלייגנדיק די אויערן אַמאָל צום קאַרק, אַמאָל פֿונפֿאָרנט.

אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אָן וועגעלע, שטיי איך און קוק אף יאָסלען, וועלכער באמערקט מיך, דאכט זיך, גאָרניט און האלט נאָר אין איין פּײַפן, טרעטנדיק אוף און אָפּ איבערן סקרי־פּענדיקן זאמד און קליינע שטיינדלעך, וואָס גלאנצן קעגן דער שײַן פון דער לעוואָנע.

פּלוצלינג בלײַבט יאָסל שטיין, און דאָס פּײַפן ווערט ווי אָפּ־געשניטן. ער הייבט אוף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן מיט א לאנגן פאַרשנדיקן בליק, ווי איינער רעדט: ווי געפעלט דיר אזא מײַסע?...

נאָר איך שווײַג און וויל אים ניט שטערן זײַנע מאכשאָוועס.— ער איז — טראכט איך — א קליינער רעדנער מיט א ברייטער קרעפטיקער פאנטאזיע, וועלכע, ווען זי צעשפּילט זיך, איז זי אימשטאנד צו שנײַדן א הארץ ווי מיט קאלטע שטאָלענע מעסערס, אָדער גלעטן עס מיט דער ווייכקײַט פון א צערטלעך געליבטער מיידלשער האנט. ער רעדט אויך ניט א וואָרט, נאָר גייט צו צום פערד, טוט עס א פּעטשל אין רוקן, איבערגליטשנ־דיק די האנט צום קארק, און מיט דער אנדערער האנט טוט ער א שאָקל־אונטער דאָס זעקל האָבער. דאָס פערד טוט א צאפּל מיטן קאָפּ אין דער הויך און לאָזט אים צוריק אראָפּ רוּיק, איבערלייגנדיק די אויערן צום קארק און פארטיפט זיך אין עסן.

— עס, באשקא! — טוט יאָסל א גלעט דעם פערד אונטערן בויך צוגייענדיק צום וועגעלע וווּ איך שטיי. ער זוכט עפּעס הינטער מײַנע פּלייצעס אין רוישנדיקן שטרוי, ביז ער נעמט ארויס די בײַטש פונדאָרט. אצינד באקוקט ער דאָס סטרעלדזול און דעם קניפּ און טוט א פּאָך אין דער שטילער לופט ארײַן. ער לאָזט צוריק אראָפּ די האנט מיטן בײַטש־שטעקעלע צו דער ערד, און דער צווייטער עק פאָרט ארום איבערן זאמד, קריצנדיק א זיגזאג, און די בײַטש שלענגלט זיך נאָך... ער קוקט עפּעס שטיל אף די צייכנס, וואָס דאָס שטעקעלע קריצט אויס אין זאמד, און ער שווײַגט שטייענדיק לעבן מיר.

נאָר דאָס שווײַגן, דאכט זיך מיר, פרעסט זײַן נעשאָמע, און מיר דאכט, אז ער וויל גערן, איך זאָל אים עפּעס פרעגן, כאָטש

וואָס עס איז, כאָטש אָנהייבן... נאָר אז איך ווייס ניט פון וואָס — הייבט ער אָן.

— נו, ווי געפעלט אײַך די הײַנטיקע נאכט? — פרעגט ער, שטיל אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער איז זיך גאָר ניט מייכן צו ריידן.

— זייער שיין, די לעוואָנע שײַנט! — ווײַז איך אים מיט א בליק צום הימל און קוק אים אינעם פּאָנעם ארײַן, וואָס פאר א רוי־שעם דאָס מאכט...

— אזוי! טאקע?... גאָטס וווּנדער! — שמייכלט ער שפּאָטיש און דרייט זיך אוועק, שעלמיש א הייב טוענדיק די אקסלען.

— שטייט נאָר, שטייט! — צי איך אים צוריק, — וואָס מיינט איר?

— נישט דאָס, צו וואָס אײַער ענטפער איז! — קוקט ער מיר שארף אין די אויגן ארײַן, — איר זענט דאָך מאָדיש געקליידעט און מינאסטאם א געלערנטער מענטש. נו, פאלט איר ארײַן מיר אן ענטפער פון הוידו ביז קוש...

— מיינט איר עפּשער א יִ ע ר נאכט? — כאַפּ איך צוריק.

— אוואדע ניט קיין לעוואָנע מיט שטערן... נאָר מײַן נאכט טאקע!...

— אינטערעסירט מיך זייער, נאָר איך פארשטיי ניט...

— ווילט איר, הייסט עס, יאָ פארשטיין? — פרעגט ער מיט פײַערלעך אין די אויגן.

— מיטן גאנצן לעבן!

— לאָזט־זשע אײַך דינען און הערט א מײַסע, וועט איר שוין וויסן, צי בין איך א רויצייעך...

„אף דעם וועג דאָ פאָר איך גאנץ אָפט, ווײַל דער איקער פארדינסטלעך מײַנע איז אף דעם טראקט, און שטענדיק שטעל איך דאָ פאשען, טאקע שטענדיק פון צײַט אָן איך פאָר, און פאָרן, דארפט איר וויסן, פאָר איך שוין ניט פון הײַנט און ניט פון נעכטן, נאָר פון נאָך מײַן טאטנס טויט אָן, אזוי גרויס, ווי א יאָר פינף, וואָרעם א מאמע, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, האָב איך, א שוועסטער אויך, דארף מען דאָך עסן, האָב איך מיר דעמאָלט געמאכט דאָס געשפאן, יאָ... פאָר איך דאָ גאנץ אָפט אדורך און

שטעל מיך דאָ אָפּ א שאָ, אָדער צוויי. די דוווירעלע טאקע, וואָס איר האָט געזעען, איז נאָך געווען א מיידל, און פלעגט זי מיך נאָר דערזעען דורך דעם פענצטער, — מיטן קוק, זי שטייט שוין פאר דעם טיש מיט א געלעכטער און פרייט זיך, גלייַך דער טאטע וואָלט איר אופגעשטאנען... פארשטייט איר מיך.

קורץ דערפון, מיר און אפילע מייַן פערד האָט זי ניט גע־ווּסט ווי דאָס אָרט אָפּצוגעבן. דאָס שענסטע עסן און טרינקען, ניט כאָלילע אומזיסט, בא „אונדזערע ברידער" גייט דאָס ניט, עלע מיר פארהאלטן זיך גוט, דאָס גייט אין א באזונדערן וועג, וואָרעם איך, ווי איר קוקט מיר אָן, האָב איך מיך ליב צו שטעלן אָרנטלעך, ווען ווער באהאנדלט מיך גוט. און זי — אלץ הייסט גוט... שטעלט אייַך פאָר: ניט אייַנמאָל פלעגט זי מיר זאָגן: דיך פאר א ברודער וואָלט איר מיך געווונטשן! אזוי געטרייַ... איך איר, ווי דער עמעס, אויך דאָס אייגענע. וואָרעם אזוינס צו הערן פון א פרעמד מיידל, פילט מען, ווי דאָס הארץ ווערט ווייך, צע־לאָזט ווי פוטער אף ווארעם ברויט... פארוואָס ווידער ניט? איך זאָג אייַך דעם עמעס, מיט מייַן שוועסטער, טייַלמאָל, גיבן מיר זיך א קלאָלע אויך, און דאָ, די דוווירעלע, ווי א שיינע גוטע טויב... שטעלט אייַך פאָר: דאָ, לעמאָשל, שטייט מייַן פערד, פלעג זי טייַלמאָל צוגיין געבן עס א גלעט איבערן רוקן... דאכט זיך, דאָך א טייַנעג, אז א פרעמדער לויבט און גלעט מייַן פערד, באָר צופיל... און איך האָב אזש ניט געקענט קוקן... די אויגן ווילן זיך עפּעס צומאכן פאר גוטסקייַט, דריי איך מיר אוועק און מאך מיר גאָר קוקן אפן דאך... כאָטש עס העלפט ניט, ווייַל הינטער די פלייצעס, ווייס איך, גלעט זי מייַן פערד... און א ווייך ווארעם ווינטל, פיל איך, גייט מיר אדורך אין די ביינער, גלייַך ניט דאָס פערד, נאָר מיך גלעט זי דאָס אפן גאָלן לייַב. און נאָר דאָס אליין? שטעלט אייַך פאָר, אָט קום איך, לעמאָשל, צו פאָרן און טרעף פונקט אין שטוב איז אָפּגעקאָכט אָנבייַסן, אלע גייען עסן, נאָר דוווירעלע ניט. וואָס איז? זי וויל איך זאָל אויך מיטעסן! און אלע אין שטוב ווילן דאָס, די מוטער ועט, כאָ־לילע, נישט כוישעד זייַן... ווייַל אין דאָרף — פּאָשעט א גוטע. און טאקע דער עמעס — אזוי איז דאָך!... מיר איז דאָס אָבער

ניט ליב געווען, איך פיל, אז זי וויל מיך מעכאבעד זײַן, און „אונדזערס א ברודער", פארשטייט איר מיך, שטייט ניט נאָך אזעלכע זאכן. זעט איר, א פּאָר גילדן דורכצולאָזן מיט א גוטן־ברודער, בין איך שטענדיק גרייט, און אף אזעלכע גליקן בין איך א טויטער... נאָר אָפּזאָגן איר קען איך ניט, און איך זע שוין, אז איך מוז אַרײַנפאלן... ווידער טרייסט איך מיך, — איך וועל פּרוּוון באצאָלן נאָך דעם עסן. און אזוי האָב איך געגעסן דאָס ערשטע מאָל, דערנאָך, איך וויל באצאָלן, — א נעכטיקער טאָג! „פאר האָבער און פאר פאפיראָסן זאָגט זי — קומט צו באצאָלן"... און דערבײַ שמייכלען די קליינע ליפּעלעך אזוי זיס, און די אויגן קוקן מיט אזא געניייווישן בליק. ווי איינער רעדט: „אָפּ־געפרײַערט!"... נו, ווי קלערט איר? מײַנער · איז נאָך ניט דער גאנצער פרײַער! זי פארקוקט זיך, פּוץ איך מיך צו צו איר קע־שענע און לאָז איר דאָרט אראָפּ א זילבערנע מאטבייע... קיטש!.. איך ווער לינק פונעם שטוב ארויס און וויין שוין אפן וועגעלע, — הײַדא, טרעט אָפּ, וואסקא! גיב איך א צופּ מײַן פערדל און א שאָקל מיט די לייטשעס.

ערשט אפן שאָסיי האָב איך מיך אומגעקוקט צו דער שטוב און דערזעען, ווי דוואירעלע שטייט אף דער שוועל און קוקט מיר נאָך, און פון ווײַטנס נייגט זי צו מיר מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט — „פּאָר געזונטערהייט!", — „זײַ געזונט!" — טראכט איך מיר און גיב דאָס פערדל א געלאסענעם טריט, קעדיי מיר זאָלן זיך לענגער אָנקוקן, איך און דוואירעלע.

אין עטלעכע טעג ארום פּאָר איך ווידער אדורך און שטעל מיך צו געבן דעם פערד א טרונק. איך האָב נאָך דעם קובל ניט אָפּגעבונדן פון וואסינג, און דוואירעלע שטייט מיר שוין הינטער די פּלייצעס.

— אזוי, —מאכט זי צו מיר, — אזוי לייגט מען אַרײַן? נעם, זײַ מויכל, צוריק! — שטופּט זי מיר א ווײַסן גילדן אין דער האנט אַרײַן.

— א לינקער שטומפּ! — ענטפער איך און פּוץ מיך אָפּ, ווי איך ווייס פון גאָרניט.

זי אָבער טײַנעט ניט קיין סאך און שווערט איבער איר געזונט, אז איך מוז צוריק נעמען. כאפּ איך א שווײַג און נעם

דעם גילדן און לייג אים אריַין אין קעשענע. פאר דאָס שפּעטער, ווען זי האָט מיך ווידער געוואָלט מעכאַבעד זיַין מיט מילכעדיקן באָרשטש, זאָג איך: ניין! ווי קלערט איר, און זי האָט יאָ געגעסן? א נעכטיקער טאָג! זי איז אריַין אין שטוב, געשטעלט זיך באַם פענצטער און קוקט ארויס צו מיר. איך ווידער שטיי אָן וועגעלע אָנגעלענט און קוק צו איר, אוןביידע שוויַיגן מיר, נאָר אירע אויגן רעדן, בעטן זיך עפּעס, עפשער איך זאָל ארײַנגיין אין שטוב, ווער ווייס? נאָר דאָס מאָל האָב איך מיך איַינגעשפּארט — ניט! און אזוי איז געווען, איך בין אוועקגעפאָרן וויַיטער און אפילו ניט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו געזעגענען, אפילו ניט אומגעקוקט זיך, טאָמער גריסט זי מיך...

צו מאָרגנס, איך פאָר צוריק. שטעל איך מיך דאָ פּאשען. דוואירעלע דערזעט מיך פארן פענצטער, קומט זי ארויס און שטעלט זיך אף דער שוועל. דאָס פּאָנעם איז בלאס, ווי קריַיד, די אויגן — טרויעריק און מאט, ווי פארטראכט, און אזוי שטיל, אזוי רויִק זעט זי אויס, ווי א הון ווען זי שטייט אונטערן אבדעכל און קוקט אפער אפן פאַרוואָלקנטן הימל...

איך גיי צו.

— דוואירעלע, — זאָג איך, — וואָס איז דיר?

— גאָרניט, — ענטפערט זי און טרערן שטעלן זיך אין די אויגן...

— ביסט עפּעס בלאס, — זאָג איך און מיך נעמט אָן א ראכמאָנעס.

— בלאס? — מאכט זי. — עפשער, איך בין ניט אויסגערוט.

— ביסט דען נישט געשלאָפן באנאכט?

— ניין! — ענטפערט זי קאַם.

— פארוואָס?

— דו ווייסט שוין! — זאָגט זי און קערט אָפּ דאָס פּאָנעם אָן א זיַיט אוןווישט זיך די אויגן מיטן פארטעכל.

— זאָלן מיר אזוי ביידע ניט וויסן פון קיין שלעכטס! — פארענטפער איך מיך און ווער שטארק צעקאָכט.

— פארוואָס נעכטן האָסטו דיך אפילו ניט אומגעקוקט?..

— א נײַע מײַטע! — זאָג איך, — ווי קומט איינס צום אנדערן? דורך דעם שלאָפט מען ניט?

— ניין — זאָגט זי — עס האָט מיר באנק געטון, וואָס איך האָב דיך געבייט צוריק צו נעמען דעם גילדן...

— איבער א גילדן גייט עס? עס איז דיר א שאָד? אָט האָסטו דרײַ, אבי שלאָף! — נעם איך ארויס מײַן בײַטעלע.

— און אז איך וועל נעמען, וועסטו שוין ניט זײַן בערויגעז? — פרעגט זי מיט א שמייכל, און די אויגן בלישטשען פײַכט פון טרערן.

— ניין, — ענטפער איך, כאָטש אין מיר טראכט איך: ווען האָט מיר גאָר געכאָלעמט פון א ברויגעז?...

— דרײַ — ניט! דעם איינעם גילדן — זאָגט זי — קען איך נעמען.

— זאָל זײַן! — ענטפער איך, האלטנדיק דרײַ גילדנס אף דער האנט.

— וועסטו שוין ניט זײַן בערויגעז?..

— ניין! — זאָג איך איר נאָכאמאָל צו, און זי נעמט אראָפּ איין גילדן.

אזוי איז אוועק א לאנגע צײַט, און מיר לעבן זיך גאנץ פרײַנטלעך. מאכט זיך אָבער אן אומגליק: דעם פארפייסעך ווערט די עלטערע שוועסטער, דאָס ווײַבל, קראנק, און עס גייט ניט אוועק קיין צען טעג, פונקט דעם אנדערן טאָג יאָנטעוו, שטארבט זי. א ווײַבל — א גאָלד, און אזוי היימיש. א שוועסטער, זאָג איך אײַך! האָט עס מיך — ווי איך בין א ייִד — באם הארץ געשניטן, און איך פלעג ניט קענען דערנאָך ארײַנקומען אין שטוב, ביפראַט איר, דווירעלען, האָב איך ניט געקענט אין די אויגן ארײַנקוקן. פריִער — אזוי היימלעך, אזוי פריילעך, פלוצלינג — אזא אומגליק! יעדעס ווינקל אין שטוב קלאָגט, די מוטער — צווישן צוויי ווערטער גיסן זיך די טרערן, און דווירעלע דרייט זיך אזוי ארום ווי א שאָטן, דאָס פּאָנעם איז בלאס, ווי די וואנט, און טרויעריק, דעם קאָפּ אראָפּ, אפילו די ווענט זעען אויס אומעטיק, און עס טרײַבט מיך פונעם שטוב ארויס איר באהאלטענער צאר...

נאָר איינמאָל, דעם זומער, פאר שוועס איז עס געווען, פאָר איך מיט אביסל כסידים צום רעבן קיין קאַליביעל, דאָ אין א נאָענט שטעטל... וויל איך מיר דאָ שטעלן געבן דעם פערד א טרונק, לאָזן זיי ניט די כסידים, און מאכן א יײַלע, איך זאָל פאָרן געשווינדער, נאָר ווער הערט זיי? מײַן פערד, קלער איך מיר, איז קיין כאָסיד ניט און אײַלט זיך ניט צום רעבנס שאָלעם. פונדעסטוועגן, איבעריק צײַט פארברענגען וויל איך אליין ניט; פאָר איך ניט צו צום הויז, נאָר בלײַב שטיין אפן שאָסיי, פארן בריקל, און בינד אָפּ דעם קובל און גיי צו דעם ברונעם, דאָ הינטערן הויז... איך טו א קוק, דווירעלע זיצט אף דעם גראָז, בלאס, ווי א טויטע, און דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ווי פארטראכט. פלוצלינג, זי האָט דערהערט די טריט, מוז זײַן, דערזעט זי מיך, און די פארבן קומען איר אינעם פּאָנעם ארײַן, ווי פארשעמט.

— וואָס זיצסטו אזוי? — פרעג איך.

— איך ווייס אליין ניט, — ענטפערט זי, — איך זיץ גלאט אזוי, פארטראכט האָב איך מיך.

און פארטראכט האָט זי טאקע אויסגעזען, און איך ווייס אליין ניט, — מיר האָט זיך עפּעס געוואָלט וויסן דעמאָלט, וואָס זי טראכט, נאָר פרעגן איז ניט מײַן טעווע. נעם איך אָנשעפּן א קובל וואסער, און צום אוועקגיין פרעגט זי מיך, ווען מיר קומט אויס צוריק צו פאָרן. איך האָב איר געזאָגט און בין אוועק צום וועגעלע.

אז איך האָב אָפּגעשטעלט די כסידים אין רעבנס הויפל ארײַן, דאכט זיך, קען איך שוין צוריק פאָרן? וואָרעם ווער דארף מיך דאָרטן, אָדער ווער וועמען דארף איך? עפּשער טאנצן מיט די לאַפּסערדאקעס אין רעדל, אָדער זיך רײַסן איבער א לעפל ארבעס־יויך? טאקע, דער עמעס, ווי קום איך?... ניט לאנג גע־קלערט, דריי איך אויס דאָס וועגעלע און מאך פלייטע. „נישקאָשע, מײַן פערד, — טראכט איך מיר, — וועסט קריגן ריינעם האָבער, לאָמיר זיך נאָר שטעלן פאר דווירעלעס טיר”! אזוי אַיז טאקע געווען, א גאנצן וועג ניט געפּאשעט, ערשט שפּעט באנאכט, ווען איך בין אהער צוגעפאָרן, שפּאן איך אויס דאָס פערד און דריי עס אויס אין די האָלאָבליעס, מיטן קאָפּ צום וועגעלע, און איך רוק אונטער דאָס זעקל האָבער.

די לאָדנס זענען שוין געווען פארהאמערט, נאָר אינעווייניק לייַכט זיך נאָך... און דורך דער אויסגעשניטענער האלבער לע־וואָנע זע איך, ווי דווירעלע דרייט זיך ארום איינע אליין. מיר האָט אפילו געגלוסט ארייַנצוגיין, ווייַל א גלעזל טיי האָט מיר זייער געשמעקט, ביפראט באנאכט, און א גאנצן וועג, פארשטייט איר מיך, קיין לעפל ווארעם וואסער אין מויל ניט געהאט, און דאָ, ווייס איך, מיטן קוק קאָכט זי מיר אוף טיי אין א קופערן פענדל. פונדעסטוועגן, בין איך מיר מעיאשעוו און ווארף מיך ארייַן אין וועגעלע צווישן שטרוי און ליג. שלאָפן האָב איך נישט געקענט, האלט איך גלאט די אויגן פארמאכט און הער מיך איַין, ווי דאָס פערד כראָפעט מיר צוקאָפנס...

פלוצלינג דערפיל איך, ווי א געדיכטע פינצטערניש, ווי א שאָטן, האָט זיך מיר אָנגערוקט פארן פּאָנעם; איך טו א מאך־אוף די אויגן — דווירעלע איז עס!.. זי שטייט באם וועגעלע איַינגעהילט אין א טיכל אף דעם קאָפּ און קוקט אף מיר... א ציטער האָט זי געטון, ווען איך האָב די אויגן געעפנט, און זי פרעגט ווי צעמישט: — „שלאָפסט שוין, יאָסל?". איך האָב ארופּ־געהויבן דעם קאָפּ פאר א סימען... און זי זאָגט ווידער:

— מ׳קען דיך נאָך אוועקגאנווענען!.. — און דערביַי שמייכלט איר בלאס פּאָנעם.

— ניט אזוי גיך! א צר־שווער פעקל, — ענטפער איך.

— עס שלעפערט דיך טאַקע? — פרעגט זי שטיל.

— ניין!

— ליג ניט, קום אראָפּ, — בעט זי זיך.

עס האָט מיך אדורכגענומען איר בלאס פּאָנעם און אונטער־טעניקע רייד, און איך האָב איר צוליב געטון.

אצינד זענען מיר שוין געשטאנען איינער קעגן אנדערן שטיל שווייַגנדיק. די שטילקייַט, האָב איך געפילט, האלט מיך ווי א פרעס, ווו איך האָב ניט קיין רעשוס א ריר צו טון מיט אן אייווער. און פארוואָס? — פרעג איך מיך אליין אין זינען; און בעשאס־מייַסע פאלט מיר איַין א סייכל איבערצושלאָגן די שטיל־קייַט און טו א פרעג:

— הערסט, ווי דאָס פערד כראָפעט?..

— איך הער, — זאָגט זי און לייגט נאָך צו, — וואָס זאָלן מיר שטיין דאָ? קום אביסל ווײַטער!

מיר גייען צו צום שאָסיי, און בא דער זײַט גראָבן, אפן גראָז, זעצן מיר זיך. זיצנדיק, קוקט זי אין הימל ארײַן, גלײַך זי האָט ניט מער אין זינען, ווי די שטילע שטערן, וואָס פינקלען איבער אונדזערע קעפּ, איך, ווידער, פארקוק מיך גלאט אין דער וועלט ארײַן, און כאָטש איך האָב מער אינזינען אונדז ביידע, ווי אלץ ארום, פונדעסטוועגן מאך איך מיך, ווי געפּייגערט און קוק נאָר אף דעם אײַנגעבויגענעם וױרבע־בוים מיט די רוישנדיקע בלעטלעך, וואָס שטייט בא דער אנדערער זײַט שאָסיי. אלץ איז שטיל, און דוווירעלע, אָן אָטעם, דאכט זיך, קוקט פארטראכט אף די שטילע שטערן.

— וואָס זעסטו דאָרט? — האלט איך ניט אויס.

— וואָס זאָל איך זען?

— ציילסט די שטערן?..

— איך זוך א שטערן, מײַן שטערן, — ענטפערט זי.

— נו, זעסט אים?

— ער איז דען אזוי ליכטיק?.. פרעגט זי און טוט א קוק אף מיר, און בעשאס־מײַסע שפּארט זי אָן דעם עלנבויגן אף איר שויס און דעם קאָפּ אף דער שטייענדיקער האנט, איך זאָל איר ניט קוקן אינעם פּאָנעם ארײַן.

— וואָס איז, דוווירעלע? — נעם איך זי אָן בא דער האנט.

— גאָרניט! — ענטפערט זי אָפּגעהאקט.

זי בענקט, אפּאָנעם, נאָך דער שוועסטער, — טראכט איך מיר:

— נאָך אזא שוועסטער, — זאָג איך — איז טאקע דאָ וואָס צו בענקען, נאָר — זי איז דאָך שוין געשטאָרבן...

— ע, ניט דאָס! — זיפצט זי אָפּ.

— וואָס דען?

— וואָס איך לעב... — ציטערט איר קאָל, ווי צו וויינען.

איך בין שטיל געבליבן, די האנט איז מיר עפּעס ווי אליין אוועקגעפאלן, אראָפּגעגליטשט פון אירער, און טיף אין הארץ האָט עפּעס געצופּט א מין ראכמאָנעס...

— דו שוויַיגסט,—זאָגט זי,—שוויַיגסט! ביסט, הייסט עס, מוידע...

— איך שוויַיג,— ענטפער איך, ווי דער עמעס,— וויַיל איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— דו שוויַיגסט,— כאַזערט זי איבער,— וויַיל ס'איז גלייַכער צו שוויַיגן.

— גלויב מיר, אַז ניט! איך ווייס טאַקע ניט, גלויב מיר.— פאַרענטפער איך מיך.

— גלויב מיר! איך וויל דיר גלויבן, ווי אַ קראַנקער וויל געזונט זייַן, אָבער וואָס טויג בלויז גלויבן...

— אָבער זאָג!.. לאָמיך ויסן! וואָס, זאָגסטו, ווייס איך?

ווער איך שוין בייז פון אירע געטאָקטע רייד, וואָס קענען אַ האַרץ אויסציִען. וואָרעם טאַקע דער עמעס, מי יעדייע וואָס פאַר אַן אָנטשעפעניש! איך ווייס, זאָגט זי, וואָס זי איז טרויעריק. געהערט רייד פון אַ מיידל!

— ווייסטו נישט,— זאָגט זי,— און ווילסטו ויסן? זאָג איך דיר. אַלציינס צי פאַרברענט אין פייַער צי דערטרונקען אין וואַסער... הער־זשע צוויי ווערטער: ווילסט מיך ראַטעווען? נעם־זשע מיך אוועק פונדאַנען...

— פאַרוואָס, און וווהין?— פרעג איך דערשראָקן פאַר אַ שלעכטע מאַכשאָווע... און מיר האָט אַ קלאַפּ געטון אין האַרצן.

— ווו דו ווילסט, אפילע אין דער וויַיסל אַריַין, אַבי אַרויס פון מייַן מאַמעס שטוב.— פאַלט זי מיר אַפן האַרץ מיט אַ געוויין.

— אין דער וויַיסל אַרייַן פירט מען ניט, ביסט אַ נאַריש מיידל!— זאָג איך.— נאָר קענסטו ניט זאָגן, וואָס איז דאָ פאַר אַ נייַס געוואָרן?—פרעג איך. נאָר זי הערט ניט, אָדער וויל ניט הערן, און זי טוליעט צו דעם קאָפּ צו מייַן האַרץ, ווי אַ כיידער־יינגל טוליעט זיך באַנאַכט צו דער מאַמען און שרעקט זיך פאַר אַ מייַסע מיט גאַזלאָנים...

— וואָס איז געשען?— פרעג איך נאָכאַמאָל, און דאָס האַרץ צעגייט מיר פאַר ראַכמאָנעס.

— דערווייַל גאָרניט, עס דאַרף ערשט געשען,—שיט זי אויס און טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף.—עס דאַרף ערשט געשען: מע וויל מיך אַרונטערשטעלן מיטן שוואָגער אונטער איין כופּע...

ווי מיט א שטיק גלאָז מע וואָלט מיר א ריס געטון אין מויעך! די לעבער פּלאַצט מיר אזש... נאָר איך האַלט מיך איַין...

— וואָס־זשע קלערסטו, וואָס פאר אן אייצע?

— אָ, ניין! — כאַפּט זי אוועק דעם קאָפּ פון מיַין האַרץ, ווי איך וואָלט זי א ביס געטון, און זי קוקט מיר שאַרף אין די אויגן אריַין, — אז דו האַלסט ערשט בא פרעגן, וואָס איך קלער צו טון, איז א סאָף... קער איך צום מאַלכאַמאָוועס!

— קערסט ניט! קערסט ניט!... — כאַפּ איך זי אַרום און הייב זי אָן צו קושן, — גלויב מיר, דוווירעלע, אז ניט... מיַין קאָפּ גיב איך אוועק פאר דיר! — פאַל איך איר אַרוף אפן אַקסל און וויין מיט... — — — —

איך העשע, זי העשעט... זי גלעט מיך, — שאַ... איך זי — שאַ... נאָר מע קען זיך ניט איַינהאַלטן!

שטאַרק איך מיך:

— פאָרט אזוי, וואָס טוט מען?

— זאָג דו, וואָס זאָל איך טון? — העשעט זי.

— זאָג דו, — בעט איך זי נאָכאַמאָל.

— וואָס דו ווילסט, טו מיט מיר!

— שטיי־זשע נאָר! — זאָג איך, — ס'איז שוין אָפּגעשטעלט א זמאַן כאַסענע?

— יאָ, אָפּגעשמועסט אף שאַבעס נאָך שוועס, נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען, אז... אז איך וויל ניט אזוי פרי... האָט מען אָפּגעלייגט אף שאַבעס נאַכמו.

— שאַ־זשע... — זאָג איך, — איז שוין באַלד ניט אזוי שלעכט. קען מען נאָך עפּעס אופטון! איך וועל דיך נעמען, פאַרשטייסטו מיך, גאָר אין א פרעמדער שטאָט אריַין, קיין קאַ־אַ־ל־ושין צו מיַין מומען... און וועסט זען, גאָט וועט העלפן...

— ווארט ניט, יאָסל! — גלעט זי מיך און בעט שטיל, — וואַ־ארט ניט, דאָס האַרץ שרעקט זיך מיך....

— שרעק דיך ניט, — גלעט איך זי איבער די ווייכע האָר, — וועסט זען...

— ניין, יאָסל, ניין!..

— וואָס דען?

— נעם מיך שוין, כאָטש צו דיר אהיים, — זאָגט זי שטיל, ווי פארשעמט.

דאָ בלײַב איך שוין שטיין ווי צעמישט... עפּעס א קליינײקײַט! אן אײַנפאל פון א מיידל! נעם זי אהיים! — לעמאָשל, איך טו שוין אזוי — שפּעט באנאכט קלאַפּ איך אָן אין לאָדן: „מאמע, עפן!" זי קייטלט אוף די טיר, און איך מיט דווירעלען גיבן מיר א קום ארײַן — באָרעכאבע! די מאמע מײַנע, ניט קיין נארישע יידענע, פארשטייט אן אייסעק... טוט ריישיס א פרעג — „דווירעלע, וואָס מאכסטו גוטס?" און דערווײַל טוט זי א טאַפּ דעם דויפעק... דערווײַל הייבט מײַן שוועסטער אוף דעם קאָפּ, ליגנדיק אין בעט, און קוקט פארווונדערט, אמאָל אף מיר, אמאָל אף דווירעלען ווי אײַנער רעדט: געכאַפּט באצײַטנס!.. א געשעפּט האָט ער, אז די שוועסטער איז עלטער...

— נאָר דאָס, זאָג איך, איז נאָך גאָרנישט, באָבקעס! דעריקער — שאבעס! מע גיט מיר האגבע אין מײַן כעוורעלע, און א גוטער־ברודער, אשטייגער, שטייט מיר הינטער די פּלייצעס, אראָפּגערוקט דאָס דאשיקל איבער די אויגן, און ווינקט איבער מײַן קאָפּ... און מאכט זיך א געלעכטערל — „הע, יאָסעלע, לאָז דיך קאָסטן צוויי מאָל „כײַ" אף א מישעבייערעך!.. האָסט געפּאקט א קליווע יאָלדעווקע"...

אָט אזוי וואָלט עס צוגעגאנגען, האָב איך נאָך פריער באַרעכנט, ווען איך טו ווי זי וויל!

בין איך מיך מעיאשעוו:

— הער, דווירעלע, רעדסט ווי א קינד! דײַן מאמע וועט קומען נאָך צו לויפן אין שטאָט ארײַן, און דער ראָוו וועט באלד שיקן דעם שאמעס...

— דו שרעקסט זיך פארן ראָוו?... — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, — שרעקסט זיך? און איך?.. גלויב מיר, יאָסל, אז קיין שרעק און קיין טויט איז פאר מיר ניטאָ, אויב דו ווילסט עס נאָר! נאָר עפּשער... עפּשער ווילסטו, איך זאָל מיך יאָ שרעקן!..

ניט קיין שלעכטע שטעכווערטלעך, טראכט איך מיר, און איך ענטפער באלד אָפּ:

— גלויב מיר, דוואירעלע, מיטן גאנצן הארצן וועל איך דיר פאָלגן, נאָר זע, עס האלט ניט אויס... איבער מענטשן...

זי איז שטיל געבליבן, ווײַזט אויס, פארשטאנען, אז איך בין ניט אינגאנצן אומגערעכט, און בײדע זיצן מיר פארטראכט. דאָס הארץ, האָב איך געפילט, פלאצט מיר פאר ראכמאָנעס, נאָר וואָס טוט מען? מע מוז שוין ווארטן ביז נאָך שוועס...

און מיר זיצן.

זי האלט דעם קאָפּ אף מײַן הארץ, און בײדע שווײַגן מיר. מע רעדט ניט א וואָרט, נאָר טיילמאָל טוט זי א זיפץ און א ציטער מיטן גאנצן גוף און אזוי ביז דער מאָרגנשטערן איז אופ־געגאנגען. ערשט דעמאָלט האָבן מיר זיך אופגעשטעלט, אָנגע־קושט, אָנגעהאלדזט. איז זי אוועק צו דער שטוב, און איך האָב נאָכגעקוקט נאָך אירע געשווינדע לײַכטע טריט, ביז איך האָב געהערט דאָס ריגעלע פון דער טיר....

איך האָב אײַנגעשפאנט און שפרינג שוין ארײַן אין וועגעלע. אין דעם מאכט זיך אוף די הויז־טיר און דוואירעלע באווײַזט זיך נאָכאמאָל, זי שטייט אף דער שוועל, רעדט ניט א וואָרט — א צייכן, און מיר ווערט עפּעס זייער באנקלעך, עס לאָזט מיך ניט אוועקפאָרן, ווייס איך אליין נישט, וואָס מע טוט. יאָ מיטנעמען... ניט מיטנעמען... ס'איז ניט קיין פלאן ניט אזוי, ניט אזוי!... און דערווײַל שטייט זי... הייב איך מיר אוף און גיי צוריק אראָפּ פונעם וועגעלע:

— דוואירעלע, — זאָג איך און נעם זי בא דער האנט, — זײַ ניט טרויעריק, דוואירעלע... ועסט זען, גאָט וועט העלפן.. האלט זיך אוף ביז נאָך שוועס...

זי האָט נישט געענטפערט, בלאס ווי די וואנט, און מיט טרערן אין די אויגן קוקט זי מיך אָן... איך האָב מיך לײַכט צו־געבויגן צו איר פּאָנעם און א קוש געטון, האָט זי זיך ווי צו־געקלעפּט צו מיר מיטן גאנצן גוף און ציטערנדיק געקושט און געקושט.

איך האָב מיך געזעגנט פײַן, שטיל און בין ארוף אפן וועגעלע. נאָר זי איז נאָך אלץ געשטאנען און נאָכגעקוקט מיר ווײַט אפן שאָסיי... ווי איינער רעדט: „דאָס לעצטע מאָל"...

און מאקע דאָס לעצטע מאָל, וואָרעם מע האָט זי גענארט, די מוטער האָט עקסטרע געזאָגט — שאבעס נאכמו... קעדיי אײַנ־צושטילן זי, דווירעלען, זי זאָל ניט וויינען... און באלד שאבעס נאָך שוועס, ס'הייסט דעם אייגענעם פרײַטיק פארנאכט, האָט די מוטע צוגיפגעקלאפט א מיניען מענטשן, געכאפט פיר דרענגער מיט א פלאכטע — און פארטיק שטאָס!... פאָטער אן אייסעק"...

דער הימל האָט שוין אָנגעהויבן בלייך צו ווערן, די שטערנד־לעך, — מאט, אויסגעלאָשן, ווי די בעסמעדרעש־לאָמפּן כאנעקע באנאכט... און די לעוואָנע איז שוין געשטאנען האלב פארזונקען אין דער ערד, און רויט ווי אין בלוט אײַנגעטונקען, האָט זי האלב־אפער געקוקט פון אונטערן עק הימל, ווארפנדיק נאָך א לעצטן טרויעריקן בליק צום הויז, ווו מיר שטייען.

איך האָב א קוק געטון אף יאָסלען, וועלכער האָט אויסגעזען פארטראכט, און איך זאָג:

— וואָס וועלן מיר שטיין דאָ?

— איר זענט גערעכט, — ענטפערט ער, פארטראכטערהייט ארופשטעלנדיק א פוס אף דעם פאָדערשטן ראָד, — איר זענט גע־רעכט... איך האָב שוין גאָרניט וואָס צו טון!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וויאָ!..

אינהאלט

	זייט
י. מ. ווײַסענבערג (וו. ליטוואקאָוו)	5
א שטעטל	13
קריינדעלע	94
א טאטע מיט באָנים	125
פון רעבנס שטוב	143
צום איידעם אף קעסט	174
דויר הוילעך וועדויר באָ	200
די מעשוגענע אין דאָרף	215